# סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## חֵלֶק ז'

## אִידִישׁ

שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע בְּרִיוון גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פוּל מִיט הִתְחַזְּקוּת ווִי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין ווֶעלְכֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, מִיט עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת אוֹיפְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן,

אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּנוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהַרָא"שׁ, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב
עִיר הַקֹּדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

מכון עצתו אמונה
הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**


סדר ועימוד, כריכה ושערים:
**א.י.ש. אשדוד**
08-8650078
0527627127

# לְזֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"ת - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטֹּאקַאִי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א
וזוגתו
**אסתר גיטל** תחי',
וילדיהם
שלמה ומשפ',
אלחנן חיים ומשפ',
מרים העניא זיסל ומשפ',
שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,
רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא
ויזכו לרות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם
אמן כן יהי רצון

# תּוֹכֶן הָעִנְיָנִים


תקפב וָואס מֵיינְט בִּיטוּל צוּ אַ צַדִּיק? .................... א

תקפג וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט? .................... ו

תקפד מֶעגְן דִי מֵיידְלֶעךְ מִיט זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת? .................... ח

תקפה מַיין מַאן אִיז אַ מְלַמֵּד, דַארְף עֶר הָאבְּן אוֹיסֶער דֶעם נָאךְ אַ שִׁיעוּר? .....יא

תקפט וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַיינֶע עֲבֵירוֹת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? טו

תקפח ווִי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן קְלוּג פוּן גְמָרָא, אוֹיבּ זָאגְט מֶען בְּלוֹיז? ............יז

תקפז אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, זָאל אִיךְ פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גֵיין אִין מִקְוֶה?... כא

תקפו מֶעג אַ פְרוֹי גֵיין אוֹיף אַ בֵּית הַחַיִּים? .................... כג

תקצ מֶעג אִיךְ זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ? .................... כה

תקצא אִיךְ ווִיל זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, ווִי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ? .................... כח

תקצב ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶער סֵדֶר הַיּוֹם? .................... לא

תקצג אִיךְ בִּין אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין יְשִׁיבָה? לד

תקצד הָאט אִיר פַאר מִיר אַ דֶרֶךְ תְּשׁוּבָה אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת? .................... לז

תקצה מַיין מַאן טוּט גָארְנִישְׁט, זָאל אִיךְ זִיךְ גֶטְ'ן? .................... לט

תקצו זָאל אִיךְ אוֹיסְהֶערְן מַיין טַאטֶע, אָדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיט מַיין ווַייבּ? .......... מב

תקצז זָאל אִיךְ אָפְּהַאקְן קֶשֶׁר מִיט אֵיינֶעם וָואס ווִיל טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן? מה

תקצח וֶועלְכֶע מַסֶכְתָּא זָאל אִיךְ לֶערְנֶען צְווִישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת? .......... מז

תקצט מֶעג אִיךְ עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים? ...נא

תר ווִי אַזוֹי זָאגְט מֶען דִי שֵׁמוֹת בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה לְהָאֲרִיזַ"ל? .... נז

תרא וֶוען דַארְף מֶען זָאגְן מוּסָר פַאר אַ צְוֵוייטְן אוּן וֶוען נִישְׁט? .................... נט

תרב ווִי מֶער אִיךְ קוּם צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּיר אִיךְ אַז עֶר דַארְף מִיךְ נִישְׁט .................... סב

תרג ווִי אַזוֹי שֶׁעמְט מֶען זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? .................... סו

**תרד** אִיךְ בִּין אַסאַךְ דורְכְגֶעפַאלְן, אִיךְ הָאב נִישְׁט קֵיין טַעַם אִין לֶעבְּן, וָואס טוּ אִיךְ?........................................ **סט**

**תרה** וָואס אִיז דִי יוֹשֶׁר נִישְׁט צוּ גֶעבְּן פַאר אַ כַּלָּה טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען? ......... **עד**

**תרו** וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּנֶעם פְלַאקֶערְדִיגְן יֵצֶר הָרָע?.........**פ**

**תרז** זָאל אִיךְ זָאגְן פַאר מַיין מַאמֶע אַז דִי עֶסְן אִיז נִישְׁט גוּט?.............**פג**

**תרח** קֶען מֶען יוֹצֵא זַיין "קִמְחָא דְפִסְחָא" דוּרְכְן צָאלְן דִי גֶעהַאלְט פַאר מְלַמְּדִים?..**פז**

**תרט** וואוּ זֶענֶען אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם? .............................................. **צ**

**תרי** מַיין מַאן פַארְבְּרֶענְגְט צוּפִיל מִיט זַיין מַאמֶע, וָואס טוּ אִיךְ? ............. **צד**

**תריא** מֶען הַאלְט מִיךְ פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער לֵיידֶער בִּין אִיךְ נִישְׁט, וָואס טוּט מֶען?........................................ **צו**

**תריב** וָואס טוּט מֶען וֶוען דֶער לֶענְדְלָארְד פַּיינִיגְט וֶועגְן דִי רֶענְט?............. **צח**

**תריג** זָאל מֶען גֶעבְּן "חִיזוּק יוֹמִי" קַארְטְלֶעךְ פַאר אוּמְזִיסְט? ................. **קא**

**תריד** וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ מַיין מַאן זַיין עֶרְלִיךְ און וואוּיל?.....................**קג**

**תרטו** זָאל אִיךְ גֵיין הַפָּצָה, אֲפִילוּ וֶוען דָאס אִיז מְצַעֵר מַיינֶע עֶלְטֶערְן? ..........**קו**

**תרטז** מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, וָואס דַארְף אִיךְ טוּן צוּ דֶעם?.................**קח**

**תריז** וִוי אַזוֹי לָאז אִיךְ זִיךְ אָפּ פוּן אַ שְׁלֶעכְטְן חַבֵר? ........................**קיב**

**תריח** וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַנְשְׁטָאט קוּקְן מָאוִויס?...............................**קיד**

**תריט** קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן חִיזוּק אוֹיף צְנִיעוּת?.................................**קיז**

**תרכ** דֶער מְחוּתָּן דְרֵייְדְט אַסאַךְ דֶעם קָאפּ, זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן דֶעם שִׁידוּךְ?.... **קכ**

**תרכא** פַארְוָואס דַארְף מֶען אַזוֹיפִיל בֶּעטְן אוֹיף מָשִׁיחַ? ........................**קכב**

**תרכב** וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אַ חוֹזֵק מִיט מַיינֶע תְּפִלּוֹת?............**קכה**

**תרכג** וָואס קֶען אִיךְ טוּן אוֹיסְגֶעהֵיילְט צוּ וֶוערְן פוּן הוֹיט אוֹיסְשְׁלַאגְן?.........**קכט**

**תרכד** וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ שֶׁעצְט נִישְׁט מַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט? ..........**קלא**

**תרכה** וָואס טוּט מֶען מִיט אַ בָּחוּר וָואס הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט?....................**קלד**

**תרכו** מֶעג אַ מֵיידְל גֵיין מִיט הוֹיזְן בַּיינַאכְט?.................................**קלח**

**תרכז** עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ גֵיהִנּוֹם בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?.............................................. **קלט**

**תרכח** אִיךְ פָאר קַיין אוּמַאן, וָואס דַארְף אִיךְ דָארְט אִינְזִין הָאבְּן? .............**קמד**

תרכט וִוי אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ מִיט דִי קָמֵיעַ פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ? .................. קמו
תרל מֶעג מֶען לֶערְנֶען אִין דִי "שְׁטֵיינְזַאלְץ" גְּמָרָא? ............................ קמט
תרלא דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעוֵוינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען? ............................................ קנ
תרלב וִוי אַזוֹי דַאנְק אִיךְ אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט מִיר דָאךְ גֶעבְּרֶענְגְט דִי צָרָה? ............................................ קנה
תרלג אַ גְרוּפֶּע בָּחוּרִים זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק אִינְאֵיינֶעם, קֶענְט אִיר אוּנְז גֶעבְּן חִיזּוּק? .... קנט
תרלד מַיינֶע עֶלְטֶערְן זוּכְן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע בָּאמְבֶּע שִׁידוּךְ, אָבֶער אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן ............................................ קסב
תרלה פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרַ"אשׁ אַיינְגֶעפִירְט אִין יַבְנְאֵל צוּ גֵיין שַׁבָּת מִיט אַ וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע? ............................................ קסז
תרלו אִיךְ וִויל מְחַנֵּךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶער אִיךְ פַאל פוּן דִי כּוֹחוֹת......... קע
תרלז דַארְף אִיךְ מַמָּשׁ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי וֶועלְט צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? ............................................ קעג
תרלח אִיז דָא אַ תִּיקּוּן אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית? ......................... קעה
תרלט וָואס מֵיינְט פַאר מִיר דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶעס? ........................ קפא
תרמ וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הַאלְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס דִי יְסוּרִים? .......... קפד
תרמא אִיךְ בִּין אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט וֶועמֶען זִיךְ צוּ חַבֶרְ'ן .... קפח
תרמב מֶעג מֶען גֵיין צוּם דָאקְטֶער אוּן נֶעמֶען מֶעדֶעצִין? .......................... קצא
תרמג מֶעג מֶען לֶערְנֶען אַלֵיין, אָדֶער נָאר מִיט אַ חַבְרוּתָא? ...................... קצד
תרמד מֶעג מֶען טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל בַּיי פַארְבְּרֶענְגֶענְס? ........................ קצו
תרמה הָאבּ אִיךְ אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה? .............................................. רב
תרמו מֶעג מֶען מְחַזֵּק זַיין דִי אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן? ................................ רה
תרמז שְׁאֵלוֹת אִיבֶּער הִתְחַזְּקוּת, קִינְדֶער, אוּן טֶערֶעפִּי .......................... רט
תרמח פַארְוָואס הָאט דִי כַּלָּה נִישְׁט גֶעשִׁיקְט דֶעם טַלִּית פַארְן חָתָן? ........... ריג
תרמט דַארְף אִיךְ מַשְׁלִים זַיין צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין סֵדֶר בְּרֵאשִׁית? ............. ריח
תרנ וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ? ..................................... רכב
תרנא וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוֹיפְן גַאס? ......................... רכה
תרנב אִיךְ אַרְבֶּעט אַזוֹי סַאךְ, אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט אָטֶעמֶען, וָואס טוּט מֶען? רכח

תרנג אִיז מֶען יוֹצֵא לִימוּד הַתּוֹרָה בְּלוֹיז מִיטְן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער?..............רלג

תרנד וִויפִיל דַארְף מֶען פַארְקוּקְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ?.........................רלז

תרנה פַארְוָואס קוּמְט מִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?..........רמ

תרנו ווי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז מַיין ווייב זָאל זִיךְ בֶּעסֶער אַהֶערְשְׁטֶעלְן?..........רמג

תרנז זָאל אִיךְ אוֹיסְהֶערְן אַ שִׁידוּךְ פוּן אַן אַנְדֶערֶע קְהִלָּה?..........................רמה

תרנח מַיין שָׁכֵן טוּט זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן מִיר, ווִי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אִים?..........................................................................רמז

תרנט אֶפְשָׁר גֶעבְּט אִיר מִיר חִיזוּק אֵיידֶער אִיךְ פַאל אַוֶועק אִינְגַאנְצְן?........רמט

תרס מַיין ווייבּ רֶעדְט צוּפִיל מִיט אִיר שְׁוֶועסְטֶער..........................רנב

תרסא זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין בָּחוּר דְרֵייוְון אַ מָאטָאר בִּיצִיקְל?.....................רנה

תרסב ווי אַזוֹי רֵיינִיג אִיךְ אוֹיס מַיין מֹחַ פוּן דִי מָאווִיס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט?רנו

תרסג ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין טַאטֶע?.........................רס

תרסד ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן?...............רסג

תרסה אוֹיף חֲתוּנוֹת שְׁפָּארְט מֶען, פַארְוָואס אוֹיף אוּמַאן גֶעבְּט מֶען יָא אוֹיס גֶעלְט?...........................................................................רסה

תרסו מַיין ווייבּ זָאל נָאר נִישְׁט גֶעוואוּיר וֶוערְן וָואס אִיךְ טוּ..................רסח

תרסז ווי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?..רעא

תרסח זָאל אִיךְ מַסְכִּים זַיין צוּ אַ שִׁידוּךְ מִיט מֶער אַ פַארְמַאכְטֶע מֵיידְל?.....עדר

תרסט דַארְף אִיךְ טַאקֶע נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס וֶועגְן?..רעח

תרע מֶעג מֶען קוֹיפְן קְלֵיידֶער פוּן פָארְאוֹיס?...........................רפב

תרעא וֶועט עֶר זַיין אַ גוּטֶער מַאן פַאר מַיין טָאכְטֶער?.....................רפד

תרעב מַיין מַאן רֶעדְט אַסַאךְ מִיט זַיין נִיכְטֶע, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?......רפז

תרעג פַארְוָואס רֶעדְט מֶען נִישְׁט אָפְן צוּ קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים?.................רצא

תרעד וָואס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאלְטְן וֶועגְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער?......רצד

תרעה וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין טַאטֶע וִויל אַנְדֶערְשׁ?...........................רחצ

תרעו מַיין לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק צָרוֹת, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?.......ש

תרעז אִיז טַאקֶע נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי חֲבֵרִים?...........................שו

תרעח צִי פֶעלְט אוֹיס צוּ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער?.........................שי

תרעט ווי אַזוֹי וֶוער אִיךְ פָּטוּר פוּן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן?.........................שיד

**תרפ** ווי אַזוֹי הָאט אִיר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן?........................ **שיט**

**תרפא** וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין נָאנְטְשַׁאפְט צוּם מַאן? ..... **שכב**

**תרפב** קֶען מֶען עֶסְן פְלֵייש אִין דִי נַיין טֶעג, וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען גֶענְצְלִיךְ דָאס לֶערְנֶען?........................ **שכו**

**תרפג** וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין טַאטֶע מַאכְט זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת? **שכט**

**תרפד** מַיין וַוייבּ אִיז מִיר גֶעוָוארְן מַיין פָּאלִיצְיַאנְט, ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה?........................ **שלג**

**תרפה** וָואס טוּט מֶען אַז נָאךְ דִי חֲתוּנָּה הָאט מֶען וַוייטֶער נִסְיוֹנוֹת?.......... **שלז**

**תרפו** אַז אִיךְ הַאלְט מִיט פוּן דֶערְוַוייטְנְס, בִּין אִיךְ אוֹיךְ אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ?**שמ**

**תרפז** וֶוען וֶועט שׁוֹין מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ קוּמֶען?........................ **שמג**

**תרפח** קֶען מֶען לְכַתְּחִלָּה נוּצְן אַ סְווִימִינְג פּוּל פַאר אַ מִקְוֶה?.......... **שמז**

**תרפט** ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת?........................ **שמט**

**תרצ** קֶען אַ מַאמֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַנְשְׁטָאט אִיר קִינְד?............ **שנב**

**תרצא** אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי חִיזוּק שִׁיעוּרִים........................ **שנז**

**תרצב** ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּי'ן אִין מַיין שְׁטוּבּ?.............. **שס**

**תרצג** אֵיין מִינוּט בִּין אִיךְ גוּט אוּן אֵיין מִינוּט שְׁלֶעכְט, וָואס טוּט מֶען? ...... **שסד**

**תרצד** וָואס טוּט מֶען וֶוען מַחֲשָׁבוֹת פוּן לִיבְּשַׁאפְט פַּיינִיגְן אִין מֹחַ?.......... **שסז**

**תרצה** וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען פִילְט זִיךְ לֵיידִיג?........................ **שסט**

**תרצו** מִיר ווִילְן שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, וָואס טוּט מֶען?........... **שעב**

**תרצז** וויפִיל גֶעלְט מֶעג מֶען אוֹיסְגֶעבְּן בַּיי אַ שִׂמְחָה?........................ **שעד**

**תרצח** פוּן וֶועלְכֶע עֶלְטֶער טָארְן אִינְגְלֶעךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט מֵיידְלֶעךְ? ......... **שעו**

**תרצט** מַיין בָּחוּר אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן, זָאל אִיךְ לֶערְנֶען מִיט אִים? ............ **שעט**

**תש** מֶעג אַ פְרוֹי זִיךְ שֵׁיין מַאכְן? ........................ **שפב**

**תשא** מַיין לֶעבְּנְס שְׁטֵייגֶער אִיז פַארְדְרֵיידְט גֶעוָוארְן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ חֲתוּנָּה הָאבְּן?........................ **שפג**

**תשב** מוּז מֶען גֵיין אִין פֶעלְד צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אָדֶער נִישְׁט?............. **שפט**

**תשג** וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין נִיכְטֶע אִיז מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְצַעֵר?........... **שצג**

**תשד** וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַ חָתָן וֶוערְן?........................ **שצו**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## חלק ז

# תקפב

## וָואס מֵיינְט בִּיטוּל צוּ אַ צַדִּיק?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס מֵיינְט 'בִּיטוּל צוּ אַ צַדִּיק', ווִי אַזוֹי אִיז מֶען דָאס מְקַיֵּם בִּשְׁלֵמוּת?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דִּי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, דַארְפְסְטוּ אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים צוּ ווִיסְן וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל בִּכְלַל מִיר זָאלְן טוּן. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב)**: "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים.**

**דֶערִיבֶּער, אַז מֶען ווִיל ווִיסְן וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל - דַארְף מֶען לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים, אוּן נָאכְדֶעם וָואס מֶען ווֵייסְט שׁוֹין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז - דַארְף מֶען פָאלְגְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אַלֶעם וָואס עֶר זָאגְט. ווַייל דֶער רֶבִּי**

זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קכג) דֶער עִקָּר אוּן דֶער יְסוֹד אִיז וָואס אַלֶעס וֶועט זִיךְ - אִיז זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּם צַדִּיק הַדּוֹר אוּן אָנְנֶעמֶען אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט, סַיי אַ קְלֵיינֶע זַאךְ אוּן סַיי אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועקְדְרֶיען פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין סִפְרֵי פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, פִּיסְקָא קנד): "אֲפִילוּ אוֹמֵר לְךָ עַל יָמִין שֶׁהוּא שְׂמֹאל וְעַל שְׂמֹאל שֶׁהוּא יָמִין"; דָאס הֵייסְט, דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְוָוארְפְן זַיין אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט בִּכְלָל נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, נָאר דָאס וָואס עֶר בַּאקוּמְט פוּנֶעם צַדִּיק. אוּן ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ נָאךְ מִיט זַיין אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט קַיין שְׁלֵמוּת אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אֱמֶת'דִיג מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל פוּן אוּנְז, מִיר זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ; אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג אוּן בִּיטֶערֶע צַייטְן דַארְף מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיב עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; דַארְף מֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, 'זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם צַדִּיק' צוּ זַיין

פְרֵייליךְ. ווייל ווען דער מענטש איז פְרֵייליךְ, ער גִיבּט זיךְ איבּער צום אייבּערשטן - דאן איז אים דער אייבּערשטער מוחל אַלע זיינע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי ווי עס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", אַז איך פְרֵיי זיך מיטן אייבּערשטן, דערמאָלט: "יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ" - איז מער נישטאָ קיין עֲבֵירוֹת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן צ).

די צְווייטע זאך וואס דער רבּי וויל פון אונז - מיר זאָלן זיך צוגעוואוינען זיך אויסצורעדן אונזער הַאַרְץ צום אייבּערשטן, יעדער איינער אויף זיין אייגענע שְׁפְּראך. אַזוֹי ווי דער הייליגער רבּי זאָגט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", הִתְבּוֹדְדוּת איז גרעסער פון אַלע מַדְרֵיגוֹת און עֲבוֹדוֹת וואס איז נאָר שַׁיָּךְ צו טון; מען זאָל זיך מאכן אַ צייט וואס מען לאָזט אַלעס אָפּ, גיין אויף אַ פְּלַאץ וואו קיינער איז נישט דאָרט און זיך אויסשמועסן דאס הַאַרְץ מיטן אייבּערשטן; אים בּעטן: "בּאַשֶׁעפֶער, האָבּ שׁוֹין רַחֲמָנוּת אויף מיר און זיי מיך מְקָרֵב צו דיר". אֲפִילוּ עס איז שווער און מען טְראַכט: 'וואס?' 'ווען?' 'ווי?' 'ווער דאַרף מיך?' 'ווער הערט מיך אויס וְכוּ' וְכוּ'?' דאך דאַרף מען זיך מוֹסֵר נֶפֶשׁ זיין צו פאָלגן דעם רבּי'ן, 'זיך מְבַטֵּל זיין צום צַדִּיק' און יעדן טאָג מאכן אַ צייט צו רעדן מיטן אייבּערשטן.

דְרִיטְנְס - מיר דאַרפן פאָלגן דעם רבּי'ן וואס האָט אונז געהייסן לערנען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, דער רבּי האָט

אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד' (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דוּרְכְּדֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; אֲפִילוּ עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער 'דַארְף מֶען זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם צַדִּיק' אוּן פָאלְגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, שָׁם): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, "רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת. וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשָׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

**נָאךְ** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר

כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמְמֵילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.; עֲבוֹדָה זָרָה יט.): 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ): 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לִגְמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

**גְלֵייבּ** מִיר, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מְקַיֵּם זַיין דִי דְרֵיי זַאכְן; דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר וֶועסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן - דָאס אִיז בִּיטוּל בִּשְׁלֵמוּת צוּם צַדִיק אוּן דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, דוּרְךְ דֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְן אַ חַיִים טוֹבִים בָּעוֹלָם הַזֶה וּבָעוֹלָם הַבָּא.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקפג

### וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס טוּט מֶען אַז דִי קִינְדֶער ווילְן נִישְׁט פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן? אִיר הָאט עֶפֶּעס אַן עֵצָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, י"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

**װִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט און אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי צוּ מְחַנֵךְ זַיין.

**עֶס** אִיז נִישְׁט דַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז דַיינֶע קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט און עֶס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם אַז זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט. אַזוֹי אִיז דֶער דֶרֶךְ הָעוֹלָם; קִינְדֶער זֶענֶען װִילְד, לֶעבֶּעדִיג און נִישְׁט הֶערֶעוְודִיג, קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט װֶוען מֶען רוּפְט זֵיי - נִישְׁט בַּיי אֵיין מָאל און אוֹיךְ נִישְׁט בַּיי צְוֵויי מָאל, דִי גֶעזוּנְטֶע נַאטוּר פוּן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט צוּ פָאלְגְן וְכוּ'.

**יֶעצְט** נָאכְן הֶערְן דִי הַקְדָמָה װֶועט דִיר זַיין אַסַאךְ גְרִינְגֶער זֵיי מְחַנֵךְ צוּ זַיין; דוּ װֶועסְט נִישְׁט װֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ און פַארְלוֹירְן וְכוּ' װֶוען דוּ װֶועסְט זֵיי עֶפֶּעס הֵייסְן און זֵיי װֶועלְן נִישְׁט הֶערְן, נָאר דוּ װֶועסְט רֶעדְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל בִּיז זֵיי װֶועלְן פָאלְגְן.

**נָאךְ** אַ זַאךְ אִיז װִיכְטִיג צוּ װִיסְן, װֶוען מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער 'נֵיין' וְכַדוֹמֶה, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן שׁוּלְדִיג װֶוען מֶען זֶעט װִי זֵיי הוֹיבְּן אָן בְּלָאזְן און מַאכְן אַ בְּרוֹגֶז פָּנִים וְכוּ'. אוֹיבּ מֶען לוֹיפְט צוּ דִי קִינְדֶער און מֶען הוֹיבְּט זֵיי אָן פַארְגִיטִיגְן, מַאכְט דָאס אַז זֵיי זָאלְן מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי עֶלְטֶערְן, װַויל אַ װָארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע װֶוערְט גְרִינְגְגֶעשֶׁעצְט. קִינְדֶער

דַארְפְן ווִיסְן אַז אוֹיב דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ זָאגְן 'נֵיין'; 'קֶענְסְט נִישְׁט גֵיין דָארְט'; 'מִיר קוֹיפְן דָאס נִישְׁט'; וְכַדוֹמֶה, בְּלַייבְּט דָאס אַזוֹי, און מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ שׁוּלְד גֶעפִיל [גִילְטִי קַאנְטְשֶׁעס] און צוּרִיקְצִיעֶן.

וְעַל כּוּלָם דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן אֲפִילוּ אֵיין טָאג פוּן בֶּעטְן און בֶּעטְן פַאר עֶרְלִיכֶע און גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, וַוייל תְּפִלָּה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, בִּפְרַט תְּפִילּוֹת פוּן עֶלְטֶערְן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּצִיעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער עַל דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה.

## תקפד

### מֶעגְן דִי מֵיידְלֶעךְ מִיט זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק און דְרָשׁוֹת.

אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט לֶעצְטְנְס בַּיי אַ דְרָשָׁה ווִי אִיר זָאגְט אַז דִי מִשְׁפָּחָה קֶען זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת; דֶער טַאטֶע, דִי מַאמֶע און דִי קִינְדֶער.

אִיךְ מֵיין אַז דָאס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה. אוֹיבּ וֵוייס אִיךְ גוּט אִיז דִי הֲלָכָה אַז דֶער טַאטֶע מֶעג טַאקֶע הֶערְן זַיין וַוייבּ אוּן טֶעכְטֶער זִינְגֶען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז קוֹל בְּאִשָּׁה עֶרְוָה, אוּן עֶר טָאר נִישְׁט זָאגְן קַיין דְבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה בִּשְׁעַת זֵיי זִינְגֶען. אַזוֹי ווִי וֶוען זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעדֶעקְט צְנִיעוּת'דִיג אִיז דָאס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם פַארְן טַאטְן אוּן מַאן, אָבֶּער עֶר טָאר נִישְׁט דֶערמָאלְט זָאגְן קַיין דְבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה אִין פָּארְנְט פוּן זֵיי.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס עֶנְטְפֶערְן אוּן קְלָארְשְׁטֶעלְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, י"ט אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִין** שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב (חֵלֶק כז, מִכְתָּב ג' אֲלָפִים, תמד) פְּרֶעגְט אֵיינֶער אָן מוֹהֲרָא"ש אַזַא שְׁאֵלָה: "אִיךְ פִיר זִיךְ צוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צוּזַאמֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער הֱיוֹת אִיךְ הָאבּ שׁוֹין עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, ווִיל אִיךְ פְּרֶעגְן אוֹיבּ זֵיי מֶעגְן מִיטְזִינְגֶען צוּזַאמֶען מִיט מִיר דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת?" אוּן מוֹהֲרָא"ש עֶנְטְפֶערְט אִים: "אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ שֶׁאַתָּה שָׁר וּמְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשֻׁלְחָן הַשַּׁבָּת עִם כָּל הַיְלָדִים", וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ זִינְגְסְט זְמִירוֹת שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה מִיט אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער, "שֶׁרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הִקְפִּיד עַל זֶה מְאֹד מְאֹד, וְרָצָה שֶׁאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ יָשִׁירוּ בְּכָל שַׁבָּת אֶת שִׁירֵי הַשַּׁבָּת וְיֹאמְרוּ אֶת כָּל הַזְּמִירוֹת וְלֹא יִתְבַּיְּשׁוּ מֵאַף אֶחָד,

כִּי עִקַּר הַיַּהֲדוּת זֶה תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת", ווייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועֶן מֶען זָאל זִינְגֶען יֶעדְן שַׁבָּת נִיגּוּנִים לְכָבוֹד שַׁבָּת, אוּן מֶען זָאל זָאגְן אוּן זִינְגֶען אַלֶע זְמִירוֹת אוּן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם, ווייל זִינְגֶען זְמִירוֹת אוֹם שַׁבָּת אִיז אַן עִקָּר אִין אִידִישְׁקֵייט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קד).

**זָאגְט** מוֹהֲרָא"שׁ וַוייטֶער: "וְלָכֵן גַּם הַבָּנוֹת הַגְּדוֹלוֹת יְכוֹלוֹת לָשִׁיר, כִּי סוֹף כָּל סוֹף זֶה בְּתוֹךְ הַמִּשְׁפָּחָה", דֶערִיבֶּער קֶענְסְטוּ זִינְגֶען מִיט דַיינֶע מֵיידְלֶעךְ דִי זְמִירוֹת ווייל דָאס אִיז דָאךְ דַיין מִשְׁפָּחָה. "וְכַמּוּבָן, שֶׁאָסוּר שֶׁיִּהְיוּ שָׁמָּה אֲנָשִׁים זָרִים", פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס טָארְן זִיךְ נִישְׁט גֶעפִינֶען דָארְט פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן, ווייל (בְּרָכוֹת כד:): "קוֹל בְּאִשָּׁה עֶרְוָה", פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן טָארְן נִישְׁט הֶערְן פְרוֹיעֶן זִינְגֶען, "אֲבָל בְּתוֹךְ הַמִּשְׁפָּחָה, שֶׁלֹּא נִמְצָאִים רַק אַתָּה וְאִשְׁתְּךָ וְהַיְלָדִים - מֻתָּר גַּם לַבָּנוֹת הַגְּדוֹלוֹת לָשִׁיר", אָבֶּער מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה אַלֵיין, וֶוען נָאר דַיין ווייבּ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען בַּיי דִי סְעוּדָה - קֶענֶען זֵיי מִיטְזִינְגֶען דִי זְמִירוֹת.

**מוֹהֲרָא"שׁ** פִּירְט אוֹיס דִי תְּשׁוּבָה: "וְזֶה מֵעִקַּר הַחִינּוּךְ - לְחַנֵּךְ אֶת הַיְלָדִים שֶׁיָּשִׁירוּ זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת, שֶׁזֶּה דָבָר גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד", זִינְגֶען זְמִירוֹת מִיט דִי קִינְדֶער אִיז אַן עִקָּר אוּן אַ יְסוֹד אִין חִינּוּךְ; דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקפה

## מַיין מַאן אִיז אַ מְלַמֵד, דַארְף עֶר הָאבְּן אוֹיסֶער דֶעם נָאךְ אַ שִׁיעוּר?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען זֵייעֶר מְחַזֵק, אוּן פַאר דִי הֶערְלִיכֶע נִיגוּנִים מִיט וָואס מִיר זֶענֶען זִיךְ מַמָש מְחַיֶ'.

אִיךְ בִּין אַ פְּרוּוִי, אוּן מַיין מַאן אִיז אַ מְלַמֵד. אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק עֶר זָאל גֵיין בַּיינַאכְט צוּ אַ שִׁיעוּר תּוֹרָה, אָבֶּער עֶר זָאגְט אַז עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן עֶר אִיז שׁוֹין יוֹצֵא מִיט דֶעם, אִיךְ ווֵייס אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ עֶר אִיז גֶערֶעכְט מִיט דֶעם.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין זַיין תּוֹרָה, אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אוּן אִיךְ גְרֵייט אִים אָן עֶסְן אוּן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען רוּאִיגֶערְהֵייט מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר, אִיךְ ווִיל אָבֶּער אַזוֹי שְׁטַארְק אַז עֶר זָאל אוֹיךְ הָאבְּן אַ גֶעהֶערִיגֶע שִׁיעוּר אִין תּוֹרָה יֶעדֶע נַאכְט.

זָאל אִיךְ אִים מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל גֵיין לֶערְנֶען בַּיינַאכְט? אוּן אוֹיבּ יָא, וָואס זָאג אִיךְ אִים? ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן עֶר זָאל וֶועלְן גֵיין לֶערְנֶען בַּיינַאכְט?

אַגַב, מִיר וַוארְטְן שׁוֹין דְרֵיי יָאר אוֹיף קִינְדֶער. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף דֶעם, אִיךְ פִּיר זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ דַאנְק בְּרִיוו אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אָבֶּער וֶוען אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעוִויזְן פַאר מַיין מַאן הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט דָאס נִישְׁט, פַארְוָואס זָאל מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער? מִיר דַארְפְן

נָאר בֶּעטְן אוֹיף דֶעם[א]; ווייל אִיךְ ווייסְן וָואס אִיז טַאקֶע דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג צוּ טוּן וֶועגְן דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט אַלֶעם גוּטְס

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, י"ט אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָנִיֵאל יב, ג): "'וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים', אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת", אַ מְלַמֵּד אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ דִי שְׁטֶערְנְס, פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן הִימְל, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ מְלַמֵּד; אֱמֶת, בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אַ מְלַמֵּד נִישְׁט אַזַא חָשׁוּבְ'עֶר שְׁטֶעלֶע, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי. מְלַמְּדוּת אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אוּן אַן אַחְרָיוּת'דִיגֶע אַרְבֶּעט, ווייל אַ מְלַמֵּד קֶען אוֹיפְהֵייבְן קִינְדֶער אוּן זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן פַאר זֵייעֶר גַאנְצֶער לֶעבְן, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ - עֶר קֶען נֶעמֶען אַ קִינְד אוּן אִים אַזוֹי אַרָאפְּקְלַאפְּן,

א. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ב', מִכְתָּב קלח; חֵלֶק ה', מִכְתָּב תלד.

אַז דֶער קִינְד זָאל בְּלַייבְּן אַ צֶעקְלַאפְּטֶע נְשָׁמָה אוֹיף זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן.

**הַדָּבָר** הָרִאשׁוֹן בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר פְּרֵייעֶן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָ' צוּ הָאבְּן אַ מַאן וָואס אִיז עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט בַּאדֶערְן אַז עֶר גֵייט נִישְׁט בַּיינַאכְט לֶערְנֶען וְכוּ'. אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען מְלַמְּדִים, וֶוען זֵיי קוּמֶען צוּ מִיר מִיט דִי טַעֲנָה אַז זֵיי קוּמֶען נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע שִׁיעוּרִים: "לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אִיז מֶער ווִי לֶערְנֶען פַאר זִיךְ"; וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער אִיז דָאס תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה מט:): אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כו): "פִּיהָ פָּתְחָה בְחָכְמָה וְ'תוֹרַת חֶסֶד' עַל לְשׁוֹנָהּ", וָואס אִיז תּוֹרַת חֶסֶד אוּן וָואס אִיז נִישְׁט תּוֹרַת חֶסֶד? "תּוֹרָה לְלַמְּדָהּ, זוֹ הִיא תּוֹרָה שֶׁל חֶסֶד, שֶׁלֹּא לְלַמְּדָהּ, זוֹ הִיא תּוֹרָה שֶׁאֵינָהּ שֶׁל חֶסֶד", וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אַ צְוֵוייטְן - בִּפְרַט מִיט רֵיינֶע קִינְדֶער, תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן וָואס זֶענֶען נָאךְ לוֹיטֶער אוּן רֵיין - דָאס אִיז תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן אַזַא תּוֹרָה.

**דֶערְפַאר** זָאלְט אִיר זִיךְ פְּרֵייעֶן אַז אַייעֶר מַאן אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג תּוֹרָה לִשְׁמָהּ. אִיר דַארְפְּט פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ זִיצְן מִיט קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג, דִי גַאנְצֶע כֹּחַ אוּן מֹחַ וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט נָאךְ אַ טָאג זִיצְן מִיט קִינְדֶער, זָאלְט אִיר אִים נָאר מְחַזֵּק זַיין אוּן מְכַבֵּד זַיין.

בֶּעטְס דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַײך גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוּיס צוּ שְׁרַייבְּן פַּארְן אײבֶּערְשְׁטְן בְּרִיוְו וְכוּ'; וֶוען מֶען אִיז צֶעקְרִיגְט מִיט אֵיינֶעם אוּן מֶען שֶׁעמְט זִיךְ צוּ רֶעדְן מִיט יֶענֶעם - הוֹיבְּט מֶען אָן מִיט אַ בְּרִיוו, וַוייל מֶען שֶׁעמְט זִיךְ אָנְצוּהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט יֶענֶעם וְכוּ', אָבֶּער מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ רֶעדְן, דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען בֶּעטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן אוֹיפְהֶער, בִּיז עֶר וֶועט הֶעלְפְן.

אַוַדאי זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ. אַז אִיר הָאט אַ טֵייעֶרֶער מַאן וְכוּ', אַז אִיר זֶענְט בֵּיידֶע גֶעזוּנְט וְכוּ' אוּן אַז אִיר וֵוייסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּ אִים; אוֹיף דֶעם אַלֶעם זָאלְט אִיר אִים דַאנְקֶען, אוּן נָאכְן דַאנְקֶען בֶּעטְס אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶּער, וָואס דוּ הָאסְט בַּאשַאפְן אַזַא גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע וֶועלְט, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער"; שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אַזוֹי ווִי חַנָּה - שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא'ס מַאמֶע - הָאט גֶעבֶּעטְן קִינְדֶער. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפוּנֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לא.): "כַּמָּה הִלְכְתָא גִּבְרָוָותָא אִיכָּא לְמִשְׁמַע מֵהָנֵי קְרָאֵי דְּחַנָּה", זֵייעֶר אַסַאךְ הֲלָכוֹת אִין הִלְכוֹת תְּפִלָּה לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פוּן חַנָּה - דִי מַאמֶע פוּן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא; זִי הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן בִּיז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא הֵיילִיג קִינְד. זִי הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "ה' צְבָקוֹת" זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת, שָׁם) זִי הָאט

גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן אַזַא גְרוֹיסֶע וֶועלְט, בֶּעט אִיךְ דִיר גֶעבּ מִיר אַ קִינְד", בֶּעטְס אוֹיךְ אַזוֹי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִיר זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בְּקָרוֹב וֶועט אִיר מִיר מְבַשֵּׂר זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע בְּשׂוֹרָה.

# תקפט

**וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַיינֶע עֲבֵירוֹת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַסאךְ מָאל וֶוען אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַאלְט אִיךְ זִיךְ צוּרִיק, ווייל אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פָּשׁוּט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ טוּ. אוֹיךְ בַּיינַאכְט וֶוען אִיךְ וִויל אִיבֶּערְגֵיין מַיין טָאג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - שֶׁעם אִיךְ זִיךְ צוּ רֶעדְן וִוי אַזוֹי מַיין טָאג אִיז נֶעבֶּעךְ אַרִיבֶּער, אוּן צוּם סוֹף קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ רֶעד גָארְנִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; הָאט אִיר עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זַייעֶר** גוּט אַז דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בּוּשָׁה אִיז אַ גוּטֶע מִדָּה אוּן דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי מִדּוֹת וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַארְמָאגְן (עַיֵּין יְבָמוֹת עט.).

**אָבֶער** נִישְׁט דָאס זָאל דִיךְ מַאכְן זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַדְרַבָּה, זָאג אַרוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְשֶׁעמְטֶערְהֵייט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת", דוּרְכְדֶעם וֶועט אַרָאפְּגֵיין פוּן דִיר אַלֶע דִינִים. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת בֹּא, דַף מא.) אַ מֶענְטְשׁ זָאל דֶערְצֵיילְן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן - פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַלֶעס, זֶעט אַלֶעס אוּן וֵוייסְט וָואס גֵייט זַיין. לִכְאוֹרָה, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַלֶעס? זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, ווַייל דֶער שָׂטָן שְׁטֵייט אוּן אִיז מְקַטְרֵג אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טוּט. אִיז אוֹיבּ קוּמְט דֶער מֶענְטְשׁ פַאר דֶעם אוּן זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן - קֶען דֶער שָׂטָן מֶער נִישְׁט קוּמֶען מְקַטְרֵג זַיין, "וְעַל דָּא, אִצְטְרִיךְ לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאַקְדְּמָא וּלְפָרֵט חֶטְאוֹי", דֶערִיבֶּער פַאר מֶען

גֵּייט שְׁלָאפְן זָאל מֶען דֶערְצֵיילְן אַלֶעס פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי קֶען דֶער שָׂטָן מֶער נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין.

דֶערְצֵייל פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ אָפְּהִיטְן אוּן הֶעלְפְן זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְן יֵצֶר הָרָע, אוּן זָאג אִים צוּ אַז מָארְגְן וֶועסְטוּ שׁוֹין זַיין גוּט; דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען אוּמְקֶערְן צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶת'עֶ תְּשׁוּבָה.

## תקפח

**ווִי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן קְלוּג פוּן גְּמָרָא, אוֹיבּ זָאגְט מֶען בְּלוֹיז?[ב]**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער ווִי אִיר רֶעדְט אַסַאךְ צוּ דִי בָּחוּרִים וֶועגְן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד; אִיךְ גְלֵייבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִין צַדִּיקִים, אִיךְ גְלֵייבּ אִין מוֹהֲרָ"א"ש, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶע קַשְׁיָא אוֹיפְן דֶרֶךְ הַלִּימּוּד, אוֹיף זָאגְן בְּלוֹיז דִי ווֶערְטֶער פוּן תּוֹרָה.

יֶעדֶער ווֵייסְט אַז לֶערְנֶען גְּמָרָא מַאכְט קְלוּג, אַזוֹי וַוייט, מֶען זָאגְט אַז אֲפִילוּ גוֹיִם אִין דָרוֹם קָארֶעָא לֶערְנֶען גְמָרָא זִיךְ אוֹיסְצוּשַׁארְפְן דִי קֶעפּ, אִיז מַיין שְׁאֵלָה, אוֹיבּ קֶען מֶען בְּלוֹיז זָאגְן דִי ווֶערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, ווִי

ב. זֶע ווַייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תקצח.

אַזוֹי קֶען דָאס מַאכְן קְלוּג? אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט און מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא, ווִי אַזוֹי וֶוערְט דִי קָאפּ אוֹיסְגֶעשַׁארְפְט פוּן דֶעם?

אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אָפְּצוּפְרֶעגְן, נָאר אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת פַארְשְׁטֵיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**בְּנוֹגֵעַ** דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּךְ צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם אִין וִיכּוּחִים, בַּיי דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ, וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא"; וֶוען אֵיינֶער אִיז קְלוּג, עֶר נֶעמְט אָן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה און פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים - טוּט עֶר קֵיינֶעם נִישְׁט קַיין טוֹבָה, עֶר טוּט נָאר פַאר זִיךְ אַלֵיינְס אַ טוֹבָה, און וֶוען אֵיינֶער מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים, מַאכְט עֶר פוּן זִיךְ אַלֵיינְס לֵיצָנוּת.

**בְּנוֹגֵעַ** לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין; חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ב, טו): "אָמַר רַבִּי אַחָא, עַם הָאָרֶץ שֶׁקּוֹרֵא לְאַהֲבָה אֵיבָה, כְּגוֹן וְאָהַבְתָּ וְאָיַבְתָּ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא 'וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה'", אַן עַם הָאָרֶץ וָואס זָאגְט דִי וֶוערְטֶער

פון די תּוֹרָה מִיט גְרַייזְן; אַנְשְׁטָאט זָאגְן: "וְאָהַבְתָּ אֵת ה'" מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט עֶר: "וְאָיַבְתָּ אֵת", מֶען זָאל פַיינְט הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, ד): "וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה", אִיךְ הָאבּ לִיבּ זַיינֶע גְרַייזְן; ווייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זַייעֶר בַּאלִיבְּט דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה - אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן אֲפִילוּ עֶר זָאגְט עֶס מִיט גְרַייזְן, עֶר זָאגְט דָאס פַארְקֶערְטֶע וָואס מֶען דַארְף וֶוען זָאגְן - דָאךְ הָאט דָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ; אַזוֹי בַּאלִיבְּט אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, עַיֵּין שָׁם.

קוּק וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (קְדוֹשִׁים פה:): "וּמַאן דְתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס ווִיל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְאוֹרַיְיתָא", אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, "לָעֵי בָּהּ", מוּטְשֶׁעט עֶר זִיךְ, "וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגוּמָא דְלָא יָדַע", אוּן לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", גֵייט יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַדֵי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער, "וְנָטַע לָהּ סַחֲרָנֵיהּ דְהַהוּא נַחֲלָא", אוּן עֶר פְלַאנְצְט דָאס אַיין אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעֲבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין", אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער,

"וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וָואס מֶען רוּפְט אָן 'עֲרָבוֹת', "הֲדָא הוּא דִכְתִיב (מִשְׁלֵי ה, יט): 'בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד'"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען.

דִי תוֹרָה אִיז נִישְׁט קַיין גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט וְכוּ', פוּן גוֹיִם וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קי) אוֹיפְן פָּסוּק (יְהוֹשֻׁעַ א, ח): "'לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה מִפִּיךָ', כִּי הַתּוֹרָה הִיא רוּחָנִיּוּת", דִי תוֹרָה אִיז אַ רוּחְנִיוּת'דִיגֶע זַאךְ, "וַאֲשֶׁר זַךְ וְיָשָׁר פָּעֳלוֹ, וְשִׂכְלוֹ רוּחָנִי, יָכוֹל לִתְפֹּס כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ וְלֹא יִשְׁכַּח דָּבָר", וֶוער עֶס פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג - דֶער קֶען פַארְשְׁטֵיין דִי תוֹרָה אוּן וֶועט גָארְנִישְׁט פַארְגֶעסְן, "כִּי דָּבָר רוּחָנִי אֵינוֹ תּוֹפֵס מָקוֹם, וִיכוֹלָה הַתּוֹרָה לְהִתְפַּשֵּׁט וְלִשְׁכֹּן בְּשִׂכְלוֹ", ווייל אַ רוּחְנִיוּת'דִיגֶע זַאךְ פַארְנֶעמְט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ, עֶס קֶען זִיךְ צֶעשְׁפְּרֵייטְן אָן קַיין שִׁיעוּר, "אַךְ מִי שֶׁהוּא מְגַשֵּׁם דִּבְרֵי הַתּוֹרָה וְעוֹשֶׂה מִמֶּנָּה מַמָּשׁוּת, אֲזַי יֵשׁ לָהּ שִׁעוּר וְקִצְבָּה כַּמָּה הוּא יָכוֹל לִתְפֹּס בְּשִׂכְלוֹ וְלֹא יוֹתֵר", אָבֶּער וֶוער עֶס קוּקְט אוֹיף דִי תוֹרָה וִוי אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאךְ, דֶער קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי תוֹרָה - נָאר וִויפִיל עֶס גֵייט אַרַיין אִין זַיין מֹחַ. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק: "לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה", מִיטְן פָּסוּק (שְׁמוֹת י, כא): "וְיָמֵשׁ חֹשֶׁךְ", אַז יָמוּשׁ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מַמָּשׁוּת, דָאס וָוארְנְט אוּנְז דִי תוֹרָה: "הִזָּהֵר שֶׁלֹּא תִהְיֶה מַמָּשׁוּת וְגַשְׁמִיּוּת בְּדִבְרֵי הַתּוֹרָה", מַאךְ נִישְׁט קַיין גַשְׁמִיוּת פוּן דִי תוֹרָה, נָאר קוּק אוֹיף דִי תוֹרָה וִוי אַ זַאךְ וָואס אִיז רוּחְנִיוּת - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

# תקפז

## אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, זָאל אִיךְ פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גֵיין אִין מִקְוֶה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער לֶעצְטְנְס ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין אִין מִקְוֶה, מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז וֶוען אִיךְ גֵיי אִין מִקְוֶה קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין אַ זָרִיז וְנִפְסָד, ווִייל אִיךְ ווִיסְן אוֹיב אִיךְ זָאל פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן נָאכְאַלְץ גֵיין אִין מִקְוֶה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דוּ קֶענְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה; דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶס הִיט אִים אָפּ אוֹיף וַוייטֶער נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי גְמָרָא, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת כב.) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעוָואלְט טוּן אַן עֲבֵירָה וְכוּ', אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן פוּן טוּן דִי עֲבֵירָה; אַלֶע פְרֶעגְן שְׁוֹין, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז דִי

מִקְוֶה הָאט אִים צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן פוּן טוּן דִי עֲבֵירָה? אוֹיבּ אִיז עֶר אַזַא מֶענְטְש וָואס ווִיל גֵיין זִינְדִיגְן וְכוּ׳, וָואס אִיז אִים אַ חִילוּק צִי עֶר וֶועט יָא גֵיין אִין מִקְוֶה אָדֶער נִישְׁט? נָאר דָא זֶעט מֶען וָואס מִקְוֶה אִיז. אַ מֶענְטְש וָואס אִיז שְׁטַארְק מִיט מִקְוֶה, עֶר גֵייט יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, וֶועט אִים דִי מִקְוֶה צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן טוּן עֲבֵירוֹת (עַיֵּין מְאִירִי, שָׁם).

**אַז** דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן - דַארְפְסְטוּ דָאךְ הֶערְשְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה כְּדֵי אַרָאפְּצוּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע פְלֶעקְן מִיט וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ פַארְשְׁמִירְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו.): ״אִלְמָלֵי נִתְּנָה רְשׁוּת לָעַיִן לִרְאוֹת אֵין כָּל בִּרְיָ׳ יְכוֹלָה לַעֲמוֹד מִפְּנֵי הַמַּזִּיקִין וְכוּ׳, כָּל חַד וְחַד מִינַּן, אַלְפָּא מִשְּׂמָאלֵיהּ וְרִבְבָתָא מִימִינֵיהּ״, וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט זֶען דִי קְלִיפּוֹת וָואס שְׁטֵייעֶן אַרוּם זִיךְ, וָואלְט אַ מֶענְטְש דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, עֶר וָואלְט גֶע׳חַלָשְׁ׳ט פוּן שְׁרֶעק; מִיט יֶעדֶע שְׁלֶעכְטֶע קוּק וָואס מֶען קוּקְט בַּאשַׁאפְט מֶען קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים רַחְמָנָא לִצְלָן וָואס בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְש אוּן לָאזְן אִים נִישְׁט אָפּ, אָבֶער וֶוען מֶען טוֹבֵל׳ט זִיךְ אִין מִקְוֶה פַארְלִירְן זֵיי דִי שַׁיְיכוּת מִיטְן מֶענְטְש, ווַייל קְלִיפּוֹת זֶענֶען רוּחַ אוּן ׳רוּחַ׳ מִיט ׳מַיִם׳ גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן נד): ״עַל יְדֵי יְשִׁיבָה בַּמִּקְוֶה תַּחַת הַמַּיִם, עַד שֶׁלֹּא יוּכַל לְהַחֲזִיק בְּעַצְמוֹ הָרוּחַ וְהַנְּשִׁימָה, נִמְתָּק הַדִּין״, אוֹיבּ מֶען הַאלְט אַיין דִי אָטֶעם אוּנְטֶערְן וַואסֶער ווִי לַאנְג מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט אָטֶעמֶען - דֶעמָאלְט וֶוערְן נִמְתָּק אַלֶע דִינִים.

גֵיי אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג - וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן ווִי תִּקְוָה, אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה הָאט מֶען אַ תִּקְוָה אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן"; פְּרוּבִּיר צוּ גֵיין אִין צַייטְן וֶוען עֶס אִיז מֶער לֵיידִיג וְכוּ' - אַזוֹי וֶועט דִיר עֶס אָנְקוּמֶען גְרִינְגֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקפו

### מֶעג אַ פְרוֹי גֵיין אוֹיף אַ בֵּית הַחַיִּים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי וָואס הֶערְט אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה דֶערְמִיט.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין צוּ אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיסְבֶּעטְן; אִיךְ פְּרוּבִּיר טַאקֶע צוּ גֵיין אַסַאךְ. מַיין שְׁאֵלָה אִיז אָבֶּער, אַזוֹי ווִי אִיךְ ווַארְט יֶעצְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם וְכוּ', אוּן כְּדֵי אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיּוּן פוּנֶעם צַדִּיק דַארְף מֶען דוּרְכְגֵיין אַ גְרוֹיס טֵייל פוּנֶעם בֵּית הַחַיִּים, אוּן ווִי אִיךְ ווֵייס פִירְט מֶען זִיךְ אַז אַ פְּרוֹי וָואס ווַארְט וְכוּ' גֵייט נִישְׁט אִין אַ בֵּית הַחַיִּים, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיב אִיךְ מֶעג דוּרְכְגֵיין דֶעם בֵּית הַחַיִּים אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיּוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.**

**בְּנוֹגֵעַ** צִי פְרוֹיעֶן מֶעגְן גֵיין אוֹיף אַ בֵּית הַחַיִּים וְכוּ'; עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם אַז פְרוֹיעֶן זָאלְן בִּכְלַל נִישְׁט גֵיין אוֹיף אַ בֵּית הַחַיִּים - בִּפְרַט אִין דִי נִישְׁט רֵיינֶע וְכוּ', ווִידֶערְאוּם זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען נָאר מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ גֵיין אִין דִי טֶעג וָואס מֶען וַוארְט וְכוּ'. אִין בְּרֶסְלֶב אִיז דֶער מִנְהָג אַז פְרוֹיעֶן גֵייעֶן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים אַלֶע טָאג אוּן אִין אַלֶע צֵייטְן וְכוּ', אַזוֹי ווִי דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע - דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת פֵיגֶא עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם - הָאט זִיךְ גֶעפִירְט, אַז פַאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, וֶוען זִי הָאט גֶעוַוארְט וְכוּ', פְלֶעגְט זִי גֵיין כְּסֵדֶר צוּם צִיּוּן פוּן אִיר זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִי פְלֶעגְט דָארְט וֵויינֶען בַּיים צִיּוּן אַז דָאס קִינְד וָואס זִי וַוארְט זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, זִי פְלֶעגְט זִיךְ פַארְזוֹימֶען בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב מִיט תְּפִילּוֹת, אוּן מְיַיחֵד זַיין שֵׁמוֹת אוּן יִחוּדִים (עַיֵּין סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַדִּיק, סִימָן יט).

**דֶעריִבֶּער** דַארְפְט אִיר זִיךְ נִישְׁט צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן גֵיין מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן פַאר דָאס קִינְד אַז זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים - אֲפִילוּ אִיר דַארְפְט אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם בֵּית הַחַיִּים אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיּוּן פוּנֶעם צַדִּיק, וַוייל דִי תְּפִילּוֹת וָואס אַ מַאמֶע בֶּעט

פַאר אִירֶע קִינְדֶער, בִּפְרַט בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל; יֶעדֶע תְּפִלָּה גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקצ

### מֶעג אִיךְ זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק שִׁיעוּרִים.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ וֶועגְן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ פְרֶעגְן מַיין שְׁאֵלָה, כָאטְשׁ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אַנְגֶענֶעם.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ אַרוּם, נִישְׁט מִיט הֶענְט חָלִילָה, אָבֶער מִיט וֶוערְטֶער הָאבְּן זֵיי אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע וִיכּוּחִים צְווִישְׁן זִיךְ, אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיסְצוּהַאלְטְן.

אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִיז מַיין שְׁאֵלָה אַז מַיין מַאמֶע בֶּעט מִיר אַסַאךְ מָאל זִיךְ אַרַיינְצוּמִישְׁן, וּבִפְרַט וָואס לוֹיט מַיין מֵיינוּנְג אִיז זִי גֶערֶעכְט, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אוֹיב מֶעגְלִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר עֶנְטְפֶערְן ווִי שְׁנֶעלֶער, נָאךְ פַאר בֵּין הַזְּמַנִּים וֶוען אִיךְ בִּין אַסַאךְ מֶער אִינְדֶערְהֵיים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין שְׁאֵלָה; עֶס אִיז זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיךְ צוּ הֶערְן פוּן דִיר דִי צַעַר וָואס דוּ הָאסְט, צוּזֶעעֶנְדִיג ווִי דַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אוּן זֵיי פְּרוּבִּירְן דִיךְ אַרַיין צוּ שְׁלֶעפְּן אִין זֵייעֶר קְרִיגֶערַיי. אַ קִינְד וֶוערְט צֶערִיסְן פוּן דֶעם וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, ווַייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אֵיין רֶגַע שְׁפִּירְט מֶען ווִי דֶער אִיז גֶערֶעכְט וְכוּ' אָבֶּער נָאכְדֶעם טְרַאכְט מֶען 'אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דֶעם אוֹיךְ לִיבּ וְכוּ'', מֶען קֶען מַמָּשׁ מְשׁוּגָע וֶוערְן פוּן דֶעם.

מִיט דֶעם אַלֶעם וָואס דוּ גֵייסְט דָאס אַרִיבֶּער, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט נֶעמֶען אַ שְׁטֶעלוּנְג וֶוען דַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן; זָאלְסְט זֶען צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין קְרִיגֶערַייעֶן, אוּן אוֹיבּ עֶס בְּרֶעכְט אוֹיס אַ קְרִיגֶערַיי זָאלְסְטוּ זוּכְן נִישְׁט צוּ זַיין אִינֶדערְמִיט. עֶנְדֶערְשׁ זַיץ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אָדֶער נֶעם אַן אַרְבֶּעט פַּאר בֵּין הַזְּמַנִּים, ווִי אֵיידֶער צוּ זִיצְן אִינֶעם קְרִיג.

דוּ פוּן דַיין זַייט זָאלְסְט זִיךְ פִירְן מִיט גוּטֶע מִדּוֹת, זָאלְסְט שֵׁיין רֶעדְן סַיי צוּ דַיין טַאטֶע אוּן סַיי צוּ דַיין מַאמֶע.

וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע כִּבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן ווִי דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט גוּטֶע מִדוֹת. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְדוֹ תוֹרָה", ווָאוֹיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְדוֹ תוֹרָה", ווָאוֹיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תוֹרָה. וֶוען אֵיינֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ זָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, ווִיבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ". אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארוּמְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# תקצא

## אִיךְ וויל זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, ווִי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ צָרוֹת אִין לֶעבְּן, אִיךְ שְׁפִּיר מַמָשׁ אַז אִיךְ וְויל זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ מְחַזֵק זַיין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען** קֶען נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם. זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן; וָואס מֵיינְסְטוּ, אִין קֵבֶר וֶועט דִיר בֶּעסֶער זַיין? דָארְט וֶועט זַיין אַסַאךְ עֶרְגֶער.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פּד) דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ד, כב) "וְאַל יַבְטִיחֲךָ יִצְרְךָ שֶׁהַשְּׁאוֹל וְהַקֶּבֶר בֵּית מָנוֹס לְךָ", אַז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַארְנוּמֶען - יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע טִרְדוֹת; פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ', מְמֵילָא

קֶען זַיין מֶען זָאל כַאפְּן אַ בִּיס פוּן אַ וָוארֶעם, פוּן אַ פְלִיג אוּן מֶען זָאל דָאס נִיטְאַמָאל שְׁפִּירְן, וַוייל מֶען אִיז אַרַיינְגֶעטוּן אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן, פַּרְנָסָה אוּן דָאס גְלַייכְן. אָבֶער אִין קֶבֶר אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם טִרְדוֹת אוּן מַחֲשָׁבוֹת וָואס זָאלְן אַוֶועקְנֶעמֶען דִי קָאפּ פוּן הֶערְן ווִי דִי וֶוערֶעם קְרִיכְן אוּן בַּייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דִי צַעַר אִין קֶבֶר וֶוען מֶען הֶערְט יֶעדֶע בִּיס פוּן דִי וֶוערֶעם אוּן דִי צַעַר וָואס מֶען הָאט פוּן הֶערְן ווִי זֵיי קְרִיכְן אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

**אִיךְ** טְרַאכְט אַז זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְן וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין גוּטֶע זַאךְ פַאר דִיר, עֶנְדֶערְשׁ נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען אַ נַייעֶ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְן. אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן פַּאזֶעטִיוו אֲפִילוּ מֶען הָאט אַ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע צִיפֶּעדִיגֶע לֶעבְן; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זוּכְן דָאס גוּטְס, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה) דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ אִיז גֶעוֶוען, אַז עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "'בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי' (תְּהִלִּים ד, ב), רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט".

**בֶּעט** אִיךְ דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אֶמֶת עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר צָרוֹת צְרוּרוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ קֶענְסְט נִישְׁט וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דַיין לֶעבְּן, מִיט דֶעם אַלֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, זוּךְ אוֹיף אַ 'בְּרֶעקֶעלֶע' גוּטְס, אַ 'פִּינְטֶעלֶע' גוּטְס וָואס עֶס וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט זַיין פִּיל עֶרְגֶער אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, וֶועט דִיר וֶוערְן גְרִינְגֶער אוֹיפְן הַארְץ; דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דַיין לֶעבְּן, אַ טַעַם וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ קֵיינְמָאל פַארְדֶעם נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט, אוּן נָאכְדֶעם וָואס דוּ טְרֶעפְסְט עֶפֶּעס גוּטְס אִין דַיין לֶעבְּן אוּן דוּ דַאנְקְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף זָאלְסְטוּ אִים בֶּעטְן מִיט רַחְמָנוּת עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

**אַ** אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין; אַ אִיד הָאט שְׁטֶענְדִיג מִיט זִיךְ דִי גֶעוֶוער פוּן תְּפִילָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מֶדְרָשׁ דְבָרִים רַבָּה ב, טז) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט אוֹיפְן וַואסֶער אוּן אַ שִׁיף אִיז פַארְבְּלָאנְדְזְשֶעט גֶעוָוארְן, אוּן אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ וַוייטֶע שְׁטָאט. אוֹיפְן שִׁיף הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אֵיין אִיד מִיט אַסַאךְ גוֹיִם. וֶוען דֶער שִׁיף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי פְרֶעמְדֶע מְדִינָה זֶענֶען אַלֶע גוֹיִם צוּגֶעקוּמֶען בֶּעטְן פוּן דֶעם אִיד עֶר זָאל זֵיי גֵיין קוֹיפְן עֶסְן, הָאט דֶער אִיד זֵיי צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער: "אִיךְ בִּין דֶען בַּאקַאנְט דָא, אַז אִיר אַלֶע קוּמְט מִיר בֶּעטְן אִיךְ זָאל קוֹיפְן עֶסְן?" הָאבְּן דִי גוֹיִם גֶעשְׁרִיגְן צוּ דֶעם אִיד אוּן גֶעזָאגְט: "אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, אַ אִיד הָאט אֵייבִּיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זִיךְ", פִּירְט דֶער מֶדְרָשׁ אוֹיס:

"הֲוֵי 'אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרוֹבִים אֵלָיו'" (דְבָרִים ד, ז).

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, פַארְצֵייל אִים דַיין צַעַר אוּן פַּיין וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

## תקצב

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶער סֵדֶר הַיוֹם?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל וִויסְן וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ מְסַדֵר זַיין מַיין טָאג, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶער סֵדֶר הַיוֹם?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת וָואס הָאט מַמָשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**יֶעדֶער** מֶענְטְשׁ אִיז אַ וֶועלְט פַאר זִיךְ; אֵיינֶער דַארְף שְׁלָאפְן אַסַאךְ, מַה שֶׁאֵין כֵּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיז גֶענוּג וֵוייניג שְׁלָאף. אֵיינֶער דַארְף מֶער צַייט וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף

אִינְדֶערְפְרִי, ווִידֶערְאוּם אַ צְוֵוייטֶער אִיז מֶער פְלִינְק אוּן עֶס נֶעמְט אִים בְּלוֹיז גֶעצֵיילְטֶע מִינוּט צוּ זַיין גְרֵייט צוּם דַאוֶוענֶען וְכוּ' וְכוּ', מִמֵילָא אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ גֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אַ סֵדֶר ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִין בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; ווֶען מֶען הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל גֶעבְּן הַנְהָגוֹת, אַ סֵדֶר הַיוֹם, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין הַנְהָגוֹת אוּן אַ סֵדֶר הַיוֹם פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אֵיין הַנְהָגָה קֶען מֶען גֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען אִים מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; ווִי קֶען מֶען גֶעבְּן אַ סֵדֶר הַיוֹם פַאר אַ צְוֵוייטְן? עֶס קֶען זַיין אַז דִי הַנְהָגָה ווָאס אִיז בַּיי אֵיינֶעם אַ גוּטֶע הַנְהָגָה אִיז פַאר אַ צְוֵוייטְן נִישְׁט גוּט וְכוּ', נָאר אֵיין זַאךְ קֶען מֶען מְעוֹדֵד זַיין אַ מֶענְטְשׁ - אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען זָאל יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ בֶּעטְסְט אַ סֵדֶר הַיוֹם ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, זָאלְסְטוּ טוּן ווָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט טוּן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי", אִיךְ פִיר זִיךְ, "כְּשֶׁבָּא הַיוֹם", יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי ווֶען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף, "אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי", גֶעב אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נִישְׁט נָאר מַיין טָאג, נָאר "וְשֶׁל בָּנַי", אִיךְ גֶעב אִיבֶּער דִי טָאג פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, "וְהַתְּלוּיִים בִּי", אוּן פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן ווָאס זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מִיר, "עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ

יִתְבָּרַךְ", אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל. "וְזֶה טוֹב מְאֹד", אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר גוּט, "גַּם אֵזַי אֵין צָרִיךְ לִדְאֹג וְלַחְשֹׁב כְּלָל 'אִם מִתְנַהֵג כָּרָאוּי אִם לָאו', מֵאַחַר שֶׁסּוֹמֵךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ", ווַייל אַזוֹי דַארְף מֶען נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן צִי מֶען הָאט יָא גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט, ווַייל מֶען הָאט זִיךְ דָאךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "וְאִם הוּא יִתְבָּרַךְ רוֹצֶה בְּעִנְיָן אַחֵר, הוּא מְרֻצֶּה לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיָן אַחֵר כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַנְדֶערְשׁ - אִיז דָאךְ ווַייטֶער גוּט; אַזוֹי פְלֶעגְט זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר הַיּוֹם אִינְדֶערְפְרִי - זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי ווֶען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף דַיין טָאג דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע טָאג; דֶער עִקָּר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זַיין אִין אַ גוּטֶע שְׁטִימוּנְג - אַ רוּאִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע גוּסְטֶע, דוּרְכְדֶעם ווֶעט דִיר דַיין גַאנְצֶער טָאג זַיין אַן אַנְדֶערֶע טָאג. אַז מֶען הוֹיבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט תְּפִילָה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי טָאג זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּ אִים - אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# תקצג

## אִיךְ בִּין אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין יְשִׁיבָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק מִיט דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ לֶערְן אִין אַ יְשִׁיבָה פַאר עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר וְוִי אִיךְ פַאל דָא אִין רוּחְנִיּוּת, דִי גַאנְצֶע יְשִׁיבָה אִיז נָאר עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים, אוּן עֶס טוֹיגְט נִישְׁט דֶער מַצָּב, לְמָשָׁל אוּם 10:30 אִינְדֶערְפְרִי טָאר מֶען נִישְׁט מַאכְן דָא קַיין רַעַשׁ, וַוייל דִי בָּחוּרִים שְׁלָאפְן נָאךְ...

אִיךְ ווייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ וואוּ צוּ גֵיין, אַלֶע יְשִׁיבוֹת פַאר עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים זֶעעֶן אוֹיס בְּעֶרֶךְ דִי זֶעלְבֶּע, אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן יְשִׁיבָה אוֹיפְן גַאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט קַיין עֵסֶק.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט ווַייטֶער קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ מְקַרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וֶוער קֶען דֶען פַארְשְׁטֵיין דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר; עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא ווֵייטָאג וְוִי דֶער וֵוייטָאג וָואס אַ בָּחוּר**

גֵיט אַרִיבֶּער. דֶער עִקָּר וֶוייטָאג אִיז אַז קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט אִים נִישְׁט, אַלֶע יָאגְן אִים; אִין שְׁטוּב יָאגְט מֶען אִים עֶר זָאל גֵיין אִין יְשִׁיבָה אוּן אִין יְשִׁיבָה פַארְלַאנְגְט מֶען פוּן אִים אָן אַ שִׁיעוּר וְכוּ' אִין דִי צַייט וָואס עֶר דְרַאפֶּעט זִיךְ וְכוּ' אוּן יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע שְׁפִּירְט עֶר וִוי עֶר קֶען נִישְׁט מֶער אוֹיסְהַאלְטְן דָאס פֵייעֶר וָואס בְּרֶענְט אִין אִים. עֶר הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן וִויפִיל מָאל עֶר מַאכְט שׁוֹין אָפּ בַּיי זִיךְ אַז עֶר גֵייט זַיין הֵיילִיג, שְׁפִּירְט עֶר כְּאִילוּ מֶען מֵיינְט נִישְׁט אִים, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר הָאט נִישְׁט מֶער קַיין בְּחִירָה; עֶר קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן.

**אוֹיף** דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן אוּנְז גֶעשִׁיקְט דִי נְשָׁמָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס וַוייזְט פַאר אַלֶע בָּחוּרִים דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה "הִתְבּוֹדְדוּת"; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, דֶעמָאלְט עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף פַאר אִים אַ נַייעֶ וֶועלְט, עֶר הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן; עֶס שְׁטֶערְט שׁוֹין נִישְׁט וואוּ מֶען אִיז וְכוּ' וַוייל מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיבֶּעראַל.

**אִין** אָנְהוֹיבּ קוּמְט נִישְׁט אָן גְרִינְג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט בַּיי אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס אוּן עֶס קוּמֶען אִים אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ'. דִי עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן רוֹדְפְ'ן אִים, זֵיי גֵייעֶן אִים נָאךְ אוּן לָאזְן אִים נִישְׁט אָפּ. אָבֶּער אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת, מֶען גְלֵייבְּט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח): "קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען", אוּן מֶען שְׁטוּפְּט זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַאן וֶוערְט דֶער מֹחַ צוּבִּיסְלִיךְ רֵיין אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן וִוי 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר'.

**טֵייעֶרֶער** בְּרוּדֶער, אַז דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן - וֶועט דִיר נִישְׁט זַיין קַיין חִילּוּק דִי יְשִׁיבָה אָדֶער יֶענֶע יְשִׁיבָה, וואוּ דוּ וֶועסְט זַיין - וֶועסְטוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקצד

## הָאט אִיר פַּאר מִיר אַ דֶרֶךְ תְּשׁוּבָה אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אוּן אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ דֶרֶךְ תְּשׁוּבָה אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ פַּאל אַרָאפּ נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין.

אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אִין אַ סֵפֶר. ווייל אִיךְ ווייסְן, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ אַ טֶעלֶעפָאן מִיט אַ פִילְטֶער, מֶעג אִיךְ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת פוּנֶעם טֶעלֶעפָאן, אָדֶער עֶס מוּז זַיין דַוְקָא פוּן אַ גֶעהֶערִיגֶע מִשְׁנָיוֹת?

נָאךְ אַ שְׁאֵלָה הָאבּ אִיךְ, אַסַאךְ מָאל נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ פַּאל דוּרְךְ אִין אַן עֲבֵירָה, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ דַאוְונֶען, אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת תַּזְרִיעַ, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**גֶעוְואוֹין זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוְונֶען דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ].**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רה) וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים דַארְף גָארְנִישְׁט זָארְגְן, וַוייל דָאס אִיז אַ תִּיקּוּן פַאר אַלֶע עֲבֵירוֹת בִּכְלָלִיּוּת אוּן בִּפְרַט אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן (שָׁם, סִימָן כט). נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא) אַז אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקּוּן, אָבֶער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין; אַ טֵייל זֶענֶען אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלָל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקּוּן, אַ טֵייל צַדִּיקִים הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִּׂיג צוּ זַיין דֶער תִּיקּוּן אָבֶער זֵיי זֶענֶען נִפְטַר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, "אָבֶער מִיר" - זָאגְט דֶער רֶבִּי, "הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקּוּן".

**זֶע** צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סוֹף וָואךְ. עֶס נֶעמְט נִישְׁט מֶער וִוי אַפָּאר מִינוּט, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי אַ קְלֵיינִיקֵייט אָבֶער עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ; אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דַיין תְּשׁוּבָה.

**דוּ** זָאלְסְט וַוייטֶער זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער; דָאס אִיז נָאר אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וִויל זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי קְלִיפּוֹת, דֶעמָאלְט קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער יֶעדֶע מִשְׁנָה, יֶעדֶע וָוארְט וְכוּ', אָבֶער מִיט דִי צַייט וֶועט דִיר עֶס וֶוערְן אַסַאךְ גְרִינְגֶער.

**דוּ** קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מִשְׁנָיוֹת טוּט מִיט אַ מֶענְטְשׁ; מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן טוּישְׁט דֶעם

מֶענְטְש, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיוֹת "מְשַׁנֶה", וִוי מֶער אַ מֶענְטְש אִיז עוֹסֵק אִין מִשְׁנָיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מֶער מְשַׁנֶה אוּן וֶוערְט מֶער רֵיין. מִשְׁנָיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְש פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (תְּהִלִּים ל, ד): הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי אִיז מִשְׁנָה, אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְש פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ עֶר אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

וֶוען דוּ ווילְסְט גֵיין דַאוֶונֶען זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס זוּכְט דִיךְ אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דַיין חֵשֶׁק מִיטְן אוֹיפְבְּרֶענְגֶען דַיין עָבַר; זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּן יֶעצְט, זַיי מִיר מוֹחֵל וָואס אִיז גֶעוֶוען", אוּן שְׁטֶעל זִיךְ דַאוֶונֶען מִיט שִׂמְחָה; וַוארְט נִישְׁט אוֹיף דִי חֵשֶׁק, דִי חֵשֶׁק קוּמְט בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקצה

## מַיין מַאן טוּט גָארְנִישְׁט, זָאל אִיךְ זִיךְ גֶטְ'ן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אַסַאךְ יָאר אוּן מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ ה' זֶעקְס קִינְדֶערְלֶעךְ, אָבֶּער אוּנְזֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק מַחֲלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן.

אִיךְ אַרְבֶּעט, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ בְּרֶענְג פַּרְנָסָה אִין שְׁטוּבּ אוּן מַיין מַאן טוּט גָארְנִישְׁט, עֶר שְׁלָאפְּט נָאר אַרַיין יֶעדְן טָאג בִּיז שְׁפֶּעט, דָאס מַאכְט מִיךְ זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף אִים, אוּן מִיר הַאלְטְן זִיךְ אִין אֵיין קְרִיגְן.

אִיךְ קְלֶער בֶּאֱמֶת אַז עֶס לוֹינְט מִיר עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ צוּ גֶטְ'ן פוּן אִים, וָואס וָואלְט אִיר מִיר גֶע'עֵצָה'ט צוּ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, כ"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אַייעֶר שְׁאֵלָה אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן, בִּפְרַט וֶוען מֶען הֶערְט נִישְׁט בֵּיידֶע צְדָדִים וְכוּ'.**

אִיךְ קֶען אַייךְ מְחַזֵק זַיין אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן וַוייטֶער בּוֹיעֶן אַייעֶר שְׁטוּבּ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת כְּדֵי אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן; טְרַאכְטְס נִישְׁט מַחֲשָׁבוֹת פוּן זִיךְ גֶטְ'ן, וַוייל קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס קִינְדֶער פוּן גֶע'גֶטְ'עֶ שְׁטוּבֶּער גֵייעֶן אַרִיבֶּער. עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא צַעַר אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי דִי צַעַר פוּן קִינְדֶער פוּן גֶע'גֶטְ'עֶ שְׁטוּבֶּער; עֶס וֶוערְט זֵיי פִינְסְטֶער זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף מִיט פְּחָדִים אוּן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ', בִּיז זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

**אַז** איר פְרֶעגְט מִיר אַן עֵצָה, זָאג אִיךְ אַייךְ: "זִיךְ גֶעמ'ן אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה"; עֶס קוּקְט אֶפְשָׁר אוֹיס ווִי אַן עֵצָה אָבֶּער נָאכְדֶעם אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. ווִי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ אִיז, אַז אַייעֶר מַאן שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג אַרַיין אוּן בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה וְכוּ'. זָאלְט אִיר ווִיסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטִיקַייט, דָאס קוּמְט פוּן צֶעבְּרָאכְנְקַייט; פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. אַנְשְׁטָאט אִיר זָאלְט שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים אוּן אִים קְלַאפְּן וֶוען עֶר אִיז בַּיי זִיךְ אִינֶעווֵייניג טִיף טִיף זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט - וָואלְט אִיר אִים גֶעדַארְפְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן אִים גֶעבְּן מוּט עֶר זָאל וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין, דוּרְכְדֶעם וָואלְט עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פְרִי אוּן גֶעלָאפְן בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר אַייךְ.

**אִיךְ** זָאג אַייךְ נָאכְאַמָאל, אִיךְ קֶען נִישְׁט דִי מַעֲשֶׂה אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס, וֶוען אוּן וואוּ, אָבֶּער פוּן אַייעֶר שְׁאֵלָה זֶע אִיךְ אַז אַייעֶר מַאן אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶערְשְׁלָאגְן. דָאס אִיז דֶער סִימָן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג אַרַיין, אַז עֶר אִיז דֶערְבִּיטֶערְט אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין סִיבָּה אוֹיפְצוּשְׁטֵיין; אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ שְׁפְּרִינְגְט אַרוֹיס פוּן בֶּעט אִינְדֶערְפְרִי לוֹיפְן דַאוֶונֶען אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה.

**זָאלְט** אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַייעֶר מַאן אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים, אַזוֹי ווִי דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער רֶבִּי פוּן לִיוּבַּאווִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "פַאר אַ קוּשׁ בַּאקוּמְט מֶען נִישְׁט קַיין פַּאטְשׁ"; אַז אִיר וֶועט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ מוּט אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אוּן אַלֶעס וֶועט זִיךְ טוֹישְׁן.

וַוייל שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּבּ, אוּן אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט עֶס מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט; אַ פְרוֹי מִיט שֵׂכֶל וַוארְט אָפּ אִיר מַאן, זִי שְׁרַייט נִישְׁט אוֹיף אִים, נָאר פַארְקֶערְט זִי הֵייבְּט אוֹיף זַיין מוּט אוּן זִי גֶעט אִים גוּטֶע וֶוערְטֶער, בִּפְרַט אַז דֶער מַאן מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה וְכוּ', וַוארְט זִי אִים אָפּ מִיט אַ שְׁמֵייכְל, זִי מַאכְט אִים עֶר זָאל שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז וֶוערְד, אַזוֹי טוּישְׁט זִיךְ אַלֶעס לְטוֹב.

**אִיךְ** זָאג אַייךְ נָאכְאַמָאל: "זִיךְ גֶטְ'ן אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה", בִּפְרַט אַז אִיר הָאט טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי קֶענְט אִיר דָאס טוּן פַאר זֵיי?! אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי וָואס פְרֶעגְן מִיךְ צִי זֵיי זָאלְן זִיךְ גֶטְ'ן: "אַז דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַ בִּיקְס אוּן חַס וְשָׁלוֹם שִׁיסְן דַיינֶע קִינְדֶער - וֶועט זֵיי נִישְׁט זַיין אַזוֹי שְׁלֶעכְט וִוי אוֹיבּ דוּ גֵייסְט זִיךְ גֶטְ'ן".

## תקצו

**זָאל אִיךְ אוֹיסְהֶערְן מַיין טַאטֶע, אָדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיט מַיין וַוייבּ?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַלְס בָּחוּר פְלֶעג אִיךְ אַלְץ זֶען וִוי מַיין עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער וָואס הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ בַּיי מַיין טַאטֶע, אוּן וֶוען מַיין טַאטֶע רֶעדְט צוּ אִים אָדֶער עֶר זָאגְט תּוֹרָה, נֶעמְט עֶר זִיךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט

זַיין וַוייבּ. עֶס פְלֶעגְט מִיר זֵייעֶר שְׁטֶערְן דִי חוּצְפָּה, אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁלָאסְן אַז וֶוען אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועל אִיךְ דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן אוּן אַזוֹי טוּ אִיךְ טַאקֶע יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אִיבֶּער דִי ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר דָאס טַאקֶע צוּ טוּן, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶוען אִיךְ זִיץ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ בַּיי מַיין טַאטֶע, אוּן נָאכְדֶערְצוּ וֶוען עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער סֵדֶר, פֶּסַח בַּיינַאכְט; מַיין טַאטֶע זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, זָאל אִיךְ אִים עֶנְדֶערְשׁ אוֹיסְהֶערְן אַלְס כִּיבּוּד אָב אוּן זָאגְן פַאר מַיין וַוייבּ נִישְׁט צוּ רֶעדְן דֶעמָאלְט, אָדֶער זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין טַאטֶע אוּן עֶנְדֶערְשׁ אִיר מְכַבֵּד זַיין אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, כ"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע חוּצְפָּה צוּ רֶעדְן בְּשְׁעַת אַ טַאטֶע רֶעדְט; לֵיידֶער זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מְזַלְזֵל אִין דֶעם אוּן וֶוען דֶער טַאטֶע זָאגְט תּוֹרָה בַּיים סְעוּדַת שַׁבָּת רֶעדְט מֶען אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט, אַזוֹי אוֹיךְ בְּשְׁעַת אַ שִׂמְחָה וֶוען דֶער טַאטֶע שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף רֶעדְן - זִיצְן דִי קִינְדֶער אוּן שְׁמוּעֶסְן. זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַקְפִּיד זַיין וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ דַיין טַאטֶע אָדֶער שְׁוֶוער פַאר אַ סְעוּדָה - נִישְׁט צוּ רֶעדְן בְּשְׁעַת זֵיי רֶעדְן אוּן זָאגְן תּוֹרָה וְכַדוֹמֶה, נָאר אוֹיסְהֶערְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, סִימָן כו): "כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן, אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע.

**דָאס** אִיז דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ וָואס דוּ קֶענְסְט גֶעבְּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן - וֶועלְן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִיר.

**דָאס** אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ; דַיין וַוייבּ וֵוייסְט אוֹיךְ אַז בְּשָׁעַת אַ טַאטֶע רֶעדְט טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְהַאקְן, נָאר אוֹיסְהֶערְן מִיט יִרְאָה; זִי ווִיל אוֹיךְ אַז דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין אִירֶע עֶלְטֶערְן וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ דַיין שְׁוֶוער נִישְׁט צוּ רֶעדְן בְּשָׁעַת עֶר רֶעדְט. פַארְקֶערְט, אַז דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועט דַיין וַוייבּ דִיךְ מֶער אַרוֹיפְקוּקְן. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, זָאגְן אַלֶע אוֹיף אִים: "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוּיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוּיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה (יוֹמָא פו.).

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקצז

## זָאל אִיךְ אָפְּהַאקְן קֶשֶׁר מִיט אֵיינֶעם וָואס ווִיל טוּן עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִין דִי לֶעצְטֶע חֲדָשִׁים, אוּן דָאס הָאט מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעלֵיינְט דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין הַפָּצָה, אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן אַסַאךְ הַפָּצָה דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; וואוּ אִיךְ גֵיי נֶעם אִיךְ מִיט אַ זֶעקְל סְפָרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין צוּרִיק גֶעהֶערְט פוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אַז דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערַאטֶעוֶועט זֵייעֶר לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט צוּטוּן מִיט אַ בָּחוּר וָואס הָאט מִיךְ גֶעוָואלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּרֶעדְן צוּ טוּן אַ הַארְבֶּע עֲבֵרָה מִיט אִים, בְּחַסְדֵי ה' הָאבּ אִיךְ זִיךְ בָּרוּךְ ה' אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן אִים. מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר צִי אִיךְ זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין סְתָּם רֶעדְן מִיט אִים, אָדֶער זָאל אִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּהַאקְן קֶשֶׁר מִיט אִים?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פָּרָשַׁת תַזְרִיעַ-הַחוֹדֶשׁ, כ"ט אֲדָר ב', מְבָרְכִים נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דוּ הָאסְט מִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיוו וואוּ דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ גֵייסְט הַפָּצָה; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן,**

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, דַף קכח:) אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין וואוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט; אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; קֵיינֶער קֶען דֶעם מֶענְטְשׁ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; עֶר גֵייט אַרוֹיף אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיקְהַאלְטְן.

**בְּנוֹגֵעַ** דֶער בָּחוּר וָואס לוֹיפְט דִיךְ נָאךְ אוּן עֶר ווִיל דִיךְ אִיבֶּערְרֶעדְן צוּ טוּן עֲבֵירוֹת וְכוּ'; אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אָפְּהַאקְן אַלֶע קְשָׁרִים מִיט אִים, וָואס אִיז בִּכְלָל דַיין שְׁאֵלָה?! דוּ וֶועסְט דָאךְ וֶוערְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ! וָואלְסְטוּ וֶוען גֶעוָואלְט הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט אֵיינֶער וָואס אִיז אַ רוֹצֵחַ אוּן הַרְגְ'עֶט מֶענְטְשְׁן? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי דְבָרִים כג, פִּיסְקָא רנב): "הַמַּחְטִיא הָאָדָם", וֶוען אֵיינֶער מַאכְט אֵיינֶעם זִינְדִיגְן, "קָשֶׁה לוֹ מִן הַהוֹרְגוֹ", אִיז עֶר עֶרְגֶער פוּן אֵיינֶער וָואס הַרְגְ'עֶט אֵיינֶעם, "שֶׁהַהוֹרְגוֹ, אֵין מוֹצִיאוֹ מִן הָעוֹלָם הַזֶּה וּמִן הָעוֹלָם הַבָּא", וַוייל דֶער וָואס הַרְגְ'עֶט אַ מֶענְטְשׁ הַרְגְ'עֶט נָאר דֶעם גוּף, עֶר נֶעמְט אִים אַוֶועק נָאר פוּן דִי וֶועלְט, "וְהַמַּחְטִיאוֹ,

מוֹצִיאוֹ מִן הָעוֹלָם הַזֶה וּמִן הָעוֹלָם הַבָּא", אָבֶער דֶער וָואס מַאכְט אֵיינֶעם זִינְדִיגְן, הַרְגְ'עֶט אִים אָפּ פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, אָמֵן.

## תקצח

### וֶועלְכֶע מַסֶכְתָּא זָאל אִיךְ לֶערְנֶען צְווִישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעזֶען דֶער בְּרִיווג[ג] וָואס אֵיינֶער פְרֶעגְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען וֶוערְן קְלוּג דוּרְךְ בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא. הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט זָאגְן אַז אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ הָאב אַמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא, אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וִוי אַזוֹי דִי וֶוערְטֶער קְלֶעבְּן אֵיינְס צוּם צְווייטְן, וואוּ עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי קַשְׁיָא אוּן וואוּ עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ דֶער תֵּירוּץ, אָבֶער אִין זְכוּת פוּן דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאב אִיךְ גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן זָאגְן תּוֹרָה, אִיךְ הָאב שׁוֹין דוּרְכְגֶעזָאגְט כִּמְעַט הַאלְבּ שַׁ"ס אִין בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים, אוּן הַיינְט צוּ טָאגְס לֶערְן אִיךְ שׁוֹין פָּאר אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא.

בֶּאֱמֶת אִיז נָאר דָא אֵיין מֶענְטְשׁ בַּיי מַיין שִׁיעוּר, דָאס בִּין אִיךְ אַלֵיין... אָבֶער אִיךְ קֶען בָּרוּךְ ה' זֶעצְן דִי גְמָרָא וִוי אַ מַגִיד שִׁיעוּר, אוּן אִיךְ

ג. פְּרִיעָר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תקפח.

פַארְשְׁטֵיי גוּט וָואס אִיךְ לֶערְן. פַאר פּוּרִים הָאבּ אִיךְ גוּט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט גַאנְץ מַסֶכֶת מְגִילָה, אוּן יֶעצְט פַאר פֶּסַח לֶערְן אִיךְ מַסֶכֶת פְּסָחִים, פִיר בְּלַאט אַ טָאג, אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גוּט וָואס אִיךְ לֶערְן, בְּלוֹיז צוּלִיבּ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַסַאךְ גְמָרָא.

אוּן אוּיסֶער דֶעם הָאט דָאס לֶערְנֶען מִיר גֶעגֶעבְּן אַ נַייעָ חֵשֶׁק אוּן מוּט אִין לֶעבְּן, עֶס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ קְלָארֶע קָאפּ אוּן שֵׂכֶל, אוּן עֶס הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ גֵיי יֶעצְט עֶנְדִיגְן מַסֶכֶת פְּסָחִים אוֹיף פֶּסַח אִם יִרְצֶה ה', וועלְכֶע מַסֶכְתָּא זָאל אִיךְ לֶערְנֶען צְווִישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת, אוּן וָואס זָאל אִיךְ לֶערְנֶען נָאךְ שָׁבוּעוֹת?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער דִי כּוֹחוֹת צוּ מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת טָהֳרָה, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וואוּיל** אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); אַ שָׁאד צוּ טַעֲנֶה'ן אִיבֶּער דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד וֶוען אִין דִי צַייט וָואס מֶען טַעֲנֶה'ט זִיךְ קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן נָאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן נָאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר לֵצִים.

מוֹהֲרַ"ש פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן דֶעם פָּסוּק וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ, חָכַמְתָּ לָּךְ", אוֹיבּ בִּיסְטוּ קְלוּג - בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר, "וְלַצְתָּ, לְבַדְּךָ תִשָּׂא", אוּן אוֹיבּ מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת - מַאכְסְטוּ פוּן דִיר אַלֵיינְס לֵיצָנוּת; וָוען אֵיינֶער מַאכְט לֵיצָנוּת פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד - מַאכְט עֶר נִישְׁט לֵיצָנוּת פוּן רֶבִּי'ן, עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיין. וַוייל וָוען עֶר וָועט אַוֶועקְגֵיין מִזֶה הָעוֹלָם אוּן דֶער מַלְאָךְ וָועט אִים פְרֶעגְן אוֹיבְן אִין הִימְל: "עֲרַךְ מִקְרָא שֶׁקָרִיתָ, עֲרַךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ" (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט), וָועט עֶר נֶעבֶּעךְ בְּלַייבְּן מִיט אַן אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְטְן צִינְג, ווִידֶערְאוּם דֶער וָואס הָאט יָא גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, בַּיי אִים וָועט זַיין (מִשְׁלֵי לא, כה): "וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן", עֶר וָועט לַאכְן בַּיים לֶעצְטְן טָאג.

בְּנוֹגֵעַ וָואס פַאר אַ מַסֶכְתָּא צוּ לֶערְנֶען צְווִישְׁן יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת? מוֹהֲרַ"ש זָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען מַסֶכֶת סוֹטָה אוּן מַסֶכֶת שְׁבוּעוֹת, וַוייל בֵּיידֶע מַסֶכְתּוֹת הָאבְּן נַיין אוּן פֶערְצִיג בְּלַאט אַנְטְקֶעגְן דִי נַיין אוּן פֶערְצִיג טֶעג פוּן סְפִירָה; יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אֵיין דַף גְמָרָא פוּן בֵּיידֶע מַסֶכְתּוֹת אוּן בֵּיידֶע מַסֶכְתּוֹת הָאבְּן אַ קֶשֶׁר צוּ דִי סְפִירָה טֶעג. וַוייל דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת אֱמוֹר, צז.) רוּפְט אָן דִי טֶעג פוּן סְפִירָה וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל צֵיילְט זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן צוּ מַתַּן תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי אַן אִשָּׁה אִיז זִיךְ מְטַהֵר לְבַעֲלָהּ, אוּן אַז אִין דִי טֶעג אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בּוֹדֵק דִי אִידְן אַזוֹי ווִי מֶען אִיז בּוֹדֵק אַ סוֹטָה פַאר אִיר מַאן צִי זִי

אִיז בַּאגְלֵייבְּט וְכוּ'. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מַסֶּכֶת שְׁבוּעוֹת אַ שַׁיְיכוּת צוּ דִי טֶעג פוּן סְפִירָה, וַוייל מִיר צֵיילְן דִי טֶעג צוּ מַתַּן תּוֹרָה וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה פוּן בַּארְג סִינַי וָואס דָארְט הָאט מֶען בַּאשְׁוואוּירְן דִי אִידְן מִיט שְׁבוּעוֹת וְכוּ'.

**מוֹהֲרָא"ש** אַלֵיינְס פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, צוּ לֶערְנֶען אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה בֵּיידֶע מַסֶּכְתּוֹת - סוֹטָה אוּן שְׁבוּעוֹת, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט אַסַאךְ צַדִיקִים.

**וואוּיל** אִיז דֶעם וָואס פִירְט זִיךְ אַזוֹי, עֶר נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה אוּן מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג פוּן דִי וָואס לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, וַוייל: "לַאכְן, לַאכְט דֶער וָואס לַאכְט צוּם לֶעצְט"; וֶוער לַאכְט בֶּאֱמֶת? דֶער וָואס לַאכְט בַּיים סוֹף. וֶוען אֵיינֶער מַאכְט אַוֶועק דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, עֶר לַאכְט אָפּ דֶערְפוּן אוּן מַאכְט לֵיצָנוּת: "עֶס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט", וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער לֶעצְטֶער טָאג וֶועט מֶען זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן וֶוער עֶס קֶען לַאכְן, וֶוען מֶען וֶועט צוּרִיקְקֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָנְגֶעפִילְט מִיט תּוֹרָה - צֶענְדְלִיגֶער מָאל מְסַיֵּם גֶעוֶוען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; בַּבְלִי; יְרוּשַׁלְמִי; תּוֹסֶפְתָּא; רַמְבַּ"ם; טוּר; שֻׁלְחָן עָרוּךְ; זוֹהַר; תִּקּוּנֵי זוֹהַר אוּן אַלֶע מִדְרָשִׁים; דֶעמָאלְט וֶועט זַיין אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער, בַּיי יֶענֶעם וָועט נֶעבֶּעךְ מְקוּיָּם וֶוערְן (רות א, כא): "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי, וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶענוּצְט זַיינֶע יָארְן, וָואס דַאן קְלָאגְט דִי

נְשָׁמָה: "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי", אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט כָּל הַתּוֹרָה כוּלָהּ, אָבֶּער: "וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", אִיךְ גֵיי צוּרִיק לֵיידִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

**אַ** פְרֵייליכְן יוֹם טוֹב.

# תקצט

## מֶעג אִיךְ עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר מְחַזֵּק צוּ זַיין אוֹיךְ אַנְדֶערֶע.

אִיךְ הָאבּ חֵשֶׁק צוּ עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט ...., אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ רְשׁוּת דָאס צוּ טוּן, צוּ עֶפֶענֶען אַ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו וואו דוּ פְּרֶעגְסְט מִיר רְשׁוּת אוֹיבּ דוּ מֶעגְסְט עֶפֶּענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין ... יצ"ו

**אִיךְ** בִּין נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אִיךְ בִּין סַךְ הַכֹּל אַ גַאסְט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. אִיךְ בִּין אַ פְּרִישֶׁער מְקוֹרָב וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר אַ מַתְּנַת חִינָּם אוּן מִיךְ מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**אִיךְ** בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרַא"שׁ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אוּן מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ מִיר גֶעטוֹישְׁט; דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין אוּן דָאס קֶען מֶען נִישְׁט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קלה, ה): "כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה', וַאֲדוֹנֵינוּ מִכָּל אֱלֹקִים", פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן א): "וָואס אִיז דָאס 'אֲנִי' - אִיךְ וֵויים? זָאל שְׁטֵיין: 'כִּי גָדוֹל ה'' - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס?!" עֶנְטְפֶערְט דֶער רֶבִּי: "כִּי גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ אִי אֶפְשָׁר לוֹמַר לַחֲבֵרוֹ", מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ צְוֵויטְן וִוי אַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַאֲפִילּוּ לְעַצְמוֹ אִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר מִיּוֹם לְיוֹם, לְפִי מַה שֶּׁמַּזְרִיחַ לוֹ וּמִתְנוֹצֵץ לוֹ בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם אֵינוֹ יָכוֹל לְסַפֵּר לְעַצְמוֹ לְיוֹם שֵׁנִי הַזְּרִיחָה וְהַהִתְנוֹצְצוּת שֶׁל גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהָיָה לוֹ אֶתְמוֹל", נִישְׁט נָאר פַאר אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, נָאר אֲפִילוּ פַאר זִיךְ אַלֵיין

קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אוּן גֶעדֶענְקֶען ווִי אַזוֹי מֶען הָאט נֶעבְּכְן גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ: "כִּי 'אֲנִי' יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה'", אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, "אֲנִי יָדַעְתִּי דַיְקָא", אִיךְ פַאר מִיר וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, עֶר פִּירְט דִי וֶועלְט אוּן הֶערְט מִיךְ אוֹיס וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ אִים. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָארְט אַרָאפּ וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, קג:) אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כג): "'נוֹדָע בַּשְּׁעָרִים בַּעְלָהּ', כָּל חַד, לְפוּם מַה דִמְשַׁעֵר בְּלִבֵּהּ", יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ.

**אִיךְ** בִּין נִישְׁט דֶער וָואס גֶעבְּט רְשׁוּת צִי מֶען קֶען עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; וֶוען אִיךְ קֶען וֶוען אָפְּלָאזְן מַיין אֶמֶת פוּן זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן זִיצְן אִין דִי זַייט - וָואלְט אִיךְ דָאס גֶעטוּן. אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב צוּ זִיצְן אִין דִי זַייט, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען וְכוּ' וְכוּ'. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע פָאר יָאר וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אִיךְ הָאבּ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶערֶעדְט אוּן מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעהַאט, עֶס הָאט מִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט קַיין שׁוּם נַייעֶס - אֲפִילוּ פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אִיךְ בִּין בְּלוֹיז גֶעקוּמֶען הֶערְן דִי חִיזּוּק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן דָאס מְקַיֵּם גֶעוֶוען. דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאקֶע יָארְן וְכוּ', אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַנְדֶערְשׁ גֶעוָואלְט; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעהֵייסְן עֶפֶענֶען אַ יְשִׁיבָה אוּן גֶעבְּן דְרָשׁוֹת וְכוּ' וְכוּ' - טוּ אִיךְ דָאס מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

**שְׁפֶּעטֶער** וֶוען מֶען הָאט אַרויסְגֶעוָוארְפְּן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן
דִי מוּסְדוֹת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה
אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְּנְט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר חֵדֶר, אוּן אַ יָאר
שְׁפֶּעטֶער הָאט מוֹהֲרָא"ש מִיר גֶעהֵייסְן עֶפֶענֶען אַ מֵיידְל
סְקוּל. עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גְרִינְג דָאס צוּ פִירְן, אָבֶּער אַז אִיךְ
הָאבּ דָאס אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶועל אִיךְ דָאס עֶנְדִיגְן אוּן פַארְגְרֶעסֶערְן
מִיטְן הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדְן טָאג טְרַאכְט אִיךְ: 'הַלְוַאי
וֶוען אִיךְ קֶען וֶוען זִיצְן פַאר מִיר אַזוֹי וִוי אַמָאל אִין מַיין
ווינְקֶעלֶע לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען וְכוּ'; אָבֶּער אַז דֶער
אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַנְדֶערְשׁ דַארְף מֶען אַלֶעס אַוֶועקְלֵייגְן צוּ
טוּן דֶעם רָצוֹן ה'.

**הֶער** אוֹיס דִי דְרָשׁוֹת פוּן סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ
וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט פּוּרִים (עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין סֵפֶר חִדּוּשֵׁי
תוֹרָה, פּוּרִים); דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט טְרִינְקֶען זִיבְּן כּוֹסוֹת וַויין אוּן
נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעוֵויינְט וְכוּ', עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "אִיךְ בִּין
אַזוֹי מְקַנֵא אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד וָואס קוּמְט אִין שׁוּל יֶעדְן צוּפְרִי
לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז עֶס אִיז אוֹיף
מִיר נִגְזָר גֶעוָוארְן צוּ זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיטְן רַבִּים? אָבֶּער
אַז דָאס אִיז דִי רָצוֹן ה' וֶועל אִיךְ דָאס טוּן וְכוּ'".

**אַז** דוּ ווילְסְט עֶפֶענֶען אַ שׁוּל בַּיי דִיר אוּן שְׁטוּבּ דַארְפְסְטוּ
נִישְׁט קַיין רְשׁוּת, נִישְׁט פוּן מִיר אוּן נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם
וְכוּ', דוּ דַארְפְסְט נָאר אֵיין זַאךְ זֶען אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְן, מֶען
זָאל רֶעדְן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ נָאר דִבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן אָן קַיין
חָכְמוֹת אוּן אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ - אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט

אוּנְז גֶעלֶערְנְט. לַייְדֶער פַּארְדְרֵייְדְט מֶען דֶעם קָאפּ אִין בְּרֶסְלֶב מִיט הֶבֶל הֲבָלִים, שִׂיחוֹת פוּן דֶעם זָקֵן, אוּן פוּן דֶעם נַאר; שִׂיחוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁטוּיגְן אוּן נִישְׁט גֶעפְלוֹיגְן. בִּפְרַט לֶעצְטְנְס אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט מַחֲלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן, דֶער שְׁרֵייט אוֹיף דֶעם: "דוּ בִּיסְט נִישְׁט בְּרֶסְלֶב", אוּן דֶער שְׁרֵייט אוֹיף יֶענֶעם: "דוּ בִּיסְט נִישְׁט דִי עֶכְטֶע בְּרֶסְלֶב", בְּשַׁעַת וֶוען מִיר זֶענֶען אַלֶע דָא נָאר גֶעסְט אוּן נָאךְ אַבִּיסְל גֵייעֶן מִיר אַלֶע אַהֵיים; ווִי אִיז דָא צַייט צוּ רֶעדְן פוּן אַ צְווֵייטְן? ווִי אִיז דָא צַייט צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְווֵייטְן?!

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אַלֶע שְׁרֵייעֶן 'מִיר זֶענֶען דִי אֱמֶת אוּן יֶענֶער אִיז דֶער שֶׁקֶר', וֶוער אִיז טַאקֶע אֱמֶת?"

זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז "אֱמֶת" אִיז "אֶ-מֶת - אֶהְיֶ' מֵת", אִיךְ גֵיי אֵיין טָאג זַיין אַ מֵת, אַ גוֹסֵס אוּן עֶס וֶועט פוּן מִיר גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן, נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס אִיךְ כַאפּ אַרַיין יֶעדְן טָאג, נָאר דָאס בִּיסְל חֶסֶד וָואס אִיךְ טוּ יֶעדְן טָאג; אַלֶע וֶועלְן מִיר דַארְפְן לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, דֶעמָאלְט וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן דִי אַלֶע מַחֲלוֹקֶת, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְווֵיי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים

אֶת דְּבָרַי", און אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר און פָּאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵיידְט צוּם טִיר, "אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה", און דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, און עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', "אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין דַיין אַרְבֶּעט מִיטְן בּוֹיעֶן אַ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ און מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

**אַ** פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

# תר

## ווי אַזוֹי זָאגְט מֶען דִי שֵׁמוֹת בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה לְהָאֲרִיזַ"ל?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה יֶעדֶע נַאכְט, און לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען דִי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה פוּנֶעם אֲרִיזַ"ל, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ וִויל וִויסְן ווִי אַזוֹי מֶען זָאגְט דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת וָואס שְׁטֵייט דָארְט, אַרוֹיסְזָאגְן דִי אוֹתִיּוֹת יוּ"ד הֵ"א, אָדֶער מִיט אַ קְ' - יוּ"ד קֵ"א? אָדֶער סְתַּם קוּקְן דֶערוֹיף און עֶס נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן? אָדֶער זָאגְן שֵׁם אהי"ה, אדנ"י, הוי"ה און דָאס גְלַייכְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וִוייל אִיז דִיר אַז דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ"ל פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן; רֶבִּי נָתָן זָאגְט** (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב) **אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן און עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה -**

"אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

**בְּנוֹגֵעַ** דִי שֵׁמוֹת, צִי מֶען זָאגְט דָאס וְכוּ'; מֶען זָאגְט נִישְׁט אַרוֹיס דִי שֵׁמוֹת, דָאס אִיז מֶען מְכַוֵן. ווִי לְמָשָׁל בַּיים אָנְהוֹיב פוּן וִידוּי: "וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תָּשׁוּב וּתְיַחֵד שְׁלֹשָׁה אוֹתִיּוֹת רִאשׁוֹנוֹת שֶׁל שְׁלֹשָׁה שְׁמוֹתֶיךָ הַיְקָרִים..." - דָאס זָאגְט מֶען נִישְׁט אַרוֹיס נָאר מֶען טְרַאכְט פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע דְרֵיי אוֹתִיּוֹת, י'הו"ה א'הי"ה א'דנ"י (יא"א), "וְשֵׁם קָדְשְׁךָ בְּמִלּוּי אַרְבַּע יוּדִי"ן שֶׁהוּא בְּגִימַטְרִיָּא ע"ב" - דָאס זָאגְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט, נָאר מֶען אִיז מְכַוֵן דִי אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען וָואס בַּאטְרֶעפְט צְוֵויי אוּן זִיבֶּעצִיג אוֹיבּ מֶען שְׁרַייבְּט עֶס אוֹיף דֶעם אוֹפֶן: "כָּזֶה (יו"ד ה"י וי"ו ה"י), וְיָאִיר בִּרְצוֹנְךָ בְּעוֹלָם הָאֲצִילוּת וְאַל יְהֵא מוּנֵעַ".

**נָאךְ** קְרִיאַת שְׁמַע רֶעדְט מֶען נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶעג מֶען אוּן מֶען מוּז אַלֶעמָאל רֶעדְן; זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דוּ שְׁלָאפְסְט אַיין - וֶועט דֶער שְׁלָאף זַיין אַן אַנְדֶערֶע שְׁלָאף, עֶס וֶועט זַיין אַ שְׁלָאף מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:) "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

# תרא

### ווען דארף מֶען זָאגְן מוּסָר פַאר אַ צְוֵוייטְן און ווען נִישְׁט?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט ווִיסְן דִי גְדָרִים פוּן דִי מִצְוָה (וַיִּקְרָא יט, יז): "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ", וָואס דָאס מֵיינְט לִכְאוֹרָה אַז מֶען דַארְף זָאגְן מוּסָר פַאר אַ חַבֵר, אָבֶּער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט דָאךְ אַלְץ אַז מֶען זָאל לֶעבְּן נָאר פַאר זִיךְ און נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת און חִיזוּק

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דִי מִצְוָה פוּן תּוֹכָחָה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה; דָאס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, יז): "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ", מֶען דַארְף מוּסָר'ן אַ חַבֵר. און חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן מוּסָר און פוּן אָנְנֶעמֶען מוּסָר (תָּמִיד כח.): "אֵיזוֹ הִיא דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיָּבוֹר לוֹ הָאָדָם", וָואס פַאר אַ וֶועג זָאל אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסְקְלוֹיבְּן פַאר זִיךְ? "יֶאֱהַב אֶת הַתּוֹכָחוֹת", עֶר זָאל לִיבּ הָאבְּן מוּסָר, "שֶׁכָּל זְמַן שֶׁתּוֹכָחוֹת בָּעוֹלָם, נַחַת רוּחַ

בְּעוֹלָם", ווייל ווען עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן מוּסָר אוּן מֶען נֶעמְט דָאס אָן - אִיז דָא פְּרִידְן אוֹיף דִי וֶועלְט, "טוֹבָה וּבְרָכָה בָּאִין לָעוֹלָם", אַז מֶען נֶעמְט אָן מוּסָר אִיז דָא אַלֶע גוּטְס אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְרָעָה מִסְתַּלֶּקֶת מֵהָעוֹלָם", דוּרְךְ מוּסָר גֵייט אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי וֶועלְט. "וְכָל הַמּוֹכִיחַ אֶת חֲבֵרוֹ לְשֵׁם שָׁמַיִם, זוֹכֶה לְחֶלְקוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", אוּן וֶוער עֶס מוּסָר'ט אַ חַבֵר לְשֵׁם שָׁמַיִם אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְלֹא עוֹד אֶלָּא שֶׁמּוֹשְׁכִין עָלָיו חוּט שֶׁל חֶסֶד", אוּן דוּרְךְ זָאגְן מוּסָר בַּאקוּמְט מֶען אַ חֵן; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן מוּסָר אוּן פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט אָן מוּסָר.

**אָבֶער** דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ח) אַז נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען גֶעבְּן מוּסָר, נָאר דֶער וָואס קֶען גֶעבְּן מוּסָר אַזוֹי וִוי משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעגֶעבְּן מוּסָר, מוּסָר וָואס וֶועט מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אִים דֶערְוַוייטֶערְן. ווייל אוֹיבּ מֶען זָאגְט מוּסָר שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם, נָאר צוּ טְשֶׁעפֶּען - מַאכְט מֶען עֶרְגֶער מִיט דִי מוּסָר, מֶען מַאכְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ מִיט דִי מוּסָר. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ מָשָׁל צוּ דֶעם, אַזוֹי וִוי עֶס לִיגְט אַ כֵּלִי פוּן צוֹאָה וְכוּ' אוֹיבּ קוּמְט אֵיינֶער אוּן הוֹיבְּט אָן מִישְׁן דִי צוֹאָה - מַאכְט עֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, עֶר אִיז מַבְאִישׁ רֵיחַ אוּן טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אֵיינֶער קֶען נִישְׁט מוּסָר'ן אַזַא סָארְט מוּסָר וִוי משֶׁה רַבֵּינוּ - טוּט עֶר גָארְנִישְׁט אוֹיף, עֶר מַאכְט נָאר עֶס זָאל וֶוערְן אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ.

וָוען משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן הִימְל אוּן גֶעזֶען ווִי די אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל אוּן עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף די דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, הָאט זֵיי משֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט (שַׁבָּת פח:): "עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאכְאַלְץ לִיבּ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שִׁיר הַשִּׁירִים א, יב): "'נִרְדִּי נָתַן רֵיחוֹ', וְלֹא כְּתִיב הִסְרִיחַ"; נָאר אוֹיף דֶעם וֶועג מֶעג מֶען גֶעבְּן מוּסָר, אַז מֶען וַוייזְט פַארְן מֶענְטְשׁ דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נָאכְאַלְץ צוּ אִים אוּן וַוארְפְט אִים נִישְׁט אַוֶועק אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת; נָאר אוֹיף דֶעם וֶועג מֶעג מֶען זָאגְן מוּסָר. משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוִויזְן פַאר די אִידְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט זֵיי זָאלְן צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים, עֶר הָאט אַרֵיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זֵיי אַ לִיבְּשַׁאפְט.

**דֶערְפַאר** אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין סְתִירָה דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, וַוייל פוּן אֵיין זַייט אִיז טַאקֶע דָא די מִצְוָה פוּן תוֹכָחָה, אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן ווִי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן אַז עֶס זָאל יֶענֶעם מְקָרֵב זַיין אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְרַחֵק זַיין. אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (מִשְׁלֵי ט, ח): "אַל תּוֹכַח לֵץ פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ, הוֹכַח לְחָכָם וְיֶאֱהָבֶךָּ", מֶען טָאר נִישְׁט מוּסָר'ן דֶעם מֶענְטְשׁ בִּלְשׁוֹן: "דוּ לֵץ וָואס דוּ בִּיסְט", וַוייל דָאס וֶועט אִים מַאכְן עֶר זָאל דִיךְ פַיינְט הָאבְּן, מֶען דַארְף מוּסָר'ן דֶעם מֶענְטְשׁ דוּרְכ'ן אִים זָאגְן: "דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ חָכָם, דִיר פַּאסְט נִישְׁט צוּ טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי", דֶעמָאלְט וֶועט עֶר דִיר לִיבּ הָאבְּן. דָאס זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ: "אַל תּוֹכַח", זָאג אִים נִישְׁט: "לֵץ!" וַוייל: "פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ", עֶר וֶועט דִיךְ פַיינְט בַּאקוּמֶען אוּן

דו וֶועסְט גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, נָאר וָואס דֶען? "הוֹכַח", זָאג אִים: "לְחָכָם", דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ חָכָם, פַאר דִיר פַּאסְט נִישְׁט וְכוּ', "וְיֶאֱהָבֶךָּ", וֶועט עֶר דִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

# תרב

**ווי מֶער אִיךְ קוּם צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּיר אִיךְ אַז עֶר דַארְף מִיךְ נִישְׁט**

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ הֶערְן בַּיי אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּירְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט; וַוייל אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז נָאר בַּיי מִיר אַזוֹי, אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

בַּיי מִיר גֵייט עֶס אָבֶּער נָאךְ וַוייטֶער, דִי גֶעפִיל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט מַאכְט מִיר אַז אִיךְ זָאל וֶוערְן שְׁוואכֶער אִין לֶערְנֶען, אִין דַאוֶונֶען אוּן נָאךְ מֶער אַרָאפְּפַאלְן רַחְמָנָא לִצְלָן.

ווִיל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיךְ אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, אָדֶער אִיךְ בִּין דֶער פְּרָאבְּלֶעם? אוּן וָואס אִיז דִי עֵצָה דֶערְצוּ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט, פַּארְקֶערְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט יֶעדֶע רֶגַע דוּ זָאלְסְט צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה יט, ד) אוֹיפְן פָּסוּק (אִיּוֹב לא, לב): "'בַּחוּץ לֹא יָלִין גֵּר', אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לִבְרִיָּה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, "אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט צוּרִיק יֶעדְן אֵיינֶעם; "הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה", דִי טִירְן זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אָפְן, "וְכָל מִי שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לִכָּנֵס יִכָּנֵס", אוּן וֶוער עֶס וִויל צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת לד.): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְשׁוּבָה עוֹמְדִים, אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד שָׁם", אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר קוּמְט אָן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ צַדִּיקִים קוּמֶען נִישְׁט אָן; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיים סַמֶ"ךְ מֶ"ם רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט אוּן עֶר קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס דוּ טְרַאכְסְט אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין נִישְׁט וֶועְרְד אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט - דָאס אִיז עֲצַת הַיֵּצֶר. עֶר שְׁפִּילְט מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ דֶעם זֶעלְבְּן שְׁפִּיל; קוֹדֶם וַוארְפְט עֶר אִים אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר זֶעט אַז דֶער מֶענְטְשׁ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן לֵייגְט עֶר אַרַיין אִין אִים אַ סַם הַמָּוֶת, אַז דֶער מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר הוֹיבְּט אָן דִמְיוֹנֶ'ען אַלֶע סָארְט דִמְיוֹנוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אַז עֶר אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ חַס וְשָׁלוֹם.

**אַז** דוּ ווילְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ: 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן; מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ, מֶען זָאל פַארְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעם וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, וואוּ דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט אִים אַלְץ אַרָאפּ, אוּן אַז וִויפִיל מָאל מֶען הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט זַיין גוּט - פַאלְט מֶען נָאכְאַמָאל צוּרִיק אַרַיין אִין בְּלָאטֶע, אוּן דָאס וָואס מֶען שְׁפִּירְט אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט וְכוּ'.

**פָאלְג** דֶעם רֶבִּי'ן; זוּךְ אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְסְט אַהִינְגֵיין זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַארְצֵייל אִים אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער

יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר אוּן וִוי עֶר וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת! דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט מִיר אַיין אַז דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אוּן דוּ דַארְפְסְט מִיךְ נִישְׁט. אִיךְ גֵיי אַרוּם מִיט נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת אַז 'אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ פַארְפַאלֶענֶער', אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת - אַז דָאס אַלֵיינְס מַאכְט מִיר אִיךְ זָאל נָאךְ מֶער אַרָאפְּפַאלְן, אִיךְ פַאל אוּן אִיךְ פַאל אַרָאפּ בִּיז אִיךְ טְרַאכְט אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ! אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָבֶער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, גֶעבּ מִיר כֹּחַ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ הָאסְט מִיךְ לִיבּ. טַאטֶע זִיסֶער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן דִי עֲבֵירָה אַז עֶס אִיז מִיר שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיסְצוּרַייסְן דֶערְפוּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, גֶעבּ מִיר רֵיינֶע אוֹיגְן. אִיךְ וִויל נִישְׁט קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע מָאוּיִים אוּן שְׁמוּצִיגֶע קְלִיפְּס, אָבֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן?! אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוַת נִאוּף פְּלַאקֶערְט אִין מִיר;

מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען צוּ דִיר גֶעוָואנְדְן: הִנֵּה כְעֵינֵי עֲבָדִים אֶל יַד אֲדוֹנֵיהֶם, כְּעֵינֵי שִׁפְחָה אֶל יַד גְּבִרְתָּהּ - כֵּן עֵינֵינוּ אֶל ה' אֱלֹקֵינוּ עַד שֶׁיְּחָנֵּנוּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

## תרג

### ווִי אַזוֹי שֶׁעמְט מֶען זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק.

אִיךְ הֶער אַסַאךְ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז מֶען דַארְף זִיךְ שֶׁעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶער נִישְׁט וָואס דָאס מֵיינְט. זִיךְ שֶׁעמֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵיי אִיךְ; דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין וֶוער וֵוייסְט וָואס אוּן פְלוּצְלוּנְג הָאט עֶר מִיךְ גֶעכַאפְּט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה, וֶוער אִיךְ פַארְשֶׁעמְט; וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר בַּאגְלֵייט מִיךְ בַּיי טְרִיט אוּן שְׁרִיט, עֶר וֵוייסְט אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, גֶערֶעדְט, אוּן גֶעטְרַאכְט מַיין גַאנְץ לֶעבְן, אִיז עֶס נִישְׁט אַזוֹי ווִי עֶר הָאט מִיךְ פְּלוּצְלוּנְג גֶעכַאפְּט בַּיי עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס, מִמֵּילָא וָואס אִיז שַׁיָּךְ זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען?

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס קְלָארְשְׁטֶעלְן, יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## **אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**פַאר** דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן אִים אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבֶּעטְן (בְּרָכוֹת כח:): "רֶבִּי, בָּרְכֵנוּ", דֶער רֶבִּי זָאל אוּנְז בֶּענְטְשְׁן פַאר עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט דִי פָאלְגְנֶדֶע בְּרָכָה: "יְהִי רָצוֹן שֶׁתְּהֵא מוֹרָא שָׁמַיִם עֲלֵיכֶם כְּמוֹרָא בָּשָׂר וָדָם", אִיךְ בֶּענְטְשׁ אַייךְ אִיר זָאלְט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִיר הָאט מוֹרָא פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם, הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, עַד כַּאן?" דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַזַא קְלֵיינֶע בְּרָכָה, מִיר זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן מוֹרָא פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם אוּן נִישְׁט מֶער? "אָמַר לָהֶם, וּלְוַאי", הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הַלְוַאי זָאלְט אִיר מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִיר הָאט מוֹרָא פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל טוּן אַן עֲבֵירָה זָארְגְט עֶר זִיךְ אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס עֶר טוּט, עֶר פַארְמַאכְט אַלֶע פֶענְסְטֶערְס אוּן אַלֶע שְׁפַּאלְטֶענֶעס אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִינֶען וָואס עֶר טוּט, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט: 'גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ דָא, עֶר זֶעט אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ'.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוּנְז (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פז, ה) וֶוען אֵשֶׁת פּוֹטִיפַר הָאט גֶעמוּטְשֶׁעט יוֹסֵף הַצַּדִּיק צוּ טוּן מִיט אִים אַן עֲבֵירָה, וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען אַז יוֹסֵף הַצַּדִּיק דְרֵיידְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיס פוּן אִיר אוּן עֶר וִויל נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה, הָאט זִי אִים פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַז זִי גֵייט צוּדֶערְקְן אַלֶע פַּאטְרֶעטְן פוּן דִי וֶוענְט אוּן אַזוֹי הָאט זִי גֶעטוּן, זִי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט לַיילֶעכֶער אוֹיף אַלֶע גֶעטְשְׁקֶעס אוּן אוֹיף אַלֶע בִּילְדֶער, זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ יוֹסֵף אוּן גֶעזָאגְט: "יֶעצְט זֶעט קֵיינֶער נִישְׁט וָואס מִיר טוּעֶן, יֶעצְט זָאלְסְטוּ מִיךְ צוּהֶערְן", הָאט יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דַיינֶע גֶעטְשְׁקֶעס קֶענְסְטוּ צוּדֶעקְן, דִי אַלֶע בִּילְדֶער קֶענְסְטוּ פַארְדֶעקְן, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן עֶר זֶעט אַלֶעס, פוּן אִים קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן".

**זוֹכֶה** זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען זָאל שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא - דָאס בַּאקוּמְט מֶען דוּרְכְן צַדִּיק, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח', אוֹת ח): "כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִקְדֻשָּׁה", אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה; אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצָה, מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֶען דַארְף בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוען מֶען קֶען נָאר דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דוּרְכְדֶעם וֶוערְט אוֹיסְגֶעקְלָארְט דִי אֱמוּנָה בִּיז מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא', דֶעמָאלְט פִּירְט מֶען זִיךְ אוֹיף אֵיידְל

און מֶען רֶעדְט אֵיידְל, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים טז, ח): "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד", אִיךְ לֶעבּ שְׁטֶענְדִיג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מִיט דֶעם הוֹיבְּט זִיךְ אָן דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סְעִיף א): "'שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד' הוּא כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה וּבְמַעֲלוֹת הַצַּדִּיקִים הַהוֹלְכִים לִפְנֵי הָאֱלֹקִים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה און מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

## תרד

**אִיךְ בִּין אַסַאךְ דוּרְכְגֶעפַאלְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין טַעַם אִין לֶעבְּן, וָואס טוּ אִיךְ?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס אִיז שׁוֹין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען גָאר אַסַאךְ אִין לֶעבְּן, שׁוֹין פוּן גָאר יוּנְג הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשַׁאפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן און גֶעזֶען דָארְט - פַארְשְׁטֵייט זִיךְ - כָּל דָּבָר אָסוּר, און זִיךְ אָנְגֶעקְנִיפְּט מִיט שֶׁעדְלִיכֶע עֶלֶעמֶענְטְן. זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ יְרִידוֹת און עֲלִיּוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גוּטֶע צַייטְן וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין לֶערְנֶען, גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ און גֶעשְׁפִּירְט גוּט, ווִידֶער הָאבּ אִיךְ צַייטְן וָואס עֶס קוּמְט

מִיר צוּרִיק אִין מֹחַ דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ וִויל נָאר זַיין שְׁלֶעכְט און אַלֶעם אַוֶועקְוַוארְפְן.

אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין לֶעבְּן. בֶּאֱמֶת אִין הַארְץ וִויל אִיךְ זַיין וואוּיל און טוּן דֶעם רָצוֹן ה׳, אָבֶּער דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אַסַאךְ מָאל שְׁטֶערְקֶער וִוי מִיר. אִיךְ מוּז הָאבְּן אַ גוּטֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן און וִוי אַזוֹי צוּ הָאבְּן אַ סִפּוּק און טַעַם אִין מַיין לֶעבְּן.

פָּארְן קַיין אוּמַאן, אָדֶער אַנְדֶערֶע בְּרֶסְלֶבּ׳עֶר עֵצוֹת - אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, וַוייל מַיין טַאטֶע וֶועט מִיךְ זִיכֶער נִישְׁט לָאזְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י׳ נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן**

אִין קוּקְן עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, אִין זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט עֲבֵירוֹת הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ און דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, וָואס אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ב, יט): ״כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים״, וֶוער עֶס פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם קֶען שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיין נְחָמָה הָאסְטוּ נָאךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אַ מַתָּנָה אִין אוּנְזֶער דוֹר, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי,

וָואס הָאט רַחְמָנוּת אויף אִידִישֶׁע קִינְדֶער - בִּפְרַט אויף דִי וָואס פַּאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, עֶר וַוייזְט זֵיי אַ וֶועג זֵיי זָאלְן קֶענֶען צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא) אֱמֶת אַז אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (פָּרָשַׁת וַיְחִי, ריט:) אַז וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בִּפְגַם הַבְּרִית, רַחְמָנָא לִצְלָן - הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט: "שֶׁבְּזֶה הַמַּאֲמָר זוֹהַר אֵין שׁוּם אָדָם מֵבִין הַפְּשָׁט, רַק הוּא לְבַד", אַז אִין דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר פַארְשְׁטֵייט קֵיינֶער נִישְׁט פְּשַׁט, נָאר עֶר, "וְהַכְּלָל, שֶׁבֶּאֱמֶת מוֹעִיל תְּשׁוּבָה בְּוַדַּאי עַל חֵטְא זֶה, אֲפִילּוּ אִם הִרְבָּה לִפְשֹׁעַ, חַס וְשָׁלוֹם", אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה.

אַיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ?! רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט דָאס (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין הֲלָכָה ד, אוֹת ד) ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה?! זָאגְט רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ וָואס אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן אִין לֶעבְן. אַז בֶּאֱמֶת הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה אויף יֶעדֶע עֲבֵירָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֲבֵירָה וָואס מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן דֶערוֹיף, נָאר ווִיבַּאלְד דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, ווַייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַייסְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף עֶר אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם נִסָּיוֹן, עֶר דַארְף הֶערְן ווִי מֶען זָאגְט אִים:

"דוּ קֶענְסְט שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן!" אוֹיבּ הָאט עֶר שֵׂכֶל אוּן עֶר זָאגְט: 'אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל, צִי מֶען דארְף מִיךְ יָא צִי מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט, אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּטֵיילְן; אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי אִיךְ וֶועל יָא וֶוערְן אַ צַדִיק צִי נִישְׁט, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי אִיךְ וֶועל מִיךְ דַארְפְן מַיין גַאנְץ לֶעבְן מוּטְשֶׁען', אַזַא אֵיינֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. אָבֶּער אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל נֶעמְט דָאס אָן בִּפְשִׁיטוּת, אוּן זָאגְט: 'אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ בִּין דֶערְנָאךְ'.

דוּ בֶּעטְסְט מִיר אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי עֲבֵירוֹת אִין וָואס דוּ זִינְקְסְט; אַז דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה, אוּן אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן - קֶענְסְטוּ נָאךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיינֶע עֶקְלְדִיגֶע מַעֲשִׂים; דִי עֵצָה פַאר דֶעם אִיז "תּוֹרָה". אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחְמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק, לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי

הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וָוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס"; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיב וֶועט עֶר יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; זֶעט מֶען אַז תּוֹרָה קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן אוּן יֶעדְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין מֹחַ צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, וַוייל דֶער מֹחַ אִיז זֵיי פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג פַאר זֵיי אִיז אַז זֵיי זָאלְן נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינ'ס דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אוּן גוֹרֵס זַיין אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלָל; דָאס וֶועט זֵיי אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן זֵייעֶר פְּלָאנְטֶער אוּן זֵיי אָפְּהַאלְטְן פוּן זֵייעֶרֶע רְגִילוּת'עֶר.

**וְעַל** כּוּלָם זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; שְׁמוּעֶס זִיךְ אוּיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַרוּיסְזֶען פוּן דִי טוּמְאָה אוּן פוּן דִי קְלִיפּוֹת וואוּ דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן. בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר שׁוֹין גֶעבְן אַ שִׁידוּךְ אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דָאס אִיז אַן עֵצָה אוֹיךְ פַאר אֱמוּנָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן שֵׂכֶל צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ זֶען ווִי אַלֶעם וֶועט זִיךְ דִיר טוֹישְׁן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

## תרה

**וָואס אִיז דִי יוֹשֶׁר נִישְׁט צוּ גֶעבְן פַאר אַ כַּלָּה טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסאךְ אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ מִיט מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה שֶׁעפְּן אַסַאךְ חִיזוּק אוּן אֱמוּנָה פוּן דִי שִׁיעוּרִים.

בִּיז עֶס אִיז אָבֶּער אָנְגֶעקוּמֶען דִי שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דִי צִירוּנְגֶען פַאר אַ כַּלָּה, דָאס קֶען אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אִיר הָאט גֶעקוֹיפְט אַ זֵייגֶער פַאר אַייעֶר כַּלָּה פַאר בְּלוֹיז $195, עֶס אִיז טַאקֶע אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ שְׁפָּארְן גֶעלְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן דָאס אוּיסְנוּצְן אוֹיף נִישְׁט אַ רִיכְטִיגְן אוֹפֶן.

איך פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט; אַ מֵיידְל הָאט אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, אוּן זִי גֵייט אוּן זִי אִיז זִיךְ מְשַׁעְבֵּד צוּ אַ מַאן, זִי נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ הָאדֶעוֶועןקִינְדֶער, זִי אִיז מְוַתֵּר אוֹיף אִיר שְׁלָאף, אוֹיף אִיר הָאר, אוֹיף אִירֶע כֹּחוֹת, אוֹיף אַלֶעס, אוּן זִי הָאט חֲתוּנָה מִיט אַ בָּחוּר וָואס עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער סָפֵק אוֹיבּ עֶר וֶועט אִיר טַאקֶע מְכַבֵּד זַיין, רוֹב הַיינְטִיגֶע חֲתָנִים זֶענֶען נִישְׁט אַזֶעלְכֶע זִיסֶע צוּקֶערְדִיגֶע מֶענֶער, אוּן רוֹב חֲתָנִים שְׁטֵייעֶן נִידְרִיגֶער אִין יִרְאַת שָׁמַיִם ווִי דִי כַּלּוֹת.

אִיז דָא כָאטְשׁ אֵיין זַאךְ מִיט וָואס דִי כַּלָּה קֶען זִיךְ טְרֵייסְטְן, כָאטְשׁ אֵיין זַאךְ מִיט וָואס זִי וֶוערְט בַּאצָאלְט, דָאס אִיז מִיט דִי טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען, מִיט דֶעם קֶען זִי זַיין אַבִּיסְל פְרֵיילִיךְ; אוּן יֶעצְט גֵייט מֶען אוּן מֶען נֶעמְט דָאס אוֹיךְ צוּ פוּן אִיר?! סְתַּם חֲתוּנָה הָאבְּן אוּמְזִיסְט, נִישְׁט בַּאקוּמֶען רֶעסְפֶּעקְט פוּנֶעם מַאן אוּן זַיין אַ שִׁפְחָה בְּחִנָּם?!

אוּן בִּכְלַל אִיז דָאס נִישְׁט גְלַייךְ אוֹיף גְלַייךְ, אֶפְשָׁר זָאל דִי מַאמֶע אַליינְס אוֹיפְנֵייעְן דִי בֶּעקִיטְשֶׁעס אוּן קְלֵיידֶער פַארְן חָתָן, אַזוֹי וֶועט עֶס אוֹיךְ אוֹיסְקוּמֶען צוּ בְּלוֹיז 195$? אֶפְשָׁר זָאל דֶער חָתָן קוֹיפְן דִי בִּילִיגֶע קַאפְּל-שְׁטְרַיימְל? אִין דִי תּוֹרָה זֶעט מֶען פַארְקֶערְט, מֶען זֶעט אַז אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעגֶעבְּן צִירוּנְגֶען פַאר רִבְקָה, אָבֶער רִבְקָה הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן מַלְבּוּשִׁים פַארְן חָתָן.

בַּיי אַסַאךְ מוֹסְדוֹת רֶעדְט מֶען צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ אַז זֵיי זָאלְן מְוַתֵּר זַיין אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען, אוּן אִיךְ מֵיין אַז דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג. עֶס אִיז טַאקֶע אַ שֵׁיינֶע זַאךְ חֲתוּנָה צוּ מַאכְן אָן חוֹבוֹת, אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה צוּ צֶעקְוֶועטְשְׁן דִי וואוּילֶע פְרוֹיעֶן בְּלוֹיז וַוייל עֶס אִיז יֶעצְט אִין סְטֵייל צוּ שְׁפָּארְן גֶעלְט בַּיי חֲתוּנוֹת.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן, אוּן מַזָּל טוֹב צוּ דִי שִׂמְחָה, מִיט אַסַאךְ נַחַת דִקְדֻשָּׁה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מַיין זוּן - בְּנִי בְּכוֹרִי נֵרוֹ יָאִיר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן לְמַזָּל טוֹב מִיט אַ מֵיידְל אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב[ד].

**אַסַאךְ** יָארְן הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל טְרֶעפְן שִׁידוּכִים פַאר מַיינֶע קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט כְּדֵי זֵיי זָאלְן גֵיין צוּ דִי חוּפָּה בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר אַסַאךְ אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ כַּלָּה וָואס אִיז מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, אַ כַּלָּה וָואס קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּבּ וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז חָשׁוּב אוּן גֶעעֶרְט, אַ כַּלָּה וָואס וֵוייסְט וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז אוּן וָואס וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן נִישְׁט פַאר דִי פָּאר שָׁעָה פוּן דִי חֲתוּנָה נַאכְט, נָאר וָואס וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

---

ד. מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, אוֹר לט' אֲדָר א' תשע"ט אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה שְׁלִיטָ"א אַ חָתָן גֶעוָוארְן לְמַזָּל טוֹב עבּ"ג טָאכְטֶער פוּן מוה"ר יוֹאֵל טֵייטֶלְבּוֹים שְׁלִיטָ"א, גַּבַּאי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב קִרְיַת יוֹאֵל, שְׁכוּנַת עֲצֵי תְּמָרִים.

דִי חֲתוּנָה אִיז פָארְגֶעקוּמֶען בְּשָׁעָה טוֹבָה דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת נָשֹׂא, אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת תשע"ט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, ווִילִיאַמְסְבּוּרְג.

מֶער אִיבֶּער דֶעם פְרֵיילִיכְן אוּן שְׁפָּארְזַאמֶע שִׂמְחָה, זֶע וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תרסה, תרסט, תרפ אוּן תרצז.

**דָאס** וָואס אִיר פְרֶעגְט: "הֲיִתָּכֵן מֶען זָאגְט מֶען זָאל גֶעבְּן פַאר דִי כַּלָּה נִישְׁט עֶכְטֶע צִירוּנְגֶען וְכוּ'"; אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז דִי מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חֲתוּנָה - רוֹב פוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר זֵייעֶר טָאג טֶעגְלִיכֶער לֶעבְּן, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער אַ שִׂמְחָה, אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן - קֶענֶען זֵיי זִיךְ נִישְׁט בֶּאֱמֶת פְרֵייעֶן וַוייל זֵיי דַארְפְן שַׁאפְן גֶעלְט; בִּיז מֶען שַׁאפְט פוּן וואו צוּ בָארְגְן אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ אוּן בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת אִיז נָאךְ שְׁוֶוערֶער, וַוייל אִין דִי צַייט וָואס מֶען הוֹיבְט אָן בַּאצָאלְן קוּמְט אוּנְטֶער נָאךְ אַ קִינְד חֲתוּנָה צוּ מַאכְן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. פוּן דֶעם גֶעשֶׁעט אַז מֶענְטְשׁ הַאלְטְן זִיךְ אָפּ פוּן טוּן שִׁידוּכִים מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין צַייט, מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן בִּיז מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעזוּנְט רַחְמָנָא לִצְלָן.

**בַּיי** אוּנְז אִין דִי קְהִילָּה זֶענֶען פַארְהַאן אִינְגֶעלַייט וָואס מַאכְן חֲתוּנָה, זֵיי הַאלְטְן בַּיי זֵייעֶרֶע עֶרְשְׁטֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי דֶערְטְרֶענְקֶען זִיךְ שׁוֹין אִין חוֹבוֹת פוּן שְׁוֶוערֶע צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער.

**דֶערְפַאר** הָאבּ אִיךְ גֶעוִויזְן פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים ווִי גְלִיקְלִיךְ מֶען קֶען זַיין מִיט צִירוּנְגֶען וָואס קָאסְט בִּילִיג; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בַּיים רֶבִּי'ן אִיז שָׁלוֹם בַּיִת אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, אִיךְ וואוּנְטְשׁ פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן זָאלְן הָאבְּן אַזַא שָׁלוֹם בַּיִת ווִי בַּיי תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אוּן אַז מֶען גֶעבְּט פָּשׁוּט'עֶ צִירוּנְגֶען לוֹיט ווִיפִיל מֶען פַארְמָאגְט וֶועלְן דִי פְרוֹיעֶן נִישְׁט וֶוערְן פוּן דֶעם צֶעדְרוּקְט, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבֶּער.

**קֵיינֶער** זָאגְט נִישְׁט אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן מַתָּנוֹת פַּאר דִי כַּלָּה אוּן קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן צִירוּנְגֶען, אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן טֵייעֶרע צִירוּנְגֶען וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט; מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן, וָואס קָאסְט פַּאר אַ מְחוּתָּן מַתָּנוֹת נָאר פַּאר אֵיין קִינְד? אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי בְּרֶעיסְלֶעט פוּן זֶעכְצְן הוּנְדֶערְט דָאלֶער, נָאכְדֶעם דִי רִינְגְל פוּן צְוֵויי טוֹיזְנְט דָאלֶער, דִי זֵייגֶער צְוֵויי טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוֹיעֶרִינְגְלֶעך צְוֵויי טוֹיזְנְט דָאלֶער, נָאכְדֶעם אַ פֶּערְל קֵייטְל פַּאר אַכְט הוּנְדֶערְט דָאלֶער, אוּן נָאך אַ צִירוּנְג, הַאלְט מֶען שׁוֹין כִּמְעַט בַּיי צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער; פְרֶעג אִיך אַייך, וֶוען דֶער מְחוּתָּן הָאט דִי גֶעלְט קֶען מֶען נָאך פַארְשְׁטֵיין, אָבֶער אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט אִיז דָאך אַ הִימְל גֶעשְׁרֵיי אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן טֵייעֶרע צִירוּנְגֶען.

**זַייט** נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי מוֹסְדוֹת וָואס לֶערְנֶען אוֹיס דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן מִיט אַ פָּשׁוּטְ'עֶ וֶועג פוּן לֶעבְּן; גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְן זַיין דִי מוֹסְדוֹת וָואס רֶעדְן צוּ מֵיידְלֶעך זֵיי זָאלְן מַסְכִּים זַיין צוּ נֶעמֶען אַ פַּאלְשֶׁע שְׁטֵיין וֶוען קֵיינֶער אִיז נִישְׁט קַיין מֵבִין אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַן עֶכְטֶע שְׁטֵיין בִּיז אַ פַּאלְשֶׁע שְׁטֵיין, נָאר דֶער וָואס אַרְבֶּעט מִיט דַיימַאנְטְן וְכוּ'.

**אֱלִיעֶזֶר** עֶבֶד אַבְרָהָם הָאט גֶעגֶעבְּן צִירוּנְגֶען לוֹיט דִי פַּארְמֶעגְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין בָּארְגְן גֶעלְט אוּן נִישְׁט בַּאצָאלְן צוּ קוֹיפְן טֵייעֶרע צִירוּנְגֶען; מִיר טָארְן נִישְׁט גֵיין גַנְבְ'נֶען כְּדֵי צוּ מְקַיֵּם

זַיין וָואס אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם הָאט גֶעטוּן, מִיר דַארְפְן קוּקְן
ווִיפִיל מִיר פַארְמָאגְן.

**דָאס** וָואס אִיר טַעְנֶה'ט אַז אַ פְרוֹי וֶוערְט נִישְׁט גֶעשֶׁעצְט
אִין שְׁטוּבּ זָאל זִי כָאטְשׁ הָאבְּן אִירֶע צִירוּנְגֶען וְכוּ';
אִיךְ וֵויים נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע אַזוֹי וִוי אִיר זָאגְט.
לוֹיט וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי, אוֹיבּ אַ פְרוֹי וֶוערְט דֶערְנִידֶערְט פוּן
אִיר מַאן אוּן אִיר מַאן וֶועט אַהֵיים קוּמֶען אוּן אִיר גֶעבְּן אַ
טֵייעֶרֶע מַתָּנָה וֶועט זִי צוּרִיק וַוארְפְן דִי מַתָּנָה אִין פָּנִים, זִי
וֶועט עֶס נִישְׁט וֶועלְן אָנְטוּן; אִיז מִמָּה נַפְשָׁךְ פֶעלְט נִישְׁט
אוֹיס קַיין טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, וַוייל אוֹיבּ אִיז דִי פְרוֹי דִי קֶענִיגְן
אִין שְׁטוּבּ, דֶער מַאן רֶעדְט צוּ אִיר וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד,
עֶר הָאט סַבְלָנוּת אוּן עֶר וֵוייסְט אִירֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן אוּן אִירֶע
צַייטְן וְכוּ', אַזַא פְרוֹי אִיז אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע פְרוֹי, זִי דַארְף נִישְׁט
קַיין טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען וָואס קוּמְט פוּן גֶעבָּארְגְטֶע גֶעלְט, פוּן
בְּלוּטִיגֶע גֶעלְט, זִי פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אִיר מַאן אוּן קִינְדֶער;
ווִידֶערְאוּם אוֹיבּ דִי פְרוֹי אִיז נִישְׁט חָשׁוּב, דֶער מַאן פִירְט
זִיךְ מִיט אִיר נִישְׁט וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועט זִי נִישְׁט וֶוערְן
צוּפְרִידְן פוּן טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען.

**זַייט** מִיר מוֹחֵל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ מְבַזֶה זַיין אוּן
צֶעדְרוּקְן וואוֹילֶע פְרוֹיעֶן; אִיךְ רֶעד זֵייעֶר אַסַאךְ צוּ
מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבֶּער, אִיךְ ווִיל
פָּשׁוּט אוֹיסְלֶערְנֶען מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן
אִין חוֹבוֹת, זֵיי זָאלְן זֶען אַז מֶען קֶען חֲתוּנָה מַאכְן קִינְדֶער
אָן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט, אָן בָּארְגְן גֶעלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

## תרו

### ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּנֶעם פְלַאקֶערְדִיגְן יֵצֶר הָרָע?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שְׁרַייב מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשְׁנִיטְן הַארְץ, ווַייל אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ גוּטֶע ווַייבּ, אַ וואוֹילֶע ווַייבּ אוּן אַ שֵׁיינֶע ווַייבּ, זִי שְׁטֶעלְט מִיר אַלֶעס צוּ אוּן עֶס פֶעלְט מִיר גָארְנִישְׁט אִינֶערְהֵיים, פוּנֶדֶעסְטְוֶועגְן בְּרֶענְט אִין מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק דֶער יֵצֶר הָרָע צוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן, אוּן צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, אַז אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן.

אִיךְ ווֵייס אַז אַ בָּחוּר הָאט אַ תֵּירוּץ אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט, אָבֶּער ווָאס קֶען אִיךְ טוּן גֶערַאטֶעווֶעט צוּ ווֶערְן פוּן מַיין פְלַאקֶערְדִיגֶער יֵצֶר הָרָע? אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַאר אוּנְזֶער דוֹר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי צוּ רַאטֶעוֶועןְ אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת אוּן זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו.

**דִי** עֵצָה פַאר דִיר אִיז אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּם רֶבִּי'ן, זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן - וֶועסְטוּ טְרֶעפְן גוּטֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי יֵצֶר הָרָע וָואס פְּלַאקֶערְט אִין דִיר. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר 'קְדוּשַׁת יִשְׂרָאֵל' וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי עֲבֵירָה, וואוּ עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פִיל עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי עֲבֵירָה.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר 'אוֹצָר הַקְּדוּשָׁה' וָואס אִיז אוֹיךְ פוּל מִיט עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי עֲבֵירָה; וַוייל וֶוער עֶס פַאלְט אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן נִיאוּף, עֶר קוּקְט עֲבֵירוֹת אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר פּוֹגֵם בִּבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה - אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, דָאס רַייסְט אוֹיס דִי שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז מֶען וֶוערְט אוּמְגְלִיקְלִיךְ, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס - אֲפִילוּ דָאס גֶעזוּנְט. אַזוֹי

ווי דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רמ, סְעִיף יד): "שִׁכְבַת הַזֶּרַע הוּא כֹּחַ הַגּוּף וּמְאוֹר הָעֵינַיִם, וְכָל זְמַן שֶׁתֵּצֵא בְּיוֹתֵר, הַגּוּף כָּלֶה וְחַיָּיו אוֹבְדִים", מֶען פַארְלִירְט דִי גַאנְצֶע כֹּחַ.

**דֶער** עִקָּר זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, ווייל וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז פְרֵיילִיךְ - לוֹיפְט עֶר נִישְׁט צוּ נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר אִיז בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זִיךְ אוּן עֶר קֶען קָאנְטְרָאלִירְן זַיין מֹחַ. אַלֶע עֲבֵירוֹת קוּמֶען נָאר פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; אַ מֶענְטְש פַארְלִירְט זַיין שֵׂכֶל - דֶעמָאלְט פַאלְט מֶען אַרָאפּ, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז פְרֵיילִיךְ, עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, דֶעמָאלְט - זָאגְט דֶער רֶבִּי - הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, עֶר זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית. אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", אַז אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ" - אִיז מֶער נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירוֹת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן צ).

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זוּךְ דִיר אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן? אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוֹת נִיאוּף פְּלַאקֶערְט אִין מִיר. הֵיילִיגֶער

בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיר, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָבֶער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַּאלְן; אִיךְ הָאבּ אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, זִי אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, מִיט דֶעם אַלֶעם לוֹיף אִיךְ קוּקְן אוֹיף פְּרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דָאס לֶעבְּן אִיז מִיר נִמְאָס, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיס פַאר מִיר, נָאר דוּ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קֶענְסְט מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים אַלֶעם דֶערְצֵיילְן אוּן גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער אִין וָואס דוּ לִיגְסְט.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

## תרז

### זָאל אִיךְ זָאגְן פַאר מַיין מַאמֶע אַז דִי עֶסְן אִיז נִישְׁט גוּט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאמֶע זָאגְט מִיר אַלֶעמָאל אַז אִיךְ זָאל אִיר זָאגְן אוֹיבּ דִי עֶסְן אִיז גוּט גֶעוֶוען אָדֶער נִישְׁט, וַוייל אַזוֹי וֶועט זִי וִויסְן וָואס אִיךְ הָאבּ לִיבּ

און וָואס זִי זָאל מַאכְן נָאכְאַמָאל. לְמַעֲשֶׂה קוּמְט עֶס אוֹיס אַסַאךְ מָאל צוּ זָאגְן... עֶס אִיז אַסַאךְ מָאל נִישְׁט גוּט און אִיךְ וֶוער נִישְׁט אוֹיס מֶענְטְשׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פוּן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אוֹיךְ אָן אַ גוּטֶע סַאפֶּער.

אִיךְ וֵויים נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ זָאל אִיר זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט, וַוייל זִי בֶּעט מִיר צוּ זָאגְן, אָדֶער זָאל אִיךְ אִיר נִישְׁט זָאגְן אַז עֶס נִישְׁט גוּט, אִיר נִישְׁט מְצַעֵר זַיין אַז זִי קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט קָאכְן.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַן עֵצָה פַאר מִיר.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וִויפִיל** מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע הָאט מֶען נָאכְאַלְץ נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידוּשִׁין כ.) מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר: "עַד הֵיכָן הוּא כִּיבּוּד אָב וָאֵם", בִּיז וִויפִיל אִיז אַ מֶענְטְשׁ מְחוּיָּב צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיינֶע עֶלְטֶערְן? הָאט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וְלִי אַתֶּם שׁוֹאֲלִין", וָואס פְרֶעגְט אִיר מִיר, "לְכוּ שַׁאֲלוּ לְדָמָה בֶּן נְתִינָה", גֵייט פְרֶעגְט דָמָה בֶּן נְתִינָה, וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער הוֹיפְּט אִין דִי מִילִיטֶער. "פַּעַם אַחַת הָיְתָה אִמּוֹ מְסַטַּרְתּוֹ", אֵיינְמָאל הָאט אִים זַיין מַאמֶע גֶעשְׁלָאגְן מִיט

אַ שִׁיךְ, "לִפְנֵי כּוּלֵי שֶׁלּוֹ", אִין פָאַרְנְט פוּן אַלֶע סָאלְדַאטְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶער אִים, "וְנָפַל קוֹרְדְקְסִין שֶׁלָּהּ מִיָּדָהּ", אוּן עֶס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן דִי שִׁיךְ פוּן אִירֶע הֶענְט, "וְנוֹשִׁיט לָהּ, כְּדֵי שֶׁלֹּא תִּצְטַעֵר", הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעבוֹיגְן, אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי שִׁיךְ אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין מַאמֶע אַז זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַרָאפְּבֵּייגְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין; זֶעט מֶען וָואס הֵייסְט אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן אַ מַאמֶע.

**זָאלְסְט** קֵיינְמָאל נִישְׁט מְצַעֵר זַיין דַיין מַאמֶע; דוּ זָאלְסְט אִיר אַלְץ גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, וִוי לְמָשָׁל: "דִי עֶסְן אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּה", "דָאס עֶסְן אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק", אַזוֹי וִוי דֶער תַּם פְלֶעגְט זָאגְן פַאר זַיין וַוייבּ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט', מֵחָכָם וְתָּם): "וָואס פַאר אַ גוּטְסְקֵייט אוּן וָואס פַאר אַ וואוילְקֵייט דָאס זוּפּ אִיז", עַיֵּין שָׁם, וֶועסְטוּ זִיךְ אַיינְקוֹיפְן עוֹלָם הַזֶּה אוּן עוֹלָם הַבָּא.

**בִּפְרַט** אַז דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן זָאלְסְטוּ נָאר רֶעדְן פַאזֶעטִיוו צוּ דַיין טַאטֶע מַאמֶע, וַוייל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֵסָרִין אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען בַּיי מִיר דֶרֶךְ אֶרֶץ", אוּן דָאס קֶען מֶען זֶען בַּיי תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וִוי שֵׁיין זֵיי רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן מִיט אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן לִיבְּשַׁאפְט, בְּשָׁעַת וֶוען דִי אַנְדֶערֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער רֶעדְן נִישְׁט מִיט אַזאַ דֶרֶךְ אֶרֶץ - יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין מָאס חוּצְפָּה, זֶעט זִיךְ אָן וִוי שֵׁיין דֶער בְּרֶסְלֶב'ער חָסִיד רֶעדְט.

אַנְדֶערְשׁ ווִי מֶען זָאגְט אוֹיף אוּנְז אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט נִזְהָר אִין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; דָאס אִיז אַ לִיגְנְט אוּן אַ הוֹצָאַת שֵׁם רַע, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן אַזַא כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִין דִי וֶועלְט ווִי בַּיי בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים. אֱמֶת טַאקֶע, וֶוען עֶס קוּמְט צוּם רֶבִּינְ'ס זַאךְ קוּקְט מֶען אוֹיף גָארְנִישְׁט, מֶען טוּט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט וְכוּ'; מֶען פָארְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אֲפִילוּ טַאטֶע מַאמֶע ווִילְן נִישְׁט. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת פוּן זַיין טַאטֶע, עֶר הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּן רֶבִּי'ן, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז עֶר הָאט צוּגֶערֶעדְט זַיין שְׁנוּר - רֶבִּי נָתָנ'ס וַוייבּ - זִי זָאל זִיךְ גֶטְ'ן פוּן אִים, אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער פְלֶעגְט עֶר אִים רוּפְן: "רֶבִּי נָתָן" מִיט אַ 'ר'', אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּאקְוֶועם אַז זַיין טַאטֶע רוּפְט אִים ר', פְלֶעגְט עֶר אִים זָאגְן: "טַאטֶע, פַארְוָואס רוּפְסְטוּ מִיךְ ר' נָתָן?" הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן, דוּ בִּיסְט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער זוּן וָואס אִיז מִיךְ מְכַבֵּד".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

# תרח

## קֶען מֶען יוֹצֵא זַיין "קִמְחָא דְפִּסְחָא" דוּרְכְן צָאלְן דִי גֶעהַאלְט פַאר מְלַמְדִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן דִי מוֹסְדוֹת צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר קִמְחָא דְפִּסְחָא, צוּ קֶענֶען אוֹיסְצָאלְן דִי גֶעהַאלְט פוּן דִי מְלַמְדִים אוֹיף פֶּסַח. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען קֶען טַאקֶע יוֹצֵא זַיין מִיט דֶעם דֶער עִנְיָן פוּן קִמְחָא דְפִּסְחָא, וַוייל אוֹיבּ אִיז עֶס פָּשׁוּט צוּ צָאלְן דִי גֶעהַאלְט פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, דַארְף מֶען דָאס צָאלְן, דָאס אִיז נִישְׁט ווִי מֶען גֶעבְּט פַאר אָרֶעמֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין גְרוֹיסֶער חָכָם צוּ עֶנְטְפֶערְן דִי שְׁאֵלָה; וָואס אִיז אַ נַפְקָא מִינָה פַארְן אָרֶעמַאן וֶוען מֶען גֶעבְּט אִים גֶעלְט - צִי דִי גֶעלְט קוּמְט אִים אַלְס גֶעהַאלְט צִי דָאס אִיז בַּאזוּנְדֶער פַאר פֶּסַח? וָואס זָאל דִיר אָנְגֵיין אַז מֶען צָאלְט מִיט דִי גֶעלְט פוּן קִמְחָא דְפִּסְחָא זֵייעֶר גֶעהַאלְט?! אַז דִי מְלַמְדִים וֶוערְן נִישְׁט בַּאצָאלְט וָואכְן נָאכְאַנַאנְד וָואלְסְטוּ**

זִיךְ זִיבֶּער גֶעדַארְפְט מִשְׁתַּתֵּף זַיין אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אוֹיף יוֹם טוֹב; דוּ קוּקְסְט בַּאלְד אוֹיס ווִי דֶער וָואס הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם רָב אַז מֶען נֶעמְט צוּוַאס קִמְחָא דְּפִסְחָא אוּן מֶען בַּא'גַנְבְ'עט דִי אָרֶעמֶעלַייט ווַייל מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי פִישׁ אוּן פְלֵייש אַנְשְׁטָאט מֶעל, וָואס דָאס אִיז דִי אָפְּטַייטְשׁ פוּן "קִמְחָא דְּפִסְחָא" - מֶעל פַאר פֶּסַח...

**וואוּיל** אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֶעבְּט צְדָקָה, דָאס וֶועט אִים רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת; בִּפְרַט אַז מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס אָרֶעמֶע מִשְׁפָּחוֹת זֵיי זָאלְן קֶענֶען הָאבְּן אוֹיף יוֹם טוֹב, וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רא): "צְ'דָקָה תַּ'צִּיל מִ'מָּוֶת רָאשֵׁי תֵּבוֹת 'מַצַּת', סְגֻלָּה לְחֳלִי נוֹפֵל רַחְמָנָא לִצְלָן לְפַזֵּר צְדָקָה", עֶס אִיז אַ סְגוּלָה נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן דִי מַחֲלָה פוּן חוֹלִי נוֹפֵל אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קיב, ט): "פִּ'זַּר נָ'תַן לָ'אֶבְיוֹנִים" וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'נֶפֶ"ל'; דָאס גֵייט אַרוֹיף סַיי בְּרוּחְנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט רַחְמָנָא לִצְלָן דִי מַחֲלָה פוּן חוֹלִי נוֹפֵל, זָאגְט דֶער רֶבִּי - זָאל עֶר גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף בְּרוּחְנִיּוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, אוּן ווִיפִיל עֶר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ טוּן נָאר גוּטֶע זַאכְן, פַאלְט עֶר צוּרִיק צוּ זַיינֶע רְגִילוּתְ'ן וְכוּ' - זָאל עֶר גֶעבְּן צְדָקָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיסְצָאלְן אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט

אַזאַ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיסְצָאלְן זֵייעֶר אָרֶעמֶע גֶעהַאלְט וָואס זֵיי פַארְדִינֶען, אוּן זֵיי נָאךְ קֶענֶען צוּגֶעבְּן בַּאזוּנְדֶער לְכָבוֹד יוֹם טוֹב. הַלְוַאי זָאל אִיךְ אָנְקוּמֶען צוּ קֶענֶען גֶעבְּן פַאר אַלֶע מְלַמְדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בַּאזוּנְדֶער אוֹיף יוֹם טוֹב, הַלְוַאי זָאל אִיךְ זֵיי קֶענֶען צָאלְן צַייטְלִיךְ, אָבֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז נִישְׁט אַלֶע עֶלְטֶערְן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד. עֶס לִיגְט אוֹיף מִיר אַ שְׁוֶוערֶע לַאסְט צוּ שַׁאפְן גֶעלְט פַאר זֵיי וֶועכְנְטְלִיךְ; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁטִיצֶע פוּן אִינְדְרוֹיסְן, דַארְפְן מִיר זִיךְ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, שׁוֹין נַיין יָאר - פוּן שְׁנַת תש"ע - זַייט דִי מוֹסָד שְׁטֵייט, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז מִיר הָאבְּן גֶעקֶענְט אוֹיסְצָאלְן דִי מְלַמְדִים אוֹיף פֶּסַח, נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה פוּן אַלֶע קִינְדֶער וָואס בֶּעטְן יֶעדְן טָאג מִיט דִי מְלַמְדִים פַאר דִי מוֹסָד אַז מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

**אִיךְ** הָאף דוּ הָאסְט זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף גֶעוֶוען אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעלָאזְט דִי מְלַמְדִים אוֹיסְגֵיין בִּיזְן בַּאקוּמֶען דִי תְּשׁוּבָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח אִין יְרוּשָׁלַיִם - (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

**אַ** פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

# תרט

## וואו זֶענֶען אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס טוּט מִיר אַזוֹי וֵויי אַז שִׁמְעִי עֶנְדְצְוֵויְיג עָלָיו הַשָּׁלוֹם אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן נָאךְ מֶער שְׁטֶעכְט מִיר 'וואו זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דִי אַלֶע תְּפִלּוֹת אוּן טְרֶערְן וָואס מֶען הָאט פַארְגָאסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין רְפוּאָה?'

אִיךְ וֵויים נִישְׁט פוּן נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַזוֹיפִיל מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, אַזוֹיפִיל גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן, ווִי שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ זָאגְן, אָבֶּער אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי זַיין לְוָיָ' אוּן זִיךְ גֶעבְּרָאכְן קָאפּ: 'אוֹיב אַזוֹיפִיל תְּפִלּוֹת אוּן אַזוֹיפִיל טְרֶערְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ נָאךְ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער צוּ בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין? ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאפְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְטְפֶערְן מַיינֶע תְּפִלּוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט מִיט טְרֶערְן, נִישְׁט אַזוֹיפִיל שָׁעוֹת, נִישְׁט מִיט אַזַא צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אוּן נִישְׁט פוּן אַזַא רֵיין הַארְץ ווִי שִׁמְעִי?'

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז פַאר אוּנְז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרָאפְּצוּשְׁלִינְגֶען דִי בִּיטֶערֶע נַייעֶס אַז מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן אַ טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה - שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם[ה].

**מִיר** וֵוייסְן גָארְנִישְׁט אוּן מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, מִיר וֵוייסְן נָאר אֵיין זַאךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט. מִיר דַארְפְן שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן: "מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט אוּן מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, 'קֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא'" (דְּבָרִים לב, ד), פַארְוָואס? פַאר וֶוען? אוּן פַאר וואוּ? דָאס הָאט נִישְׁט מִיט אוּנְז.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן נב) דָאס וָואס עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹי דַארְף צוּ זַיין, "וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ", אוּן דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אוֹיבּ מִיר וָואלְטְן אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען וָואלְט דָאךְ גֶעוֶוען זַיין שֵׂכֶל אַזוֹי ווִי אוּנְזֶער שֵׂכֶל - חַס וְשָׁלוֹם; קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אִים נִישְׁט. אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

ה. הַבָּחוּר הֶחָשׁוּב שִׁמְעוֹן עָלָיו הַשָּׁלוֹם, בֶּן יִבָּדֵל לְחַיִּים טוֹבִים אֲרֻכִּים ר' פִּנְחָס הַכֹּהֵן הי"ו עֶנְדְּרֶעצְווייג. נִפְטַר ג' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט, וּמְנוּחָתוֹ כָּבוֹד בְּבֵית הַחַיִּים דִּקְהַל יִיטַב לֵב בְּקִרְיַת יוֹאֵל.

יֶעדֶע "פַארְוָואס?" אִיז אַ קַשְׁיָא קֶעגְן דִי אֱמוּנָה; מוֹהֲרָא"ש טַייטְשְׁט: "'לָמָּה?' יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם" (תְּהִלִּים עט, י) - אַ גוֹי פְרֶעגְט פַארְוָואס, אַ אִיד פְרֶעגְט נִישְׁט פַארְוָואס, אַ אִיד גְלַייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: וִוי אַזוֹי? אָט אַזוֹי, אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט, אַזוֹי אִיז גוּט - "אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ", ווארויל אִיז פַאר אַ אִיד וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר עֶר חַזֶר'ט שְׁטֶענְדִיג: "'שֶׁכָּכָה לּוֹ', אָט אַזוֹי, אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט, אַזוֹי אִיז גוּט".

וֶוען מֶען זֶעט וִוי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן פוּן דִי וֶועלְט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ב.) דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּן אַ פַייגְן בּוֹים, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט וָואס דִי פַייגְן הוֹיבְּן אָן וֶוערְן גֶעצַייטִיגְט הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען וִוי דֶער בַּעַל הַבַּיִת שְׁטֵייט אוֹיף יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי - נָאךְ פַאר זֵיי קוּמֶען לֶערְנֶען - אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי גֶעצַייטִיגְטֶע פַייגְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אַזוֹי פְרִי דָאס צוּ טוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז מִן הַסְּתָם אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת זֵיי חוֹשֵׁד אוּן עֶר הָאט מוֹרָא אַז זֵיי וֶועלְן גַנְבְ'נֶען פוּן דִי גֶעצַייטִיגְטֶע פַייגְן, דֶערִיבֶּער פֶעדֶערְט עֶר זִיךְ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי פְרִישֶׁע גֶעצַייטִיגְטֶע פַייגְן, הָאבְּן זֵיי מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז זֵיי וֶועלְן גֵיין צוּ אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ. וֶוען דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעזֶען אַז זֵיי זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי שָׁאטְן פוּן זַיין בּוֹים הָאט דָאס אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, עֶר הָאט זֵיי

גֶעזָאגְט: "אַף חֲדָא מִצְוָה דַּהֲוֵיתָן נְהִיגִין וְעָבְדִין עַמִּי מְנַעְתּוּנַהּ מִינַּי", דִי אֵיין מִצְוָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַז אִיר פְלֶעגְט לֶערְנֶען אוּנְטֶער מַיין פַּייגְן בּוֹים - הָאט אִיר אוֹיךְ אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן מִיר? הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "מִיר זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען וַוייל מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אַז דוּ בִּיסְט אוּנְז חוֹשֵׁד אַז מִיר וֶועלְן גַנְבְ'נֶען פַּייגְן". דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְוָואס עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אַזוֹי פְרִי, עֶר הָאט זֵיי אָבֶּער גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנְטֶער זַיין פַּייגְן בּוֹים. דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג אִיז עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פַארְטָאגְס קְלוֹיבְּן דִי פַּייגְן, עֶר הָאט גֶעוַוארְט דִי זוּן זָאל אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן וֶוען דִי זוּן הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט זֶענֶען אַלֶע פַּייגְן פַארְפוֹילְט גֶעוָוארְן, הָאבְּן דִי חֲכָמִים פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס עֶר שְׁטֵייט אוֹיף יֶעדְן טָאג אַזוֹי פְרִי אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי פַּייגְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "בַּעַל הַתְּאֵנָה יוֹדֵעַ אֵימָתַי עוֹנָתָהּ שֶׁל תְּאֵנָה לִלְקֹט וְהָיָה לוֹקְטָהּ", דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּנֶעם פַּייגְן בּוֹים וֵוייסְט פוּנְקְטְלִיךְ וֶוען עֶס אִיז דִי צַייט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי פַּייגְן פוּן בּוֹים, "כָּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹדֵעַ אֵימָתַי עוֹנָתָן שֶׁל צַדִּיקִים לְסַלֵּק מִן הָעוֹלָם וְהוּא מְסַלְּקָן", אַזוֹי אוֹיךְ וֵוייסְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּינְקְטְלִיךְ וֶוען עֶס אִיז דִי צַייט צוּרִיק צוּ נֶעמֶען דִי נְשָׁמָה פוּן דִי צַדִּיקִים; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת: "וואוּ זֶענֶען דִי תְּפִילוֹת? פַארְוָואס אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן?" וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט פְרֶעגְן: "פַארְוָואס? פַאר וֶוען? פַאר וואוּ?" נָאר מֶען דַארְף הַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר'ן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט - אַזוֹי וִוי רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט.

**וזאוֹיל** אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

**דֶער** אַייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תרי

### מַיין מַאן פַארְבְּרֶענְגְט צוּפִיל מִיט זַיין מַאמֶע, וָואס טוּ אִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר דֶעם אַייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, עֶס שְׁטֶערְט מִיר אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק אֵיין זַאךְ, וֶוען מִיר גֵייעֶן צוּ מַיין מַאן'ס עֶלְטֶערְן וֶוערְט עֶר מַמָּשׁ אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז פַארְנוּמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט זַיין מַאמֶע פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת אוּן עֶר פַארְגֶעסְט פוּן מִיר אִינְגַאנְצְן, עֶר נֶעמְט זֵייעֶר עֶרְנְסְט כִּיבּוּד אֵם אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז דֶעמָאלְט ווִי גֶעשְׁטָארְבְּן.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז עֶר וִויל פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זַיין מַאמֶע, אָבֶּער מִיר שְׁטֶערְט עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן עֶס מַאכְט אוֹיךְ אִיךְ זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן מַיין שְׁווִיגֶער. זֵיי שְׁמוּעֶסְן פוּן פָּאלִיטִיק אוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר מִיר, אוּן אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן דִי שְׁמוּעֶס.

אִיךְ וִויל ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג פָאדֶערְן פוּן מַיין מַאן נִישְׁט צוּ זַיין דָארְט אַזוֹי לַאנְג, אָדֶער אִיז עֶר גֶערֶעכְט אוּן אִיךְ קֶען אִים גָארְנִישְׁט זָאגְן? אוּן בִּכְלַל הָאבּ אִיךְ נִישְׁט לִיבּ צוּ גֵיין אַהִין, ווַייל מַיין מַאן אִיז דֶער יוּנְגְסְטֶער אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן דָארְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דַאנְקְט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַן עֶרְלִיכֶער מַאן וָואס אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן, עֶר נֶעמְט אַזוֹי עֶרְנְסְט דִי מִצְוָה פוּן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם' אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּיי אִים וִוי גֶעשְׁטָארְבְּן וְכוּ'; אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן אַייךְ מְכַבֵּד זַיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ח:): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ", וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ - אַזוֹי פִירְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק צוּ אִים, אוּן נָאךְ פִיל מֶער בַּיי אַ גוּטֶע זַאךְ.

**עֶס** דַארְף אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי זַאךְ; הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע זַיין אַזוֹי וִוי אַייעֶר מַאן וָואס גֶעבְּט כָּבוֹד פַאר טַאטֶע מַאמֶע. לֵיידֶער לֵיידֶער זֶעט מֶען אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבֶּער וָואס קוּקְן נִישְׁט אוֹיף זַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט אַרִיבֶּער בַּאזוּכְן מִזְּמַן לִזְמַן, זֵיי רוּפְן נִישְׁט וְכוּ', זֵיי פַארְגֶעסְן אִינְגַאנְצְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען זֵיי גֵייעֶן שׁוֹין יָא אַרִיבֶּער צוּ דִי עֶלְטֶערְן - פִירְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

**דָאס** וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט דִי יוּנְגְסְטֶע אִין דִי מִשְׁפָּחָה אוּן אִיר הָאט נִישְׁט מִיט וֶועם צוּ שְׁמוּעֶסְן וְכוּ'; זָאלְט אִיר דָאס זָאגְן פַאר אַייעֶר מַאן אוּן אִים בֶּעטְן

אַז עֶר זָאל מִיט חָכְמָה שְׁמוּעֶסְן אַזֶעלְכֶע זַאכְן אִין וָואס אִיר קֶענְט אַנְטַייל נֶעמֶען וְכוּ׳, אָבֶּער אִיר זָאלְט אִים נִישְׁט אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּן זַיי, דָאס בִּיסְל וָואס עֶר גֵייט צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תריא

**מֶען הַאלְט מִיךְ פַּאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד,**
**אָבֶּער לֵיידֶער בִּין אִיךְ נִישְׁט, וָואס טוּט מֶען?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן מִיךְ פַּאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס דֶעם אֱמֶת וֶוער אִיךְ בִּין. אִיז מַיין שְׁאֵלָה צִי אִיךְ דַארְף זִיךְ אָנְרוּפְן וֶוען מֶען רוּמְט מִיךְ אוֹיס, צִי דַארְף אִיךְ מְפַרְסֵם זַיין וֶוער אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת, אַז מֶען זָאל מִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין?

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זָאגְט אַלְץ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן מִיט אַ וַוייסֶע וֶועסְטְל אוּן אַ רֶעזְשְׁוָואלְקֶע, אָבֶּער בֶּאֱמֶת לִיגְן זֵיי טִיף אִין דֶער עֶרְד; אִיז וָואס דַארְף אִיךְ צוּ טוּן? זָאל אִיךְ אוֹיסְטוּן מַיין וַוייסֶע וֶועסְטְל אוּן רֶעזְשְׁוָואלְקֶע אוּן זִיךְ אָנְטוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט זִיךְ בַּארֶעכֶעֶנעֶן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן; מֵיין נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָה כג, כד): "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה'", ווי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר? "הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא נְאֻם ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּערָאל.

**אַז** דוּ וֶועסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט זַיין זַייעֶר בִּיטֶער; מֵיין נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּנְטֶער אַ וַוייסֶע וֶועסְטְל, אוּנְטֶער רֶבִּי'שֶׁע קְלֵיידֶער אוּן טוּן עֲבֵירוֹת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן מֶען לָאזְט אָפּ דִי עֲבֵירוֹת אִיז גוּט אוּן אַז נִישְׁט וֶוערְט מֶען פַארְשֶׁעמְט בָּזֶה וּבַבָּא.

**זֶע** צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים; פְּרוּבִיר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'", וֶוער עֶס זָאגְט תְּהִלִּים וֶועט זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; תְּשׁוּבָה טוּן אִיז נִישְׁט פַּאסְטְן, תְּשׁוּבָה אִיז

נִישְׁט סִיגוּפִים, תְּשׁוּבָה אִיז צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאג פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרַע".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תריב

### וָואס טוּט מֶען וֶוען דֶער לֶענְדְלָארְד פַּיינִיגְט וֶועגְן דִי רֶענְט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר אַייעֶרע שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק דֶערְמִיט. אִיךְ הֶער אַסַאךְ ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אִיבֶּער דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן צָאלְן דִירָה גֶעלְט, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר טַאקֶע צוּ צָאלְן צַייטְלִיךְ יֶעדְן חוֹדֶשׁ, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר אוּן אִיךְ אַרְבֶּעט שְׁוֶוער פַאר פַּרְנָסָה.

עֶס מַאכְט זִיךְ אָבֶּער צוּמָאל וָואס אִיךְ פַארְשְׁלֶעפּ זִיךְ אוּן אִיךְ צָאל צוּבִּיסְלִיךְ דִי רֶענְט, אָבֶּער יֶעצְט הָאט דֶער לֶענְדְלָארְד אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַן עֶלֶעקְטֶעְרָאנִישֶׁער שְׁלָאס אוֹיפְן עֶלֶעוֶועיטָאר, אוּן יֶעדֶע מִשְׁפָּחָה בַּאקוּמְט אַ קַארְטְל מִיט וָואס מֶען קֶען נוּצְן דֶעם עֶלֶעוֶועיטָאר, אוּן אוֹיבּ הָאט מֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעצָאלְט דִי רֶענְט בַּיים עֶרְשְׁטְן טָאג פוּן חוֹדֶשׁ - אַרְבֶּעט נִישְׁט דִי קַארְטְל.

דָאס קָאסְט מִיר אַ יַם מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ פַאר מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוֹיבּ בִּין אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ צָאלְן מַמָשׁ אוֹיפְן עֶרְשְׁטְן טָאג, דַארְף דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זִיךְ אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן אַ שֵׁיינֶע פָּאר שְׁטָאק, און מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם. אָדֶער דַארְף מֶען גֵיין יֶעדֶעס מָאל בֶּעטְן פוּן אַ שָׁכֵן אַ גַאנְצֶע טוֹבָה צוּ קוּמֶען עֶפֶענֶען דִי עֶלֶעוֶועיטָאר, און דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי הַארְץ אַזוֹי וֵויי צוּ טוּן אַ גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פַאר אַפָּאר דָאלֶער וָואס עֶר הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען פִּינְקְטְלִיךְ אִין צַייט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן צוּ אִים, אָבֶער דֶערְוַוייל הָאט עֶס נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מַזְהִיר זַיין אוֹיף צָאלְן רֶענְט; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "רֶענְט קוּמְט פַאר אַלֶעס", נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ מֶען זָאל נִישְׁט צָאלְן רֶענְט צַייטְלִיךְ, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען צָאלְן רֶענְט; רֶענְט קוּמְט פַאר עֶסְן, פַאר קְלֵיידֶער און פַאר אַ קַאר וְכוּ' וְכוּ'. אַלֶעס קֶען מֶען זִיךְ שַׁאפְן; מֶען קֶען שַׁאפְן עֶסְן, קְלֵיידֶער וְכוּ', אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט צָאלְן רֶענְט וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין דִירָה.

דוּ פְּרֶעגְסְט וָואס נָאךְ דוּ קֶענְסְט טוּן אַז עֶר זָאל דִיךְ לָאזְן וואוֹינֶען רוּאִיג אִין דִי דִירָה? גֵיי נָאךְ גֶעלְט וֶועסְטוּ קֶענֶען צָאלְן צַייטְלִיךְ רֶענְט. אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רנג, סְעִיף ב) אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט קֶען גֵיין קְלַייבְּן צְדָקָה פַאר זִיךְ; אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט - אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ, אַ בּוּשָׁה אִיז אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין רֶענְט, אַ בּוּשָׁה אִיז אַז מֶען בָּארְגְט גֶעלְט פוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אוּן מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט, וָואס דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען אָנְגֶערוּפְן אַ רָשָׁע, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם".

אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי נִישְׁט קַיין אוֹיבֶּער חָכָם. גֵיי נָאךְ גֶעלְט אַז מֶען זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן דַיין דִירָה; דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט זָאגְן פַאר וֶועם דוּ גֵייסְט. אַז מֶען פְרֶעגְט דִיר פַאר וֶועם דוּ גֵייסְט, זָאג: "אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר אַן אָרֶעמֶע מִשְׁפָּחָה", אוּן גְלַייךְ וֶוען דוּ הָאסְט גֶעלְט זָאלְסְטוּ דָאס טְרָאגְן פַאר דַיין לֶענְדְלָארְד, וַוארְט נִישְׁט בִּיז דוּ הָאסְט דֶעם גַאנְצְן סְכוּם, נָאר וִויפִיל דוּ הָאסְט זָאלְסְטוּ אִים בְּרֶענְגֶען, אוּן אַבִּיסְל מִיט אַבִּיסְל פוּלְט זִיךְ אָן אַ שִׁיסְל, בִּיז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אָפְּצָאלְן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת.

מַאךְ נִישְׁט דַיין לֶענְדְלָארְד פַאר אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ מִיט דֶעם וָואס עֶר פַארְלַאנְגְט מֶען זָאל צָאלְן פִּינְקְטְלִיךְ אִין צַייט; עֶר וֶוערְט נִישְׁט אַ גַנָב אַז עֶר בֶּעט זַיין רֶענְט צַייטְלִיךְ.

זֶע צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן; מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אַז מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן הָאט מֶען אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן (גֶעלְט)".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תריג

**זָאל מֶען גֶעבְּן "חִיזוּק יוֹמִי" קַארְטְלֶעךְ פַאר אוּמְזִיסְט?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ גֵיין הֲפָצָה, בְּעִקָר מִיט דִי חִיזוּק יוֹמִי קַארְטְלֶעךְ. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרָאפְּלֵייגְן סְתָם אַזוֹי קוּנְטְרֵסִים, דָאס בְּרֶענְגְט אַ זִלְזוּל דֶערְצוּ, מֶען זָאל נָאר גֶעבְּן אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט צְדָקָה.

ווייל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ בַּיי דִי קַארְטְלֶעךְ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, אָדֶער דָאס קֶען מֶען יָא גֶעבְּן אוּמְזִיסְט אָדֶער סְתָם אַזוֹי אַרָאפְּלֵייגְן?

אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ בִּין גֶעווּאוֹיר גֶעוָוארְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע הַאטְלֵיין קוֹל בְּרֶסְלֶב דוּרְךְ אַ קַארְטְל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אִין אַ פִּיצָא סְטָאר, אוּן דָאס הָאט מִיךְ מַמָשׁ גֶעטוּישְׁט דָאס לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מֶען** קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן הֲפָצָה, פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר, אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער

קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בְּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְּרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

**דָאס** וָואס מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים בְּחִינָם - אִיז וַוייל אַז מֶען גֶעבְּט דָאס בְּחִינָם אִיז דָאס זֵייעֶר בִּילִיג אוּן עֶס הָאט נִישְׁט קַיין וֶוערְד בַּיים מֶענְטְשׁ, אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ צָאלְט פַּארְן סֵפֶר - הָאט דָאס בַּיי אִים אַ וֶוערְד; דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ גֶעבְּן דִי סְפָרִים אוּמְזִיסְט נָאר מֶען מוּז בַּאצָאלְן פַאר דִי סְפָרִים, קַארְטְלֶעךְ קֶען מֶען גֶעבְּן אוּן אַרָאפְּלֵייגְן אוּמְזִיסְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תריד

**וְוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ מַיין מַאן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס אִיז זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּקִים, אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ.

שׁוֹין אַ לֶענְגֶערֶע צַייט וָואס מַיין מַאן גֵייט נִישְׁט דַאוֶונֶען מַעֲרִיב, עֶר קוּמְט צוּרִיק נָאכְמִיטָאג פוּן דִי אַרְבֶּעט, אוּן עֶר בְּלַייבְּט אִינְדֶערְהֵיים בִּיז

אִינְדֶערְפְּרִי, דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי. אוּיךְ גֵייט עֶר שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט אִין מִקְוֶה אִינְדֶערְפְּרִי אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; דַארְף אִיךְ אִים זָאגְן אוּן מְעוֹרֵר זַיין אוּיף דֶעם?

אִיךְ וִויל אִים נִישְׁט מְצַעֵר זַיין אוּן צֶעבְּרֶעכְן, אִיךְ וִויל אִים נָאר מְחַזֵּק זַיין, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל וִויסְן וָואס צוּ טוּן אוּיף אַ רִיכְטִיגֶער וֶועג.

אִיךְ הָאף אַז אִיר הָאט אַן עֵצָה פַאר מִיר, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**בְּדֶרֶךְ** כְּלַל הָאט אַ מַאן נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען הֵייסְט אִים וָואס צוּ טוּן; אַ מַאן הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען זַיין וַוייבּ וֶוערְט אִים וִוי אַ מַשְׁגִּיחַ אוּן זִי הוֹיבְּט אִים אָן זָאגְן: "גֵיי דַאוֶוענֶען", "גֵיי אִין מִקְוֶה", "פַארְוָואס לֶערְנְסְטוּ נִישְׁט?" עֶר הָאט דָאס שׁוֹין גֶעהֶערְט גֶענוּג אוּן נָאךְ אִין יְשִׁיבָה.

**דָא** דַארְף מֶען נוּצְן חָכְמָה. אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ"; אַ פְרוֹי וָואס בּוֹיט אוּיף אִיר מַאן, זִי דֶערְהֵייבְּט אִים, זִי שֶׁעצְט אִים - דָאס הֵייסְט אַ קְלוּגֶע פְרוֹי, ווִידֶערְאוּם אַ פְרוֹי וָואס זוּכְט נָאר וִוי זִי קֶען צֶעבְּרֶעכְן אִיר מַאן, צֶעבְּרֶעכְן אִיר שְׁטוּבּ - דָאס אִיז אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי; אַ קְלוּגֶע

פְּרוֹי וָואס ווִיל אִיר מַאן זָאל לֶערְנֶען און דַאוְוענֶען וֶועט זִי אִים גֶעבְּן אַסַאךְ ווַארֶעמְקַייט און לִיבְּשַׁאפְט, בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ טוּישְׁן צוּם גוּטְן. וַוייל מֶען קֶען אַלֶעס פּוּעֵלְ'ן מִיט אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט און אַבִּיסְל ווַארֶעמְקַייט.

דִי קְלוּגֶע וֶועג אִיז: "סַבְלָנוּת"; דִי קְלוּגֶע וֶועג אִיז נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן, נָאר אַרוֹיסבְּרֶענְגֶען דִי גוּטֶע גֶעפִילְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט וֶוען מֶען טוּט דָאס און דָאס. אַנְשְׁטָאט זָאגְן: "גֵיי דַאוְוענֶען מַעֲרִיב", "גֵיי אִין מִקְוֶה", "גֵיי לֶערְן", קֶען מֶען זָאגְן וֶוען מֶען זֶעט אִים לֶערְנֶען אָדֶער דַאוְוענֶען: "אִיךְ הָאבּ אַזוֹי לִיבּ וֶוען דוּ לֶערְנְסְט", "אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ גֵייסְט דַאוְוענֶען", "אִיךְ קוּק אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס דוּ שְׁטְרֶענְגְסְט זִיךְ אָן צוּ גֵיין דַאוְוענֶען"; אוֹיף דֶעם וֶועג מֶעג מֶען רֶעדְן און אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועט אִיר פּוּעֵלְ'ן.

**אַלֶעס** וָואס אִיר ווִילְט פּוּעֵלְ'ן וֶועט אִיר נָאר קֶענֶען פּוּעֵלְ'ן כָּל זְמַן אִיר וֶועט אִים ווַייטֶער לִיבּ הָאבְּן, עֶס טָאר נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעקִילְט דִי לִיבְּשַׁאפְט, וַוייל אוֹיבּ עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט דִי לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט פּוּעֵלְ'ן.

**בֶּעטְס** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אַ הֵיילִיגְקֵייט אִין אִים; וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט שְׁטֵייט בַּיי דִי לִיכְט, לֵייגְט אַרוֹיף דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים און בֶּעטְס און ווֵיינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר מַיין מַאן און מַיין מַאן זָאל מִיר גֶעבְּן

לִיבְּשַׁאפְט; הֶעלְף אוּנְז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אַהֲבָה וְשָׁלוֹם. הֶעלְף מַיין טַייעֶרער מַאן עֶר זָאל זַיין אַ אִיד; עֶר זָאל דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, עֶר זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען צוּזַאמֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב; הֶעלְף אוּנְז הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער"; אוּן לֵייגְט צוּ אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, וַוייל יֶעדֶע תְּפִילָה וָואס אִיר בֶּעט פַּאר אַיךְ, פַּאר אַייעֶר מַאן אוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער וְכוּ' - גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תרטו

**זָאל אִיךְ גֵיין הַפָּצָה, אֲפִילוּ וֶוען דָאס אִיז מְצַעֵר מַיינֶע עֶלְטֶערְן?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַיֶּה'.

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' דִי זְכִיָּ' צוּ טֵיילְן דִי חִיזּוּק יוֹמִי קַארְטְלֶעךְ פַּאר פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ אוֹיפְן גַאס, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר פַאר מַיין מַאמֶע. פוּן אֵיין זַייט ווייס אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ טוּ עֶפֶּעס אוֹיף מִיטְן טֵיילְן דִי קַארְטְלֶעךְ סְתַּם פַּאר מֶענְטְשְׁן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ מִיט דֶעם מְצַעֵר מַיין מַאמֶע.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרַיין אִינֶעם כְּלַל אַז "מֶען דַארְף פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן בִּיזְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ", אָדֶער אִיז בֶּעסֶער נִישְׁט צוּ טֵיילְן אוּן נִישְׁט מְצַעֵר זַיין דִי עֶלְטֶערְן מִיט דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן אַװעקְגֶעבְּן צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן מַיין שְׁאֵלָה

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אַז** אִיר ווִילְט בֶּאֱמֶת עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה - אִיז דָא גֶענוּג װֶעגְן דָאס צוּ טוּן אָן דֶעם ווָאס אִיר זָאלְט דַארְפְן מְצַעֵר זַיין אַייעֶר מַאמֶע.

**אַז** אִיר װֶעט זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן גוּטֶע מִדּוֹת - װֶעט אִיר זִיךְ מַאכְן אַ גוּטֶע נָאמֶען אוּן אִיר װֶעט בְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע נָאמֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ", זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט װֶערְן דוּרְךְ דִיר. ווַייל װֶען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, ווָאס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווַאוּיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן ווָאס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווַאוּיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי ווָאס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא

לָמְדוּ תּוֹרָה", ווידעראוּם וויי איז פאר די מענטשן וואס לערנען נישט קיין תּוֹרָה; אויף איינער וואס פירט זיך ערליך זאגט מען: "קוקט אן דעם מענטש, וויבאלד ער לערנט תּוֹרָה פירט ער זיך אויף אזוי ערליך", אויף אים זאגט דער פסוק (ישעי' מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דער אייבערשטער בארומט זיך מיט אזא איינעם.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט בקרוב טרעפן אייער זיווג און אויפשטעלן א שטוב לשם ולתורתו.

## תרטז

### מיינע עלטערן קריגן זיך, וואס דארף איך טון צו דעם?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דער ראש ישיבה שליט"א,**

צום ערשט וויל איך זיך באדאנקען פאר די פריערדיגע בריוו[ז], איבער אויב מען מעג האבן אין קאפ ווי כאילו א בילד פונעם אייבערשטן כביכול. דער פאקט אז דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך געזעצט מיר שרייבן א בריוו, האט מיר געגעבן זייער א גוטע געפיל, און איך פרוביר זיך צו מחזק זיין אין דעם בעזר השם.

יעצט וויל איך פרעגן איבער א זאך וואס טוט מיר שטארק וויי. איך בין געווען אויף יום טוב ביי מיינע עלטערן און זיי קריגן זיך אסאך ארום. איך בין נישט זיכער אויב דאס איז א נייע זאך, אדער ביז יעצט האב

ז. דער בריוו איז בייגעלייגט צום סוף פון דעם בריוו.

איך עס פָּשׁוּט נִישְׁט בַּאמֶערְקְט, אָבֶער זַייט מַיין חֲתוּנָה קֶען אִיךְ עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט דֶערְלַייְדְן. אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס אִיךְ קֶען אָדֶער דַארְף טוּן וֶועגְן דֶעם? אוֹיסֶער - פַארְשְׁטֵייט זִיךְ - בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עז): "כָּל הָעוֹלָם מָלֵא מַחֲלוֹקוֹת", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט קְרִיגְט זִיךְ; "הֵן בֵּין אֻמּוֹת הָעוֹלָם", אַלֶע פֶעלְקֶער קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, "וְכֵן בְּכָל עִיר וָעִיר", אִין יֶעדֶע שְׁטָאט אִיז דָא מַחֲלוֹקוֹת, "וְכֵן בְּכָל בַּיִת וּבַיִת", אוּן אִין יֶעדֶע שְׁטוּבּ אִיז דָא מַחֲלוֹקוֹת, "בֵּין הַשְּׁכֵנִים", מִיט דִי שְׁכֵנִים, "וּבֵין כָּל אֶחָד עִם אִשְׁתּוֹ וּבְנֵי בֵיתוֹ וּמְשָׁרְתָיו וּבָנָיו", אוּן מִיט דִי הוֹיז גֶעזוּנְד, מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', "וְאֵין מִי שֶׁיָּשִׂים עַל לִבּוֹ הַתַּכְלִית שֶׁבְּכָל יוֹם וָיוֹם הָאָדָם מֵת", אוּן קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית, מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז יֶעדְן טָאג שְׁטַארְבְּט מֶען, "כִּי הַיּוֹם שֶׁעָבַר לֹא יִהְיֶה עוֹד", וַוייל דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין, קוּמְט אוּיס, "וּבְכָל יוֹם הוּא מִתְקָרֵב לַמִּיתָה", אַז יֶעדְן טָאג וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער צוּ שְׁטַארְבְּן, אִיז דָאךְ אַ שָׁאד אַז דָאס בִּיסְל וָואס מֶען לֶעבְּט זָאל זַיין אָנְגֶעפִילְט מִיט מַחֲלוֹקוֹת.

**דֶערִיבֶּער** זָאלְסְטוּ שְׁטֵיין וַוייט פוּן מַחֲלוֹקוֹת, בִּפְרַט וֶוען עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן; שְׁטֵיי אִין דִי זַייט אוּן נֶעם נִישְׁט קַיין שׁוּם צַד אִין דִי מַחֲלוֹקוֹת פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן. וֶוען דַיין טַאטֶע רֶעדְט צוּ דִיר אוֹיף דַיין מַאמֶע זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְהֶערְן, אוּן וֶוען דַיין מַאמֶע רֶעדְט זִיךְ אוֹיס אוֹיף דַיין טַאטֶע זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם טְרָאגְן אָדֶער בְּרֶענְגֶען לָשׁוֹן הָרָע פוּן אֵיינֶעם אוֹיפְן אַנְדֶערְן. דוּ זָאלְסְט זַיין דֶער אִישׁ הַשָּׁלוֹם, דוּ זָאלְסְט זֵיי נָאר בְּרֶענְגֶען נַחַת - פַאר בֵּיידֶע פוּן זֵיי.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

### מֶעג אִיךְ הָאבְּן וִוי כְּאִילוּ אַ בִּילְד פוּן בַּאשֶׁעפֶער בַּיי מִיר אִין קָאפּ?[ז]

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק, דָאס פִּירְט מִיךְ צוּם רִיכְטִיגְן וֶועגְן אִין שָׁלוֹם בַּיִת, פַּרְנָסָה אוּן נָאךְ פִיל. דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען מַמָּשׁ כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה.

פוּן קִינְדְוַוייז אָן הָאב אִיךְ בַּיי מִיר אִין קָאפּ אַ גֶעוִויסֶער בִּילְד וִוי כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַזוֹי אוֹיס. אִיךְ בִּין אַלֶעמָאל גֶעוֶוען בַּאקְוֶועם דֶערְמִיט, עֶס הֶעלְפְט מִיר בַּיים דַאוֶונֶען וְכַדוֹמֶה, אוּן דָאס אִיז מִיר לִכְאוֹרָה אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין קָאפּ פוּן קִינְדֶערִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת אָדֶער פוּן בִּיכְלֶעךְ צוּ קָאלִירְן.

ז. עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ו', מִכְתָּב תעז.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ דָאס אִיז עֶפֶּעס וָואס אִיךְ טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן; דַארְף אִיךְ דָאס אַרוֹיסְהַאקְן פוּן קָאפּ? אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז דָאס גָאר אַ מַעֲלָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר גֶעפִינֶען אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת נָשֹׂא, דַף קכז עַמּוּד ב; וְעוֹד) אַז יֶעדֶעס מָאל וָוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע חַבְרַיָא קַבָּלָה, הָאט עֶר צוּם עֶרְשְׁט אָנְגֶעפַאנְגֶען מִיטְן פָּסוּק (דְּבָרִים כז, טו): "אָרוּר הָאִישׁ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה פֶסֶל וּמַסֵּכָה", פַארְשָׁאלְטְן זָאל זַיין דֶער וָואס מַאכְט אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט קַיין גֶעשְׁטַאלְט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שוּם שַׁיְיכוּת מִיט אַן אוֹיסְזֶען אוּן מֶען קֶען אִים נִישְׁט אוֹיסְמָאלְן, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים.

גֶעוְואוֹין זִיךְ צוּ כְּסֵדֶר צוּ חַזֶר'ן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס וָואס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה; בַּיי אוּנְז פִּירְט מֶען זִיךְ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ נָאךְ בִּרְכַּת הַתּוֹרָה צוּ זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס, אַזוֹי הוֹיבְּט מֶען אָן דֶעם טָאג מִיט אֱמוּנָה. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי

צו זָאגְן די דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס, בִּפְרַט זָאלְסְטוּ אַסאךְ חַזֶר'ן די דְרִיטֶע אֲנִי מַאֲמִין: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אֵינוֹ גוּף, וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף וְאֵין לוֹ שׁוּם דִמְיוֹן כְּלָל", זָאג עֶס אִין אִידִישׁ: "אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט קַיין גֶעשְׁטַאלְט, עֶס עֶקְזֶעסְטִירְט נִישְׁט בַּיי אִים די מְצִיאוּת פוּן אַ גֶעשְׁטַאלְט און מֶען קֶען אִים נִישְׁט אָפְּמָאלְן"; אַז דוּ וֶועסְט דָאס אַסאךְ חַזֶר'ן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה.

**גֶעווֹאוֹין** זִיךְ צוּ צוּ קוּקְן אוֹיפְן הִימְל וֶוען דֶער הִימְל אִיז לוֹיטֶער, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן יד): "כְּשֶׁתִּסְתַּכֵּל בַּשָּׁמַיִם כְּשֶׁהֵם זַכִּים וּבְהִירִים תִּזְכֶּה לֶאֱמוּנַת חֲכָמִים", עֶס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה אַז מֶען קוּקְט אוֹיפְן הִימְל.

**אַז** דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן אַסאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אָן קַיין דִמְיוֹנוֹת.

## תריז

### ווי אַזוֹי לָאז אִיךְ זִיךְ אָפּ פוּן אַ שְׁלֶעכְטְן חָבֵר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, און אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוואקְסְן אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קַיין לִיבְשַׁאפְט, אַלְץ אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן און נֶערְוֶועז, אִיךְ

קֶען שׁוֹין קוים וואַרְטְן חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן און זיךְ אַרוֹיסְזֶען פון מַיינֶע עֶלְטֶערְנְ'ס הויז, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ עֶלְטֶערֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער, און מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ זיךְ אוֹיף אַן אוֹפֶן בַּאפְּרַיינְדֶעט מִיט אַ גֶעווִיסֶער אִינְגֶערְמַאן, דְרַייצְן יָאר עֶלְטֶער פון מִיר. אִיךְ וֵויים אַז דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, אִיךְ וֵויים אַז דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן און אִיךְ וֵויים אַז דָאס אִיז אַן עַוְלָה קֶעגְן זַיין ווייבּ און קִינְדֶער, אָבֶּער פַּאקְטִישׁ אִיז עֶר דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט שֵׁיין צוּ מִיר, וָואס פַארְשְׁטֵייט מִיךְ און וָואס אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר.

אִיךְ וֶועל אִים אָפְּלָאזְן, וַוייל דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ וָואס אִיךְ דַארְף טוּן, אִיךְ וויל אָבֶּער לְכָבוֹד דֶעם בַּאקוּמֶען אַ צוּזָאג אַז אִיךְ וֶועל שְׁנֶעל טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, און אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַן אֱמֶת'עֶ שָׁלוֹם בַּיִת, מִיט אֱמֶת'עֶ לִיבְּשַׁאפְט.

בִּיטֶע גֶעבְּט מִיר חִיזוּק זיךְ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן שְׁטַארְק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, א' דְראֹשׁ חוֹדֶשׁ אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק. לָאזְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט וֶועם אִיר הָאט זיךְ בַּאפְּרַיינְדֶעט וְכוּ', וָואס אִיז עֶלְטֶער פון אַייךְ מִיט דְרַייצְן יָאר און קֶען בַּאלְד זַיין אַייעֶר טַאטֶע. אֲפִילוּ עֶר זֶעט אַייךְ אוֹיס צוּ זַיין

אַ פֵיינֶער מֶענְטְש - אִיז דָאס נִישְׁט פַאר אַייךְ; לָאזְט אִים זַיין מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, רֶעדְט נִישְׁט מִיט אִים אוּן הָאט נִישְׁט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט אִים.

**עֶס** זֶענֶען דָא אַסַאךְ פֵיינֶע מֶענְטְשְׁן אוּן אַסַאךְ גוּטֶע מֶענְטְשְׁן, דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אִיר זָאלְט זִיךְ בַּאפְרַיינְדְן מִיט יֶעדֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיין וְכוּ'. אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג, אִיר זֶענְט נָאךְ יוּנְג אוּן אִיר הוֹיבְּט יֶעצְט אָן אַייעֶר לֶעבְן, אִיז אַ שָׁאד פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ נֶעץ. אִיר וֵוייסְט דָאךְ, 'לִיבְּשַׁאפְט מַאכְט בְּלִינְד', מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס אִיז רִיכְטִיג; בֶּעט אִיךְ אַייךְ, לָאזְט אִים אָפּ.

**אַז** אִיר וֶועט אָפְּלָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ זָאג אִיךְ אַייךְ צוּ אַז אִיר וֶועט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב, וְוי אִיר וֶועט בַּאקוּמֶען אֱמֶת'עֶ לִיבְּשַׁאפְט.

## תריח

### וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַנְשְׁטָאט קוּקְן מָאוִויס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שְׁנֶעלֶע עֶנְטְפֶער וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַז אִיךְ זָאל גְלַייךְ אָפְּהַאקְן פוּן דֶעם אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאבּ דָאס טַאקֶע שׁוֹין גֶעטוּן.

יֶעצְט ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אַזוֹי, וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים קֶען אִיךְ נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי שְׁוֶוערֶע מַצָב דָארְט, דִי קוֹלוֹת אוּן קְרִיטִיק וָואס אִיךְ וֶועל בַּאקוּמֶען

אויף יֶעדֶע רִיר. דֶערִיבֶּער גֵיי אִיךְ גְלַייךְ אִין מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ שְׁטוּפּ דִי צַייט מִיטְן קוּקְן מָאוּוִיס אוּן אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דָארְט בִּיז אִינֶדערְפְּרִי.

אִיךְ הֶער אָבֶּער אַסַאךְ אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים אִיבֶּער דִי שְׁלֶעכְטֶע נָאכְפָּאלְגְן וָואס דִי מָאוּוִיס בְּרֶענְגֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ סֵפֶר צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין חַבֶרְ'טֶעס מִיט וֶועמֶען אַרוֹיסְצוּגֵיין אוּן אִיךְ הָאבּ מַמָשׁ נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס צוּ טוּן.

אִיךְ שְׁפִּיר ווִי מַיין לֶעבְּן גֵייט צוּגְרִינְד, אִיךְ טוּ גָארְנִישְׁט מִיט מַיין לֶעבְּן, אֶפְשָׁר הָאט אִיר עֶפֶּעס אַן עֵצָה וָואס אִיךְ קֶען טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**זַייעֶר** גוּט הָאט אִיר גֶעטוּן אַז אִיר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטְשֶׁעפֶּעט פוּן דֶעם מְנִיוָול; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ ווַייבּ מִיט קִינְדֶער אוּן גֵייט אַרוֹיס מִיט אַ פְּרֶעמְדֶע מֵיידְל מִיטְן אוֹיסְרֵייד אִיר צוּ מְחַזֵק זַיין וְכוּ' - אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ מוּשְׁחָת. אַזַא אֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא אוֹיף צוּ גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט, אַזַא אֵיינֶער אִיז אַ פַארְדָארְבֶּענֶער מֶענְטְשׁ. אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן אִים אָפְּגֶעלָאזְט - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב אַייעֶר זִיווּג.

**עֶס** אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט אִיר זָאלְט זִיצְן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט אִין אַייעֶר צִימֶער פוּן וֶוען אִיר עֶנְדִיגְט אַרְבֶּעטְן בִּיז דֶעם אַנְדֶערְן אִינְדֶערְפְרִי; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי וָואס אִיר זָאגְט אַז אִיר ווִילְט זִיךְ נִישְׁט אָנְטְרֶעפְן מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן צוּ זֶען ווִי זֵיי שְׁרֵייעֶן אוּן קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן צְווייטְן, אָדֶער צוּ הֶערְן ווִי זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַייךְ אוּן דֶערְנִידֶערְן אַייךְ וְכוּ׳, וָואס דָאס מַאכְט אַז אִיר זָאלְט זִיצְן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט יוֹמָם וָלַיְלָה אִין אַייעֶר צִימֶער אוּן קוּקְן מָאוּוִים הַשֵּׁם יְרַחֵם, אָבֶּער ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶע זַאךְ.

**זֶעט** צוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיט אַ חַבֶר׳טֶע, אוּן אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין חַבֶר׳טֶעס זָאלְט אִיר גֵיין אַלֵיין שְׁפַּאצִירְן; עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט צוּ גֵיין שְׁפַּאצִירְן, סֵיי פַארְן גוּף אוּן סֵיי פַארְן נֶפֶשׁ, דוּרְכְדֶעם גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶס. וֶוען מֶען זֶעט דִי שֵׁיינֶע וֶועלְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן עֶפֶּנְט זִיךְ אוֹיף דָאס הַארְץ אוּן מֶען קֶען אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס הָאט דָוִד הַמֶלֶךְ גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעפַּיינִיגְט אוּן אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ׳עֶנֶען, דַאן פְלֶעגְט עֶר גֵיין שְׁפַּאצִירְן אוּן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר הָאט אַרוֹיפְגֶעקוּקְט צוּם גְרוֹיסְן הִימְל אוּן גֶעזֶען דִי זוּן, דִי לְבָנָה מִיט דִי שְׁטֶערְנְס ווִי זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם דִי וֶועלְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ח, ד): ״כִּי אֶרְאֶה שָׁמֶיךָ מַעֲשֵׂי אֶצְבְּעֹתֶיךָ, יָרֵחַ וְכוֹכָבִים אֲשֶׁר כּוֹנָנְתָּה״; אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים אוּן אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר זַיין לֶעבְּן.

גֵייט אַרויס פון אַייעֶר פַּארְמַאכְטֶע צִימֶער און גֵייט אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן, אויךְ זָאלְט אִיר אוּיפְהֵייבְּן אַייעֶרֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כה): "מִי שֶׁדִּינִין שׁוֹרִין עָלָיו, יִסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם עַל הַשָּׁמַיִם", וֶוער עֶס הָאט דִינִים זָאל קוּקְן שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְן הִימְל, אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט עֶפְנְט זִיךְ דָאס הַארְץ און מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַייעֶר זִיווּג און מִיר קֶענֶען מְבַשֵּׂר זַיין גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת.

## תריט

### קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק אוֹיף צְנִיעוּת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל און אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי שִׁיעוּרִים, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ וִויל הָאבְּן חִיזּוּק אוֹיף צְנִיעוּת, וַוייל דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער נִסָּיוֹן פַאר מִיר. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט גֶעוֶוענְלִיךְ צוּ בָּחוּרִים, אָבֶּער אִיךְ דַארְף אוֹיךְ חִיזּוּק.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

וויסְן זָאלְט אִיר אַז צְנִיעוּת אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען בַּאצָאלְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ שְׂכַר; אַ מֵיידְל וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג וִוי אַזוֹי זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן אוּן וִוי אַזוֹי זִי רֶעדְט - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגֶע קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג:): "אִין זְכוּת פוּן צְנִיעוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; אוּן וִוי שְׁוֶוערֶער דָאס אִיז, נָאכְדֶעם וָואס אִיר הָאט אַ שְׁטַארְקֶע נִסָּיוֹן אוֹיף דֶעם, וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען מֶער שְׂכַר, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא", לוֹיט וִוי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט אָן אַ מִצְוָה - אַלְץ מֶער שְׂכַר בַּאקוּמְט מֶען דֶערוֹיף.

פְּרוּבִּירְט אָנְצוּהוֹיבְּן מִיט אַבִּיסְל, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן פְּלֶעגְט זָאגְן, אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן: "מְעַט גַּם כֵּן טוֹב" - אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן מֶער צוּ לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה. רוֹב מָאל הַאלְט מֶען זִיךְ צוּרִיק פוּן לֶערְנֶען אוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן וַוייל מֶען וִויל טוּן אַסַאךְ, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ טוּן אַסַאךְ - טוּט מֶען גָארְנִישְׁט, אָבֶער אַז מֶען ווייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן יֶעדֶעם בִּיסְל דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען אָן צוּ טוּן אַסַאךְ. אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַייךְ, אַז אִיר

ווילְט זַיין צְנִיעוּת'דִיג אָבֶער עֶס אִיז אַייך שְׁוֶוער זָאלְט אִיר קוֹדֶם אָנְהוֹיבְּן מִיט אַבִּיסְל, אַזוֹי וֶועט אַייך זַיין גְרִינְגֶער.

**וְויסְן** זָאלְט אִיר אַז יֶעדֶעס בִּיסְל וָואס מֶען טוּט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב; אוֹיבְּן אִין הִימְל קוּקְט מֶען אַנְדֶערְשׁ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ ווי מֶען קוּקְט דָא, אוֹיבְּן אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינֶע נְקוּדָה, יֶעדֶע רִיר וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט זִיךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע גוּטֶע מַחְשָׁבָה, יֶעדֶע גוּטֶע וִוילְן - אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, קנ:): "לֵית רְעוּתָא טָבָא דְּיִתְאֲבִיד מִקַּמֵּי מַלְכָּא קַדִּישָׁא", קַיין אֵיין גוּטֶע מַחְשָׁבָה וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, כָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ גוּטֶע מַעֲשֶׂה אוּן קַל וָחוֹמֶר וֶוען אַ מֵיידְל אוּן אַ פְרוֹי טוּעֶן זִיךְ אָן אֵידְל אוּן שֵׁיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ גֵיין מִיט קְלֵיידֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נִישְׁט מֶען זָאל גֵיין דֶערְמִיט - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְּן אִין הִימְל. דָאס הַאלְט צוּרִיק אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת עֶס זָאל נִישְׁט קוּמֶען אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט בַּאקוּמֶען אִידִישֶׁע גַאֲוָה אוּן אִידִישֶׁע שְׁטָאלְץ זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁעמֶען צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן אִידִישׁ, אוּן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב אַן עֶרְלִיכֶע וואוּילֶע זִיווּג אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

# תרכ

## דער מְחוּתָּן דְרֵיידְט אַסַאךְ דֶעם קָאפּ, זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן דֶעם שִׁידוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ פֵיינֶער בָּחוּר וָואס אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן לְמַזָל טוֹב, אָבֶּער דֶער מְחוּתָּן הָאט יֶעצְט אַסַאךְ טַעֲנוֹת אוֹיפְן חָתָן, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַן הַפְסָקָה נִישְׁט צוּ גֵיין דֶערְוַוייל וַוייטֶער צוּ דִי חֲתוּנָה.

אִיז מַיין שְׁאֵלָה צִי עֶס אִיז כְּדַאי בִּכְלָל צוּ גֵיין וַוייטֶער מִיט אַזַא סָארְט שִׁידוּךְ, אָדֶער וֶועט עֶר נָאךְ דִי חֲתוּנָה וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ דְרֵייעֶן אַ קָאפּ מִיט טַעֲנוֹת? זָאל אִיךְ פְּרוּבִּירְן זִיךְ דוּרְכְצוּקוּמֶען מִיט אִים, אָדֶער זָאל אִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן דֶעם שִׁידוּךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט גֶענוֹי דִי פְּרָטִים וְכוּ'.

**אוֹיבּ** אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם מִצַד דִי עֶלְטֶערְן, דָאס הֵייסְט אַז דֶער מְחוּתָּן אִיז דֶער וָואס וִויל שְׁטֶערְן דִי חֲתוּנָה,

דֶעמָאלְט אִיז יָא כְּדַאי צוּ גֵיין וַוייטֶער מִיט דִי חֲתוּנָה. וַוייל אֵיין מָאל זַיי וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועלְן זַיי לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה אוּן קֵיינֶער וֶועט זַיי נִישְׁט קֶענֶען שְׁטֶערְן, אָבֶּער אַז דִי אָפְּהַאלְט פוּן גֵיין וַוייטֶער קוּמְט מִצַד הַכַּלָה, דִי כַּלָה אַלֵיינְס וִויל נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער דֶעמָאלְט דַארְף מֶען מֶער אַרַיינְקוּקְן אִין דִי פְּרָטִים צִי מֶען זָאל גֵיין וַוייטֶער.

לוֹיט וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן דִי שְׁאֵלָה אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם צְווִישְׁן מְחוּתָּנִים וָואס פַּאסִירְט כְּסֵדֶר, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קל:) יֶעדֶע מִצְוָה וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען מִיט אַ קְרִיגֶערַיי - אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בַּמִדְבָּר יא, י): "וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה אֶת הָעָם בֹּכֶה לְמִשְׁפְּחֹתָיו", עַל עִסְקֵי מִשְׁפְּחוֹתָיו, - קְרִיגְט מֶען זִיךְ נָאךְ בִּיז הַיינְט בַּיי דֶעם, "דְלֵיכָּא כְּתוּבָה דְלָא רָמוּ בָּהּ תִּיגְרָא", בַּיי יֶעדֶע חֲתוּנָה אִיז דָא אַ קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן דִי מִשְׁפָּחָה; דֶערִיבֶּער אִיז זִיכֶער כְּדַאי אַז אִיר זָאלְט מְוַתֵּר זַיין, אִיר זָאלְט נָאכְגֶעבְּן דִי מְחוּתָּנִים אַז חָתָן כַּלָה זָאלְן קֶענֶען וָואס פְרִיעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן הָאבְּן שֵׂכֶל זִיךְ נִישְׁט אַרַיין צוּ מִישְׁן אִין דִי לֶעבְּן פוּן דִי חָתָן כַּלָה, נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זַיי לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֵׂכֶל אַז דוּ זָאלְסְט מְוַתֵּר זַיין, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען מַאכְן וָואס שְׁנֶעלֶער דִי חֲתוּנָה פַאר דַיין זוּן.

# תרכא

## פַארְוָואס דַארְף מֶען אַזוֹיפִיל בֶּעטְן אוֹיף מָשִׁיחַ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, דָאס אִיז מַמָּשׁ מַיין לֶעבְּן. עֶס הָאט מִיר אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן אִין שָׁלוֹם בַּיִת, אִין קְדוּשָׁה אוּן אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועגְן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז אֵיינֶער וָואס טוּט דָאס - אִיז בֶּאֱמֶת אַ גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ. בָּרוּךְ ה' אַז אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים גֵייט בַּיי מִיר נִישְׁט דוּרְךְ אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווייל אִיךְ אָבֶּער פְרֶעגְן פַארְוָואס מִיר בֶּעטְן אַזוֹי סַאךְ אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען? אוֹיב דֶער גַאנְצֶער תַּכְלִית אִיז נָאר צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ אַזַא מֶענְטְשׁ שׁוֹין נִישְׁט אִין גָלוּת, וָואס פֶעלְט נָאךְ אוּים צוּ בֶּעטְן אוֹיף מָשִׁיחַ?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ג' אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז דִי

לימוּדים וָואס מָשִׁיחַ וֶועט לֶערְנֶען מִיט אוּנְז. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): "צְווִישְׁן מִיר און מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁטָא קַיין חִילוּק, אֵיין חִילוּק אִיז דָא, בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה און יֶעצְט אִיז נָאךְ דָא דִי בְּחִירָה"; מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים און נֶעבְן אִים, און מֶען וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דָאס** טוּט דֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז שׁוֹין יֶעצְט, עֶר לֶערְנְט מִיט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן נוּצְן דֶעם שְׁוֶוערְד פוּן מָשִׁיחַ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ב): "עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה", מָשִׁיחַ'ס גֶעוֶוער וֶועט זַיין תְּפִילָה, "וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכִּבּוּשׁוֹת שֶׁיִּכְבּשׁ הַכֹּל מִשָּׁם", אַלֶע מִלְחָמוֹת און אַלֶעם וָואס עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען - וֶועט זַיין נָאר דוּרְךְ תְּפִילָה; קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵויטְן, יֶעדֶער וֶועט טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵויטְן, וָואס דָאס אִיז דֶער גָלוּת וָואס מִיר לַיידְן; מֶען קְרִיגְט זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן צְוֵויטְן.

מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן גָלוּת; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער גַאנְצֶער גָלוּת אִיז אֵיין וָוארְט: 'מַחֲלוֹקֶת'; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא סט:): "וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן", דִי עֲבֵירָה פוּן שִׂנְאַת חִנָּם אִיז נָאכְאַלְץ צְווִישְׁן אוּנְז.

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג וַויינֶען אוֹיף מַחֲלוֹקֶת, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "דֶער גַאנְצֶער גָלוּת אִיז, אַז עֶס אִיז דָא פֵּרוּדִים צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער"; דִי אַשְׁכְּנַזִים ווִילְן נִישְׁט דִי סְפַרְדִים, אוּן צְווִישְׁן זִיךְ אִיז מֶען אוֹיךְ צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁלָאגְן וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי דִי סְפַרְדִים, מֶען ווִיל נִישְׁט דִי אַשְׁכְּנַזִים, אוּן צְווִישְׁן זִיךְ הָאט מֶען זִיךְ אוֹיךְ פַיינְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "מִיר זֶענֶען אַלֶע אִין אֵיין שִׁיף, דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם מַאכְן לֶעכֶער אִינֶעם שִׁיף אוּן ווִילְן אוּנְז חַס וְשָׁלוֹם דֶערְטְרֶענְקֶען"; דַארְפְן מִיר זִיךְ הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אוּן נִישְׁט זוּכְן יֶענֶעם צוּ קְלַאפְּן.

**דָאס** אִיז דֶער גָלוּת אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעטְן מִיר אוּן מִיר ווַארְטְן, אַז מָשִׁיחַ זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן דִי אַלֶע קַטְנוּת'עֶר, אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ לִיב הָאבְן אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי נְבוּאָה אוֹיף דִי צַייט וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען (יְשַׁעְיָה יא, ו): "וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ וְנָמֵר עִם גְּדִי יִרְבָּץ", דֶער וָואלְף מִיט דִי לֶעמֶעלֶע, דֶער לֶעמְפֶּערְט מִיט דִי צִיגֶעלֶע וֶועלְן זִיצְן צוּזַאמֶען, "וְעֵגֶל וּכְפִיר וּמְרִיא יַחְדָו, וְנַעַר קָטֹן נֹהֵג בָּם", אַ יוּנְגֶע קַאלְבּ מִיט אַ יוּנְגֶע לֵייבּ וֶועלְן גֵיין צוּזַאמֶען, "וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה יַחְדָו יִרְבְּצוּ יַלְדֵיהֶן, וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל תֶּבֶן", דֶער קוּ מִיטְן בֶּער וֶועלְן צוּזַאמֶען פַּאשֶׁען, דֶער לֵייבּ וֶועט עֶסְן שְׁטְרוֹי צוּזַאמֶען מִיט דִי בְּהֵמוֹת. "וְשִׁעֲשַׁע יוֹנֵק עַל חֻר פָּתֶן, וְעַל מְאוּרַת צִפְעוֹנִי גָּמוּל יָדוֹ הָדָה", קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט גִיפְטִיגֶע שְׁלֶענְג, "לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ

בְּכָל הַר קָדְשִׁי", קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם צְוֵוייטְן אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן פַארְן צְוֵוייטְן, וַוייל עֶס וֶועט זַיין: "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה', כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", אַלֶע וֶועלְן ווִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וֶועט לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ וָואס וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט): "אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה' לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד", יֶעדֶער וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶער וֶועט אַוֶועק וַוארְפְן דִי גֶעלְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָהוּ ב, כ): "בַּיּוֹם הַהוּא יַשְׁלִיךְ הָאָדָם אֵת אֱלִילֵי כַסְפּוֹ, וְאֵת אֱלִילֵי זְהָבוֹ", אָמֵן.

## תרכב

### וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אַ חוֹזֶק מִיט מַיינֶע תְּפִלּוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק. אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר אִינֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין קְדוּשָּׁה.

איך מוטשֶׁע זיך זייער מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זיך צו שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. אִיך בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אָבֶּער אִיך שְׁפִּיר ווִי אִיך מַאךְ חוֹזֶק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל אִיך בֶּעט יֶעדְן טָאג און אִיךְ פַאל נָאכְאַמָאל דוּרְךְ יֶעדְן טָאג, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף זֵייעֶר שְׁפֶּעט. ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר מִיט אַלֶע מִיטְלֶען - מִיט וֶועקֶער-זֵייגֶערְס וְכַדוֹמֶה, אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְּרִי - גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט, און דָאס מַאכְט מִיר אוֹיךְ שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ שְׁפִּיר ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מִיר: 'גֵיי צוּרִיק שְׁלָאפְן, שְׁטֵיי אוֹיף צוּפְרִי ווִי אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ און דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ קוּמֶען רֶעדְן צוּ מִיר'.

אִיךְ מוּז הָאבְּן אַן עֵצָה צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין נָארְמַאל אִינְדֶערְפְרִי.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ, וואוּיל אִיז דִיר און וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ גֶעבְּסְט נִישְׁט אוֹיף און דוּ בֶּעטְסְט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם.

**שְׁפִּיר** זִיךְ נִישְׁט ווִי אַ חוֹזֶק אַז דוּ בֶּעטְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דוּ זָאגְסְט צוּ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ

גֵייסְט זַיין עֶרְלִיךְ אוּן נָאכְדֶעם פַאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ; אַזוֹי גֵייט עֶס אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען פַאלְט אַרָאפּ אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף, מֶען פַאלְט נָאכְאַמָאל אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶען גֵייט אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען זִינְקְט אַיין אוּן מֶען גֵייט זִיךְ אָט אָט דֶערְטְרֶענְקֶען גֵייט מֶען אַ פוּס אַרַיין, אַ פוּס אַרוֹיס, אַ פוּס אַרַיין אוּן אַ פוּס אַרוֹיס - בִּיז מֶען קוּמְט אָן אִינְדְרוֹיסְן, מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט שְׁטֵיין מִיט בֵּיידֶע פִיס"; אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת אוּן מֶען וֶוערְט נִכְשָׁל אוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת, מֶען קוּקְט אוֹיף אַלֶע שְׁמוּץ אוּן אַלֶע טוּמְאוֹת, נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ צוּ דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, דַארְף מֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "טַאטֶע רַאטֶעוֶוע מִיר!" אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אוּן גֶעדֶענְקֶען: "אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס, אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס", בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי טוּמְאָה.

שְׁפִּיר זִיךְ נִישְׁט וִוי אַ חוֹזֶק וַוייל אַזוֹי גֵייט עֶס אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. מֵיין נִישְׁט אַז צַדִּיקִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֵיין נִישְׁט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין נְפִילוֹת וְכוּ'; דֶער חִילּוּק אִיז אַז דִי צַדִּיקִים שְׁטַארְקְן זִיךְ אוּן זֵיי הֵייבְּן זִיךְ אוֹיף, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כד, טז): "כִּי שֶׁבַע יִפּוֹל צַדִּיק וָקָם", אֲפִילוּ עֶר פַאלְט אַרָאפּ - הוֹיבְּט עֶר אָן פוּנְדָאסְנַיי; עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען, נָאר עֶר קוּקְט אוֹיף פָאַרְאוֹיס.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, אוּן דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער בֶּעטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם אֲפִילוּ דוּ הָאלְסְט אִין אֵיין פַאלְן. מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל מַאכְן אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "מְ'פַאלְט אוּן מְ'פַאלְט אוּן מְ'הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף, מְ'פַאלְט אוּן מְ'פַאלְט אוּן מְ'הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף"; דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד, אַז עֶר הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף שְׁטֶענְדִיג אוּן עֶר גֵייט אָן; נִישְׁט נָאכְלָאזְן אוּן אוֹיפְגֶעבְן.

**בְּנוֹגֵעַ** זִיךְ צוּרִיק לֵייגְן שְׁלָאפְן וְכוּ'; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס וֶוען עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין שְׁפֶּעט הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ מִיט שִׂמְחָה: "פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; אִין דֶעם לִיגְט אַ שְׁטַארְקֶע חָכְמָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן אוּן זָאגְן: 'פוּן מָארְגְן' וֶועל אִיךְ זַיין אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, נָאר 'פוּן יֶעצְט' וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**נָאכְאַמָאל,** אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אֵיינֶער וָואס פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ וְכוּ', אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער וָואס הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תרכג

**וָואס קֶען אִיךְ טוּן אוֹיסְגֶעהֵיילְט צוּ וֶוערְן פוּן הוֹיט אוֹיסְשְׁלַאגְן?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְּלֶעג הָאבְּן עֶקְזִימֶע, אַן אוֹיסְשְׁלַאג אוֹיף דִי הוֹיט, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אָבֶּער יֶעצְט אַפָּאר יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶס צוּרִיק גֶעקוּמֶען.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווַייזְט מִיר מִיט דֶעם, מִיט וָואס דַארְף אִיךְ זִיךְ פַּארְרֶעכְטְן? אִיז דָא עֶפֶּעס אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועגְן דֶעם? קַיין שׁוּם זַאךְ קוּמְט דָאךְ נִישְׁט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אוּמְזִיסְט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ זִיכֶער וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט.**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "כָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, "כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", קוּמְט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן דָאס, "שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת

הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְּרֵיילִיךְ; דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז אַזוֹיפִיל מָאל גֶעזָאגְט, גֶעבֶּעטְן און גֶעוָוארְנְט אַז מִיר זָאלְן זַיין פְּרֵיילִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הוֹיבְּט אָן דֶעם תּוֹרָה: "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחוֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", און זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַוֶועק צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, וַוייל שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְּרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת און יִסּוּרִים.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת עֶר זָאל דִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נג, יד): "יָפָה תְּפִלַּת הַחוֹלֶה מִתְּפִלַּת אֲחֵרִים עָלָיו, וְהִיא קוֹדֶמֶת לְהִתְקַבֵּל", דִי תְּפִילוֹת פוּן אַ חוֹלֶה פּוֹעֶל'ט יְשׁוּעוֹת און רְפוּאוֹת; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה. טוּ תְּשׁוּבָה, זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶעם וָואס אִיךְ הָאב גֶעטוּן, אִיךְ הוֹיב אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע מַיינֶע זִינְד און שִׁיק מִיר אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה", וֶועסְטוּ זִיכֶער בְּקָרוֹב אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן.

# תרכד

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ שֶׁעצְט נִישְׁט מַיין שְׁוֶועְרֶע אַרְבֶּעט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ כֹּחַ צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְן.

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אַרְבֶּעט צְוֶועלְף שָׁעָה אַ טָאג, זֶעבְּצִיג שָׁעָה אַ וָואךְ, צוּ קֶענֶען אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, און אוֹיסֶער דֶעם פְּרוּבִּיר אִיךְ אוֹיךְ צוּ הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער און מִיט אַלֶעס אַרוּם, מֶער פוּן וִויפִיל אִיךְ קֶען.

לְמַעֲשֶׂה שְׁפִּיר אִיךְ אָבֶּער וִוי אִיךְ בַּאקוּם צוּרִיק בְּלוֹיז אַ שְׁטוּיס פוּן מַיין וַוייבּ, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ח' אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (יְבָמוֹת סג.) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, יח): "אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ", 'זָכָה', אִיז דֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה - 'עוֹזַרְתּוֹ', קְרִיגְט עֶר אַ הֶעלְפֶער, 'לֹא זָכָה', אִיז עֶר נִישְׁט זוֹכֶה - 'כְּנֶגְדּוֹ', קְרִיגְט עֶר אַ פְרוֹי וָואס גֵייט פַארְקֶערְט פוּן אִים; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז

אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם מַאן, אוֹיבּ דֶער מַאן טוּט תְּשׁוּבָה אִיז עֶר זוֹכֶה אַז דִי וַוייבּ הֶעלְפְט אִים, זִי וֶוערְט אִים אַן 'עוֹזֶרֶת', אָבֶּער אַז מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה דֶעמָאלְט אִיז זִי קֶעגְן אִים (אִין דַיינֶע וֶוערְטֶער - מֶען כַאפְּט אַ שְׁטוֹיס פוּן דִי וַוייבּ), וַוייל זִי אִיז אַ חֵלֶק פוּנֶעם מַאן, אַ בֵּיין פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער.

**דֶער** הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט 'בְּמַחְשָׁבָה' - וֶועט עֶר לַיידְן יְסוּרִים פוּן זַיינֶע קִינְדֶער; אוֹיבּ זִינְדִיגְט עֶר 'בְּדִיבּוּר', עֶר רֶעדְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט - וֶועט עֶר לַיידְן פוּן זַיין וַוייבּ, אוּן אוֹיבּ עֶר זִינְדִיגְט 'בְּמַעֲשֶׂה', דֶעמָאלְט לַיידְט מֶען פוּן מֶענְטְשְׁן. דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר לַיידְט פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, פוּן זַיין וַוייבּ אוּן פוּן מֶענְטְשְׁן - דַארְף עֶר גְלַייךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט בְּמַחְשָׁבָה, דִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה, דוּרְכְדֶעם וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן אִים אַלֶע צָרוֹת אוּן עֶר וֶועט מֶער נִישְׁט לַיידְן יְסוּרִים.

**דֶערִיבֶּער** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ מִיט וָואס עֶס פֶעלְט אוֹיס. אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער וַוייל דַיין וַוייבּ אַנֶערְקֶענְט נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט, דָאךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער הֶעלְפְן. דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא", לוֹיט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז - אַזוֹיפִיל שְׂכַר בַּאקוּמְט מֶען; זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֶנְטְפֶערְן אוּן פוּן זִיךְ קְרִיגְן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי דִיר, דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעם גוּטְס.

**הָאבּ** סַבְלָנוּת און פִיר זִיךְ וַוייטֶער צוּ אִיר מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אֲפִילוּ זִי אִיז דִיר מְצַעֵר. קוּק וִוי אַזוֹי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט מִיט זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָיא הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּב, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): ״רֶבִּי חִיָיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבֵיתְהוּ״, רֶבִּי חִיָיא׳ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, מִיט דֶעם אַלֶעם: ״כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידֵי״, וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, ״צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ, וּמַיְיתֵי נִיהֲלֵהּ״, פְלֶעגְט עֶר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר אִיר. וֶוען רַב הָאט גֶעזֶען וִוי זַיין רֶבִּי טְרָאגְט אַהֵיים שֵׁיינֶע זַאכְן פַאר זַיין וַוייבּ הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: ״רֶבִּי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אִיר גוּטֶע זַאכְן, זִי אִיז דָאךְ מְצַעֵר דֶעם רֶבִּי׳ן?!״ הָאט אִים רֶבִּי חִיָיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דַּיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא״, מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת און זִי צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן און עֶס זָאל זַיין בַּיי דִיר נָאר שָׁלוֹם.

# תרכה

## וָואס טוט מֶען מִיט אַ בָּחוּר וָואס הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע שֵׁיינֶע חִיזוּק בְּרִיוו און דְרָשׁוֹת וָואס אִיר גֶעגֶעבְּן אוּנְז, עֶס גֶעבְּט אוּנְז אַסַאךְ עֵצוֹת און הַדְרָכָה.

מִיר ווִילְן זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן ווִי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט אוּנְזֶער בָּחוּר, וָואס אִיז יֶעצְט אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן יְשִׁיבָה אִין אוֹיסְלַאנְד, און מִיר וֵוייסְן נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט אִים. מִיר וֶועלְן אַרָאפְּלֵייגְן בְּעֶרֶךְ ווִי אַזוֹי זַיין טָאג זֶעט אוֹיס, און וָואס עֶס גֶעשֶׁעט דֶערְפוּן. עֶר פַארְבְּרֶענְגְט אִין דִי נַאכְט אַרַיין בִּיז גָאר שְׁפֶּעט, און דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט עֶר אוֹיף... קוּים אַמָאל כַאפְּט עֶר שַׁחֲרִית צוּ חֲצוֹת, און דִי גַאנְצֶע אַטְמָאסְפֶער וֶוערְט זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן. עֶס אִיז דָא גָאר אַסַאךְ אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּב וָואס עֶר קֶען וֶוען הֶעלְפְן, אָבֶער דָא לִיגְט אַ בָּחוּר און שְׁלָאפְט אִין טָאג אַרַיין און עֶס מַאכְט דִי גַאנְצֶע אַטְמָאסְפֶער גֶעפֶערְלִיךְ שְׁוֶוער. הַיינְט הָאבְּן מִיר אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶס וֶועט וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין וֶועט מֶען אִים מוּזְן זוּכְן אַ הוֹיז - בַּיי אַ זֵיידֶע אָדֶער פֶּעטֶער - וואוּ עֶר וֶועט קֶענֶען שְׁלָאפְן בֵּין הַזְמַנִּים, ווַייל בַּיי אוּנְז קֶען עֶס נִישְׁט וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין.

מִיר דַארְפְן חִיזוּק ווִי אַזוֹי און וָואס מִיר דַארְפְן דָא טוּן. בִּכְלָל אִיז זַיין אוֹיפְפִירוּנְג זֵייעֶר אַנְטוֹישֶׁענְד, עֶר פִּירְט זִיךְ צוּ אוּנְז מִיט גֶעפֶערְלִיכֶע חוּצְפָּה, עֶר שְׁרֵייט צוּרִיק און טוּט וָואס אִים גֶעפֶעלְט נָאר, אָן דֶעם וָואס עֶר זָאל זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט אוּנְז.

אִין אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען אַלֶע אַרוּמִיגֶע שׁוּלְדִיג, עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט נֶעמֶען דִי שׁוּלְד אוֹיף זִיךְ און פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְרֶעכְטְן.

בִּכְלַל אִיז עֶר זֵייעֶר פַארְמַאכְט; מִיר קֶענֶען זִיךְ מִיט אִים נִישְׁט דוּרְכְרֶעדְן, וֶוען מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים - וֶועט עֶר פָּשׁוּט בְּלַייבְּן

שְׁטִיל, אָדֶער גָאר זִיךְ נֶעמֶען שְׁרֵייעֶן אוּן בַּאשׁוּלְדִיגְן. מִיר זֶענֶען פָּשׁוּט בַּאזָארְגְט ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט קֶענֶען לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

וָואס קֶענֶען מִיר טוּן? אֶפְשָׁר קֶען אוּנְז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הֶעלְפְן?

זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אֵיין** זַאךְ זָאלְסְטוּ גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִיר: 'אִין לֶעבְּן דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, בִּפְרַט מִיט קִינְדֶער'; מֶען דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוְון מִיט דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן דִי גֶעדוּלְד צוּ זֵיי. עֶס נֶעמְט אַסַאךְ צַייט בִּיז מֶען שְׁנַיידְט דִי פֵּירוֹת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען הָאט סַבְלָנוּת צוּ זֵיי - שְׁנַיידְט מֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת, מֶען הָאט אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי.

**אִיךְ** מוּז דִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל מוּסָר כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְלִירְן דַיין בָּחוּר.

מִיט אַלֶע דַיינֶע גֶערֶעכְטֶע טַעֲנוֹת וָואס דוּ הָאסְט אוֹיף אִים, דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ קִינְד. אוֹיבּ אַ קִינְד שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט זָאגְט מֶען אִים נִישְׁט: "גֵיי זוּךְ דִיר אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ שְׁלָאפְן"; אַז דַיין בָּחוּר שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג בִּיז שְׁפֶּעט טָאר מֶען אִים נִישְׁט

סְטְרַאשֶׁען אַז עֶר וֶועט דַארְפְן זוּכְן אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ שְׁלָאפְן, וַוייל מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן דֶעם קִינְד; וָואס טוּסְטוּ וֶוען עֶר זָאגְט דִיר: "טַאטֶע אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס דוּ זָאגְסְט, אִיךְ גֵיי אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ"?! וָואלְסְט דָאס דָאךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

**גֶעבּ** אַ קוּק וָואס טוּט זִיךְ אָפּ הַיינְטִיגֶע צַייטְן בַּיי דִי שֶׁענְסְטֶע שְׁטוּבֶּער, וִוי קִינְדֶער לָאזְן אָפּ זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה. אִיךְ מֵיין אַז דִי אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע לוּפְט אִין שְׁטוּבּ, דִי שְׁוֶוערֶע אַטְמָאסְפֶער - קוּמְט פוּן דַיין צַד. דוּ מַאכְסְט דִי לוּפְט אָנְגֶעצוֹיגְן, דוּ קוּקְסְט אוֹיף אִים מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע אוֹיג - דָאס מַאכְט אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן צוּשְׁטֶעלְן.

**אַוַדַאי** שְׁלָאפְט עֶר בִּיזְן טָאג אַרַיין; עֶר שְׁפִּירְט וִוי מֶען אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן אִים און שְׁפִּירְט זִיךְ אִיבְּרִיג אִין שְׁטוּבּ, נָאכְדֶעם אִיז עֶר צֶעבְּרָאכְן און צֶעקְלַאפְּט אַז עֶר שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט, וָואס דָאס אַלֵיינְס מַאכְט אַז עֶר זָאל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן וְכוּ'.

**יֶעצְט** אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן אָנְהוֹיבְּן מְחַנֵךְ זַיין; חִינוּךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן וֶוען מֶען אִיז קְלֵיין, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּנֶעם קִינְד זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן מִיט וָואס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט פוּן דֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס קִינְד דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג; אָבֶּער וֶוען קִינְדֶער וֶוערְן עֶלְטֶער, מֶען הָאט שׁוֹין אַ בָּחוּר אִין שְׁטוּבּ - דַארְף מֶען זֶען עֶס זָאל זַיין נָאר יְמִין מְקָרֶבֶת אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן

(סוֹטָה מז.): "לְעוֹלָם תְּהֵא שְׂמֹאל דּוֹחָה וְיָמִין מְקָרֶבֶת"; מֶען דַארְף וַוייזְן לִיבְשַׁאפְט, אַז נִישְׁט קֶען מֶען זֵיי אִינְגַאנְצְן פַארְלִירְן.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ זָאג דִיר דוּ זָאלְסְט טוּישְׁן דַיין צוּגַאנְג אִין שְׁטוּב מִיט דִי קִינְדֶער; אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, אוּן אִיךְ וִויל נִישְׁט אִיר זָאלְט אִים פַארְלִירְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף אִים גוּט אוּן עֶר וֶועט שְׁפִּירְן וִוי טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן אִים לִיבּ אוּן זֶענֶען צוּפְרִידְן פוּן אִים - וֶועט עֶר אַייךְ נָאר בְּרֶענְגֶען נַחַת.

וְעַל כּוּלָם זָאלְט אִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִים אוּן פַאר אַלֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואו זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; דֶערְפַאר דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרכו

## מֶעג אַ מֵיידְל גֵיין מִיט הוֹיזְן בַּיינַאכְט?[ח]

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אוּן אִיךְ הָאבּ צְוֵויי שְׁאֵלוֹת צוּ פְרֶעגְן.

א) מֶעג מֶען זָאגְן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה וֶוען מֶען לִיגְט?

ב) דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז אַ מֵיידְל זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט הוֹיזְן אֲפִילוּ בַּיינַאכְט, אִיז מַיין שְׁאֵלָה, וֶוען מֶען גֵייט גֶעהֶערִיג מִיט אַ נַאכְט קְלֵייד, אוֹיבּ מֶען מֶעג אָנְטוּן אַ הוֹיזְן אוּנְטֶער דֶעם, פָּשׁוּט צוּ בְּלַייבְּן פַארְדֶעקְט אוֹיבּ מֶען דֶעקְט זִיךְ אוֹיף אִינְמִיטְן שְׁלָאפְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**קְרִיאַת** שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה קֶען מֶען לֵיינֶען לִיגְנְדִיג אִין בֶּעט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ו.) רֶבִּי זְעֵירָא אִיז אַמָאל אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי רֶבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמֵנוּ, הָאט זִיךְ רֶבִּי זְעֵירָא בַּאהַאלְטְן אִין זַיין שְׁלָאף צִימֶער צוּ זֶען ווִי אַזוֹי רֶבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמֵנוּ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל

ח. זֶע וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תרעה.

הַמִּטָּה, "וַהֲוָה קָרֵי וְהָדַר וְקָרֵי עַד דְּהוּא שָׁקַע מִינֵיהּ גּוֹ שִׁינְתֵיהּ", הָאט עֶר גֶעזֶען ווי רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמֵנוּ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע לִיגְנְדִיג אִין בֶּעט, עֶר הָאט גֶעלֵיינְט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל קְרִיאַת שְׁמַע בִּיז עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. פון דִּי מַעֲשֶׂה פַּסְקְ'נְט מֶען (עַיֵּן מָגֵן אַבְרָהָם אוֹרַח חַיִּים סִימָן רלט, סְעִיף ה) אַז מֶען קֶען לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה וָוען מֶען לִיגְט.

הוֹיזְן פַּאר אַ מֵיידְל אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת אֲפִילוּ נָאר בִּשְׁעַת'ן שְׁלָאפְן; מֶען פְּרוּבִּירְט דָאס מֶערְסְטֶע צוּ שְׁלָאפְן צוּגֶעדֶעקְט און אוֹיבּ מֶען דֶעקְט זִיךְ אוֹיף - זָאגְן שׁוֹין חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (נְדָרִים כז:): "אוֹנֶס רַחְמָנָא פַּטְרֵיהּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרכז

### עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ גֵיהִנּוֹם בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, און אִיךְ לֶעבּ אִין זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב. מַיין טַאטֶע קְרִיגְט זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מִיט מַיין מַאמֶע, עֶר וַוארְפְט זַאכְן אוֹיף אִיר, עֶר זָאגְט אִיר מִיאוּס'עֶ וֶוערְטֶער און פַארְשֶׁעמְט אִיר, עֶר זוּכְט מַמָּשׁ מִיט לֶעבְּט ווי אַזוֹי עֶר קֶען אִיר מֶער און מֶער וֵוי טוּן. מַיין מַאמֶע וֵויינְט אַ

גַאנְצְן טָאג, עֶס אִיז אִיר נִמְאָס דָאס לֶעבְּן, אַזוֹי וַוייט אַז זִי מַאכְט סְגוּלוֹת פַאר פֶערְצִיג טֶעג אַז זִי זָאל שׁוֹין שְׁטַארְבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן.

לְמַעֲשֶׂה אִיז נִישְׁטָא קַיין לוּפְט אִין שְׁטוּב, גָארְנִישְׁט ווערט גֶעטוּן אוּן אַלֶעס פַאלְט נָאר אוֹיף מַיינֶע פְּלֵייצֶעס. אִיךְ בִּין נִישְׁט מֶער פוּן זִיבֶּעצְן יָאר אוּן אִיךְ הָאבּ אַלֶעס גֶעדַארְפְט אַלֵיינְס פֶּסַח'דִיג מַאכְן פַאר פֶּסַח, אִיךְ וֵויים אַז דִי הוֹיז אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט פֶּסַח'דִיג, אָבֶער וִויפִיל קֶען אִיךְ דֶען טוּן אַלֵיין?

אִיךְ דַארְף לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶער מַיין טַאטֶע רֶעדְט צוּ מִיר וִוי אַ נַאצִי, מִיט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע שִׂנְאָה, מִיט וֶוערְטֶער וָואס שְׁטֶעכְן מִיר אִין דִי נְשָׁמָה אַרַיין.

אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ עֶק וֶועלְט, אָבֶער דַאן הֶער אִיךְ אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס גֶעבְּט מִיר צוּרִיק אַבִּיסְל לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט עֵצוֹת פַאר אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וִוי מַיין טַאטֶע וִוי אַזוֹי זֵיי זָאלְן קֶענֶען זִיךְ צוּרִיק שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָבֶער אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וִוי מַיין טַאטֶע.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע זַאךְ זִיךְ אַלֵיינְס צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן קָאמְפְּלִימֶענְטְס, וִוי לְמָשָׁל אַז אִיךְ בִּין שֵׁיין, אַז אִיךְ קֶען גוּט קָאכְן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ תְּפִלָּה צֶעטְל אוֹיף אַ חָתָן, אוּן אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע קְלֵיינֶע דֶעטַאלְן וָואס פַאר אַ סָארְט חָתָן אִיךְ וִויל הָאבְּן, הָאט מִיר אֵיינֶער אָבֶער גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן, "בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר מִיר", ווייל אִיךְ וִויסְן וָואס אִיז טַאקֶע דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

נָאךְ אֵיין שְׁאֵלָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן וֶוען אִיךְ דַאוֶוען, זָאל אִיךְ דַאוֶוענֶען בְּלוֹיז מִיטְן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן טְרַאכְטְן? אָדֶער אִיז דָאס גָארְנִישְׁט וֶוערְד?

ביטֶע זַייט מִתְפַּלֵל פַאר מִיר, אויך אִין אוּמַאן, ווייל אִיך שְׁפִּיר ווי אִיך הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ד אִיָּיר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תְּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן. הֶעלְפְט וַוייטֶער אִין שְׁטוּבּ מִיט וָואס מֶען דַארְף, פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט אוּן גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף אוֹיף אַייעֶר לֶעבְּן. נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ, אִיר וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער. אַז אִיר וֶועט וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אַייךְ אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין אוּן בְּרֶענְגֶען נַחַת.

**אִיךְ** מוּז אַייךְ זָאגְן אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג אִיז נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף שְׁטַארְבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ[ט], אַנְשְׁטָאט מַאכְן תְּפִילוֹת אוּן סְגוּלוֹת מֶען זָאל שׁוֹין שְׁטַארְבְּן חַס וְשָׁלוֹם דַארְף מֶען מַאכְן תְּפִילוֹת אַז אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, טוּן וָואס בְּרוּרְיָה - דִי ווייבּ פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס -

ט. זֶע וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תרמ.

הָאט גֶעטוּן וָוען מֶען הָאט איר גֶעפַּיינִיגְט. אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת י.) דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס הָאט גֶעהַאט צוּטוּן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים גֶעפַּיינִיגְט, בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא הָאט שׁוין נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן פוּן זֵיי הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן שְׁטַארְבְּן, הָאט אִים זַיין וַוייבּ - בְּרוּרְיָה - גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס דַאוֶוענְסְטוּ זֵיי זָאלְן שְׁטַארְבְּן, עֶנְדֶערְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן!" דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיין ווַייבְּ'ס וֶוערְטֶער אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן זֵיי הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

**בְּנוֹגֵעַ** אַז קֵיינֶער גֶעבְּט אַייךְ נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער וְכוּ';

גֶעבְּט אַ קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה, בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ", אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעהַאט אֵיינֶעם, זָאל זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין, וָואס זָאל אִים זָאגְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ", בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, "הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", וָואלְט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּן אַסַאךְ מֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל", וַוייל אוֹיף אִים אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ ווי קֵיינֶער דַארְף

אִים נִישְׁט, "וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם", און קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם חִיזוּק וֶוערְטֶער.

טוּט אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן; אַז דָאס וֶועט אַייךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן - וֶוען אִיר זָאגְט זִיךְ אַלֵיינְס גוּטֶע וֶוערְטֶער - זָאלְט אִיר דָאס טוּן, טוּט אַלֶעס אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל", מֶען זָאל זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר, "וַאֲפִילּוּ בְּמִלֵּי דִשְׁטוּתָא", אֲפִילוּ מִיט נַארִישְׁקֵייטְן - אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

בֶּעטְס ווַייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, און בֶּעטְס אוֹיף אַלֶע אֵיינְצֶעלְהֵייטְן; וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת טוֹבוֹת. דֶער עִקָּר זָאלְט אִיר בֶּעטְן אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער מַאן מִיט גוּטֶע מִדּוֹת, און פַאר קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן. דָאס דַארְף זַיין דֶער עִקָּר תְּפִילוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי, זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער וָואס וֶועלְן בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט.

מִיט תְּפִילָה וֶועט אִיר אַלְצְדִינְג פּוֹעֵל'ן; קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דָאס וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע זָאגְט אַייךְ אַז אַייעֶר דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט וֶוערְד ווַייל אִיר הָאט נִישְׁט אִינְזִין, דַאוֶוענְט ווַייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְס אִים אוֹיף אַייעֶר מַאמֶע לָשׁוֹן, אַזוֹי

וִוי אִיר רֶעדְט צוּ אַ חַבֶרְטֶ'ע, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תרכח

**אִיךְ פָּאר קַיין אוּמַאן, וָואס דַארְף אִיךְ דָארְט אִינְזִין הָאבְּן?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גֵיי אִם יִרְצֶה ה' פָּארְן יֶעצְט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, וָואס דַארְף אִיךְ דָארְט אִינְזִין הָאבְּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וּוְאוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ פָארְסְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען

קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [- טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן; בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

גְלַייךְ וֶוען דוּ קוּמְסְט אָן קַיין אוּמַאן, הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה; אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן דַארְף מֶען פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוֶה" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא). אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן וִוי תִּקְוָה, אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה הָאט מֶען אַ תִּקְוָה אַז מֶען וֶועט אַלֶעם פַארְרֶעכְטְן".

גְלַייךְ נָאכְן זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה לוֹיף אַרוֹיף צוּם צִיוּן, גֶעב אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא אוּן הוֹיב אָן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף דַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן דָא צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי וֶועט עֶר מְתַקֵּן זַיין;

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ וִויל נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ זָאג דִיר צוּ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן מַיין בְּלָאטֶע", אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין דָארְט בַּיים צִיוּן, דֶערְצֵייל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים בִּפְרָטֵי פְּרָטִיוּת - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן, דוּ וֶועסְט אַהֵיימְקוּמֶען אוּן אָנְהוֹיבְּן אַ נַייעֶ בְּלַאט אִין דַיין לֶעבְּן.

**הָאבּ** מִיר אוֹיךְ אִינְזִין, בֶּעט פַאר מִיר: "יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעבִיל", אִיךְ זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תרכט

### ווי אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ מִיט דִי קָמֵיעַ פוּן מוֹהֲרָא"ש?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, מַיין מַאן אִיז זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה מִיט דֶעם, אוּן עֶר הַאלְט שׁוֹין בַּיים עֶנְדִיגְן גַאנְץ נַ"ךְ אוּן נָאךְ זַאכְן.

אין די לֶעצְטֶע וָואךְ צַייט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ מָאל קָאפּ וֵויי בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, דָאס הָאט מִיר אַבִּיסְל דֶערשְׁרָאקְן, און אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אַן עֵצָה וָואס אִיךְ קֶען טוּן דֶערצוּ.

אויךְ ווִיל אִיךְ וויסְן וֶועגְן דִי קָמֵיעַ פוּן מוֹהֲרַא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; אויבּ מֶען מֶעג עֶס אָנְטוּן אַלְס אַ קֵייטְל אונְטֶער דִי קְלֵיידֶער, וואוּ עֶס קֶען אָנְרִירְן נִישְׁט רֵיינֶע פְּלֶעצֶער, און אויךְ אויבּ מֶען מֶעג עֶס אַרַיינְטְרָאגְן אִין בֵּית הַכִּסֵּא.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בְּהַר, ט"ז אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**וואוּיל** אִיז אַייךְ אַז אִיר שֶׁעצְט אַייעֶר מַאן מִיט זַיין לֶערְנֶען.

עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אֵיינֶער וָואס קֶען אויפְהֵייבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם אַזוֹי ווִי אַ גוּטֶע פְרוֹי. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ חָסִיד וָואס הָאט גֶעהַאט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, אָבֶער ווִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶע'גֶט, "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", נָאכְדֶעם הָאט דֶער חָסִיד חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי און מִיט דִי צַייט הָאט זִי אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת

לְרָשָׁע אֶחָד, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק", ווידער די עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ מַאן אַ רָשָׁע אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ צַדִּיק, "הֱוֵי, שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ פוּן אַ פְרוֹי.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן אַייעֶר קָאפּ וֵויי; גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ שְׁלָאפְן אוּן עֶסְן, אוּן זַייט וַוייטֶער מְחַזֵּק אַייעֶר מַאן, וֶועט אִיר זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

בְּנוֹגֵעַ דִי קָמֵיעַ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז מֶען קֶען גֵיין מִיט דִי קָמֵיעַ וואוּ אִימֶער - אֲפִילוּ אִין בֵּית הַכִּסֵּא אוּן אִין נִישְׁט רֵיינֶע פְּלֶעצֶער. אַז אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי קָמֵיעַ וֶועט אִיר זֶען אַז דִי קָמֵיעַ אִיז דִי נָאמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז אַלֶע שֵׁדִים, קְלִיפּוֹת אוּן מַזִּיקִים הָאבְּן מוֹרָא פוּן זַיין נָאמֶען, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן זַיין נָאמֶען אַנְטְלוֹיפְן זֵיי פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. דָאס הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער עִקָּר דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, וַוייל וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים דֶער הָאט אַ גוּט לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

# תרל

## מֶעג מֶען לֶערְנֶען אִין דִי "שְׁטֵיינְזַאלְץ" גְמָרָא?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם קוּנְטְרֵס "בֵּית נִצְחִי", וָואס מֶען דְרוּקְט יֶעדֶע וָואךְ דִי לִימוּדִים פוּן דִי וָואךְ אִין בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי אוּן תוֹסֶפְתָּא. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶּער נִישְׁט פַארְוָואס מֶען לֵייגְט דָארְט אַרַיין דִי גְמָרָא פוּן שְׁטֵיינְזַאלְץ וָואס אִיז גֶע'אַסֶר'ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל וַוייל מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דָארְט מִינוּת וְכַדוֹמֶה, פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט נוּצְן גְמָרָא פוּן אַנְדֶערֶע כָּשֵׁר'ע דְרוּקְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ז אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ לֶערְנֶען אִין גְמָרוֹת פוּן שְׁטֵיינְזַאלְץ; פַארְקֶערְט, עֶר אִיז זֵייעֶר גוּט מַסְבִּיר דִי גְמָרָא. עֶס זֶענֶען דָא וָואס הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק פוּן לֶערְנֶען אִין דִי גְמָרוֹת וַוייל זֵיי ווילְן גֶעדֶענְקֶען דִי צוּרַת הַדַף וְכוּ' אוּן אִין דִי גְמָרוֹת אִיז אַנְדֶערְשׁ דִי צוּרַת הַדַף וָואס צוּלִיבּ דֶעם אִיז שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ מַאֲמָר חֲזַ"ל. אָבֶּער יֶעצְט הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעטוֹישְׁט אוּן זֵיי גֶעבְּן שׁוֹין אַרוֹיס דִי גְמָרוֹת מִיטְן צוּרַת הַדַף.

**דֶער** עִקָּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיךְ אָפְּוַואשְׁן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "'תַּלְמוּד' בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה; דֶערְפַאר הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אַ דַף גְמָרָא, אַלֶעם וֶועט עֶר לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל טוּן, אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא.

**וואוּיל** אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן פִילְט אָן זַיינֶע טֶעג מִיט תּוֹרָה; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תרלא

## דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים, נִיגוּנִים אוּן בְּרִיוו, עֶס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶּ' נְפָשׁוֹת.

איך לֶערְן בָּרוּךְ ה' רוֹב טָאג. אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין לִיטְוִוישֶׁע יְשִׁיבוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִין אַייעֶר זְכוּת הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען שׁוֹין צוּ עֶנְדִיגְן צְוֵויי מָאל מִשְׁנָיוֹת און עֶטְלִיכֶע מַסֶכְתּוֹת גְמָרָא, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער בָּרוּךְ ה' אַ גוּטְן קָאפּ, אִיךְ קֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ לֶערְן, אִיז דִי שְׁאֵלָה צִי אִיךְ זָאל טַאקֶע נָאר זָאגְן, אָדֶער אֵיינֶער וָואס קֶען לֶערְנֶען דַארְף יָא לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג? דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר פְלֶעגְט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט. אָדֶער אֶפְשָׁר דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ חֹק קָבוּעַ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג הַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת מִיט זִיבְּן בְּלַאט גְמָרָא וְכַדוֹמֶה, און עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם וָואס מֶען עֶנְדִיגְט דִי שִׁיעוּרִים, קֶען מֶען פְּרוּבִּירְן צוּ לֶערְנֶען און פַארְשְׁטֵיין?

אוֹיךְ וויל אִיךְ וויסְן, אִיךְ בִּין יֶעצְט זֵייעֶר אַסַאךְ עוֹסֵק אִין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, כִּמְעַט רוֹב טָאג לֶערְן אִיךְ נָאר דָאס. אִיז דִי שְׁאֵלָה אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג, אָדֶער דַארְף מֶען עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען רוֹב טָאג גְמָרָא וְכַדוֹמֶה, און נָאר אַבִּיסְל צַייט אַוֶועקְגֶעבְּן צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים? אָדֶער אִיז נִישְׁטָא קַיין כְּלַל אִין דֶעם, נָאר יֶעדֶער דַארְף טוּן לוֹיט וָואס עֶס צִיט אִים?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרָשַׁת בְּהַר, י"ח אִיָּיר, לַ"ג בָּעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט בְּהַתְמָדָה רַבָּה, דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי

**מִשְׁנָה אוּן אַפָּאר מַסֶכְתּוֹת אִין שַ"ס אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן** (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) **אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין.**

**אֲפִילוּ** מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט - פַארְשְׁטֵייט דָאס דִי נְשָׁמָה. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "וְדַע שֶׁלֶּעָתִיד מַזְכִּירִין אֶת הָאָדָם כָּל מַה שֶּׁלָּמַד, אַף אִם שָׁכַח", אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט דֶערְמַאנְט מֶען דִי נְשָׁמָה אַלֶעס וָואס זִי הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן פַארְגֶעסְן, "גַּם בְּנֵי אָדָם הַשּׁוֹמְעִים הַתּוֹרָה שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְאֵינָם מְבִינִים אוֹתָהּ", אַזוֹי אוֹיךְ, אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען לֶערְנְט, "לֶעָתִיד, בָּעוֹלָם הַבָּא, יָבִינוּ", ווֶעט מֶען אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עִקַּר הַתּוֹרָה הִיא לְהַנְּשָׁמוֹת", ווַייל דֶער עִקָר וָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז פַאר דִי נְשָׁמָה, "שֶׁבָּעוֹלָם הַבָּא יִהְיוּ הַנְּשָׁמוֹת בְּקִיאִים וּמַשִּׂיגִים הֵיטֵב אֶת הַתּוֹרָה שֶׁלָּמַד וְשָׁמַע הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה", אַז אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט זָאלְן דִי נְשָׁמוֹת פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי ווֶעלְט; "אַשְׁרֵי הַמְבַלֶּה יָמָיו בְּתוֹרָה וַעֲבוֹדָה הַרְבֵּה", וואוֹיל אִיז פַארְן מֶענְטְשׁ וָואס פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט תּוֹרָה אוּן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

**חוּץ** פוּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד בְּגִירְסָא, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר מִיט אַ חַבְרוּתָא צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן עו): "גַּם צְרִיכִין לִלְמֹד אֵיזֶה שִׁעוּר בַּיּוֹם, בִּקְצָת עִיּוּן",

מֶען דַארְף הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אִין עִיוּן יֶעדְן טָאג; אָבֶּער רוֹב צַייט זָאלְסְטוּ זָאגְן אַסאַךְ גְמָרָא אוּן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת.

**דוּ** פְרֶעגְסְט אִין דַיין בְּרִיווּ, ווִי קֶען מֶען זָאגְן אָן פַארְשְׁטֵיין, מֶען זֶעט דָאךְ פוּן רֶבִּי'ן אַז מֶען דַארְף יָא פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט ווִי אַזוֹי עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ח): "כִּי בִּתְחִלָּה הָיָה לוֹמֵד מִשְׁנָיוֹת וְלֹא הָיָה מֵבִין לִמּוּדוֹ", עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה הַרְבֵּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיָּאִיר עֵינָיו", וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה כָּל כָּךְ עַד שֶׁזָּכָה שֶׁיּוּכַל לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת", עֶר הָאט אַזוֹי סַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין מִשְׁנַיוֹת; זֶעט מֶען אַז מֶען דַארְף יָא פַארְשְׁטֵיין?

**דָאס** אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא, וַוייל אַוַדאי דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אַז מֶען ווִיל פַארְשְׁטֵיין - אַז דָאס זָאל מוֹנֵעַ זַיין פוּן לֶערְנֶען.

**אַז** מֶען קוּקְט מִיט אַן אֱמֶת'ער אוֹיג זֶעט מֶען אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן זִיךְ אָפּ פוּן לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס

מֶען ווִיל פַארְשְׁטֵיין, אוּן מֶען הָאט יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערֶע תֵּירוּץ פַארְוָואס נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען. אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, דָאס שְׁנַיידְט שְׁטִיקֶער, ווַייל דָאס אִיז אַ דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן יֶעדֶע צַייט. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס קֶען מוֹנֵעַ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן לֶערְנֶען ווֶען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד; מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין קָאפּ, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט. נָאר וואוּ מֶען אִיז, אִין וָואס פַאר אַ מַצָּב מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, נֶעמְט מֶען דֶעם מִשְׁנַיוֹת אוּן מֶען זָאגְט אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, מֶען נֶעמְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן מֶען זָאגְט אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט. וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ מְסַיֵּם זַיין כַּמָּה פְּעָמִים כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוּן דָאס פַארְשְׁטֵיין.

אַז דוּ הָאסְט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָפְּלָאזְן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט בְּמֶשֶׁךְ אַ שְׁטִיק צַייט גֶעלֶערְנְט אוֹיסְטֶערְלִישׁ פְלַייסִיג דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז עֶר פְלֶעגְט דָאס עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ. עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט צְווֵיי אוּן אַ הַאלְבּ יָאר - דְרַייסִיג חֳדָשִׁים בִּרְצִיפוּת. רֶבִּי נָתָן'ס הִתְחַזְּקוּת אִיז אִים אַרַיין אִין דִי בְּלוּט אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְחַבֵּר זַיין דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים. פוּפְצְן הוּנְדֶערְט בַּאזוּנְדֶערֶע סָארְט קוּנְטְרֵסִים הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן, וָואס אִיז הִתְחַזְּקוּת -

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת - פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין אַלֶע מַצָּבִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרלב

## ווִי אַזוֹי דַאנְק אִיךְ אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט מִיר דָאךְ גֶעבְּרֶענְגְט דִי צָרָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ גֶעשִׁיקְט דִי אִידְן קַיין מִצְרַיִם, עֶר וָואלְט דָאךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט שִׁיקְן דִי אִידְן אַהִין אוּן אַזוֹי וָואלְט עֶר זֵיי נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְנֶעמֶען.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער בְּעִקָּר שְׁטֶערְט מִיר מַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת, דִי צָרוֹת אִין וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן מַיינֶע צָרוֹת וֶוען עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף מִיר דִי צָרוֹת?

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען עֶרְקְלֶערְן, יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ט אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**נִישְׁט** אַלֶעס קֶענֶען מִיר פַארְשְׁטֵיין; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת י.): "בַּהֲדֵי כַּבְשֵׁי דְּרַחְמָנָא לָמָּה לָךְ?" מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, מִיר דַארְפְן אִים דִינֶען גֶעטְרֵיי אֲפִילוּ מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט און מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט.

**וֶוען** עֶס גֵייט אַרִיבֶּער צָרוֹת דַארְפְן מִיר שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעטוּן אִין מִצְרַיִם, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זֵיי רַאטֶעוֶועןֹ. און וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי צָרוֹת דַארְף מֶען אִים דַאנְקֶען דֶערוֹיף, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְגֶען שִׁירָה אוֹיף דִי אַלֶע נִסִּים, אַזוֹי דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז.

**בְּנוֹגֵעַ** דִי צָרוֹת וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ; ווייסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אוּמְזִיסְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ה:) אַז רַב הוּנָא הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער שָׁאדְן, עֶס אִיז אִים פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן פִיר הוּנְדֶערְט פֶעסֶער וַויין, זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִים גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן און אִים מְחַזֵּק זַיין, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "לְעַיֵּן מָר בְּמִילֵּיהּ",

עֶר זָאל נָאכְקוּקְן זַיינֶע מַעֲשִׂים אוֹיבּ עֶר הָאט אֵיינֶעם שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן אוּן עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט עֶר צוּרִיק רֵייךְ וֶוערְן. הָאט רַב הוּנָא גֶעפְרֶעגְט דִי חֲכָמִים: "מִי חַשִׁידְנָא בְּעֵינַייכוּ", אִיר זֶענְט מִיר חוֹשֵׁד אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים? הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וּמִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְעָבִיד דִינָא בְּלֹא דִינָא", אִיז דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער חָשׁוּד אַז עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטְס אוּמְזִיסְט? אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעבְּרֶענְגְט שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאס נִישְׁט אוּמְזִיסְט. דִי גְמָרָא פִּירְט אוֹיס אַז מֶען הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע זַאךְ, עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן דֶערוֹיף אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר צוּרִיק רַייךְ גֶעוָוארְן.

אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אִיז דָאס נָאר דִיךְ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם ה.): "אִם רוֹאֶה אָדָם שֶׁיִסוּרִין בָּאִין עָלָיו יְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו", אַז מֶען זֶעט זִיךְ פוּל מִיט יְסוּרִים דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט אִים דֶערְצֶערְנְט אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּ אִים.

חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן אוּנְז (פְּסִיקְתָּא רַבָּתִי, פֶּרֶק מז): "אַשְׁרֵי אָדָם שֶׁנָּגְעוּ בּוֹ יִסוּרִין, וְכָבַשׁ רַחֲמָיו וְלֹא קָרָא תִּגָר", ווארִיל אִיז פַארְן מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט גֶעפֵּיינִיגְט מִיט יְסוּרִים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר וֵוייסְט אַז דָאס אִיז פַאר זַיין גוּטְס, אִים אוֹיפְצוּהֵייבְּן הֶעכֶער, אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵגָה.

**מַאךְ** זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים, בִּפְרַט אִין דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ פָּשׁוּט'עָ שְׁפְּרַאךְ פַאר אוּנְז פָּשׁוּט'עָ מֶענְטְשְׁן, מִיר זָאלְן פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט; דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן דִי נַארִישֶׁע קַשְׁיוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, דִי אֱמוּנָה וֶועט בַּיי דִיר וֶוערְן אַזוֹי קְלָאר, דוּ וֶועסְט צוּקוּמֶען צוּ אַזַא שֵׂכֶל - צוּ וִויסְן אַז דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, "כִּי תַּכְלִית הַיְדִיעָה אֲשֶׁר לֹא נֵדַע" (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רפג); דָאס אִיז דֶער עִקָר צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּקוּמֶען - צוּ וִויסְן אַז עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט.

**אָבֶּער** צוּ דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען נָאר אַז מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק אֱמֶת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח', אוֹת ח): "וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ 'שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת'", מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן אֱמֶת'עָר צַדִיק וָואס קֶען צוּבְּרֶענְגֶען צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, "עַל כֵּן כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִקְדֻשָּׁה", וַוייל אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִיק זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה; דָאס בַּאקוּמְט מֶען וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן. אַלֶע קַשְׁיוֹת, סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים גֵייעֶן אַוֶועק, אוּן דִי אֱמוּנָה שַׁיינְט אוּן לַייכְט, מֶען לֶעבְּט מִיט אַן אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶּכֶת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", וֶוען מֶען לֶערְנְט

דֶעם סֵפֶר פוּן אַ צַדִיק טְרֶעפְט מֶען דָארְט דֶעם פָּנִים, שֵׂכֶל און פַארְשְׁטַאנְד פוּנֶעם צַדִיק; אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וויסְן אַז דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט און עֶס וֶועט לַייכְטְן אויף דִיר דִי לִיכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תרלג

**אַ גְרוּפֶּע בָּחוּרִים זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק אִינְאֵיינֶעם, קֶענְט אִיר אוּנְז גֶעבְּן חִיזוּק?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר זֶענֶען אַ גְרוּפֶּע בָּחוּרִים דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעוֶוען דָאהִי נָאךְ דֶעם פַארְלָאפֶענֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאבְּן מִיר זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען אִינְאֵיינֶעם זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן צוּזַאמֶען מִיט דִי חִיזוּק און עֵצוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, און מִיר ווילְן בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען אוּנְז שְׁרַייבְּן עֶפֶּעס חִיזוּק און הַדְרָכָה אַז מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן צוּזַאמֶען און דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת און חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל וַוייטֶער קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין מְקָרֵב צוּ זַיין הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"א אִיָּר, יוֹם הוּלֶּדֶת מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַבַּחוּרִים הַחֲשׁוּבִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ שֶׁיִּחְיוּ, יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן עֶנְקֶער בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז עֶנְק שְׁטַארְקְן זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**זֵייעֶר** גוּט אַז עֶנְק הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען; עֶנְק וֵוייסְן אַוַדַאי דֶעם דִיבּוּר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט בִּשְׁעַת עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טִיר פוּן זַיין שְׁטוּבּ מִיט דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן גֶעזָאגְט: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם". וַוייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, וֶועט אִיר מִיךְ קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפז).

**שְׁטַארְקְטְ֒ס** עֶנְק אִין הֲפָצָה; גֵייטְס אַרוּם פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. דָאס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַזַא גְרִינְגֶע שְׁפְּרַאךְ אַז אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת קֶענֶען זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דֶעם.

קוּקְטְם נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן דִי סְפָרִים, אוּן זֵיי זָאגְן: "דָאס אִיז נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ!"

אוֹיף רֶבִּי נָתָן הָאט מֶען דָאס אוֹיךְ גֶעזָאגְט. וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַוֶועק אוּן רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט רֶעדְן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ זֶענֶען גֶעוֶוען דִי זֶעלְבֶּע עַזּוּת פְּנִימְ'ער, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן: "שַׁא, שַׁא, מִיר ווִילְן נִישְׁט הֶערְן אַייעֶרֶע חִידוּשִׁים, מִיר ווִילְן הֶערְן נָאר פוּן רֶבִּי'ן". דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ קוּקְן אוּן צוּ טַעֲנָה'עֶן מִיט דִי וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל דַיְקָא דוּרךְ דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען. אַזוֹי ווִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (תִּקּוּנֵי זוֹהַר, מג.): "בְּפוּרְקָנָא בַּתְרַיְיתָא כֹּלָּא בְּיַמָּא דְאוֹרַיְיתָא, מַטֶּה דִילֵיהּ דְּקָרַע בֵּיהּ יַמָּא דָא קוּלְמוּס, בְּגִין דַּעֲלֵיהּ אִתְגַּלְיָיא זְרוֹעַ ה', דְּאִתְּמַר בֵּיהּ (יְשַׁעְיָה נג, א) וּזְרוֹעַ ה' עַל מִי נִגְלָתָה", פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַ פֶּעדֶער וָואס וֶועט שְׁרַייבְּן חִידוּשֵׁי תוֹרָה אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע גִּלּוּי אֱלֹקִית אִין דִי וֶועלְט, דִי פֶּעדֶער וֶועט זַיין דֶער שְׁטֶעקְן וָואס וֶועט שְׁפַּאלְטְן דֶעם יַם פוּן אַלֶע צָרוֹת; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דִי אֱמוּנָה אוֹיף אַזַא פָּשׁוּטְ'ן אוֹפֶן, אַז אֲפִילוּ פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן ווִי מִיר זֶענֶען קֶענֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה אִין גֶעטְלִיכְקֵייט. -

'הַפָּצָה' אִיז אוּנְזֶער תִּיקוּן צוּ קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל אַ תִּיקוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית

זָאל צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען - וִוי עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר זָאלְן עֶנְק אַלֶע זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וּבִפְרַט אִין הֲפָצָה; הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, אַז נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אוּנְז שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, עֶר וֶועט אוּנְז לֶערְנֶען אַז מִיר אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶר וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן אוּנְזֶער בִּיטֶערְן גָלוּת, אָמֵן.

יֶעדֶע מָאל עֶנְק זִיצְן צוּזַאמֶען וְכוּ', זָאלְן עֶנְק מִיר שִׁיקְן בִּילְדֶער פוּן דִי חֲבוּרָה; וֶועט אִיר מִיךְ דֶערְפְרֵייעֶן.

## תרלד

### מַיינֶע עֶלְטֶערְן זוּכְן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע בָּאמְבֶּע שִׁידוּךְ, אָבֶּער אִיךְ ווִיל שׂוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַיין צֶוענְטֶע זְמַן אִין יְשִׁיבָה גְדוֹלָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶס אִיז מִיר שְׁוַוארְץ אוּן בִּיטֶער פַאר דִי אוֹיגְן.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן מִיךְ נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן? זֵיי זוּכְן עֶפֶּעס גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע שִׁידוּךְ אַז יֶעדֶער אִין שׁוּל זָאל מַאכְן אַ גְרוֹיסֶער מַצָב דֶערְפוּן, זֵיי ווַייסְן נִישְׁט אַז אִיךְ דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט דִי גַאנְצֶע פְּרָאפֶּעגַאנְדֶע, אִיךְ דַארְף אַ פָּשׁוּטֶ'ע שִׁידוּךְ, אֵיינֶער וָואס אִיז גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְן מִיט מִיר. אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס מַסְבִּיר צוּ זַיין פַאר זֵיי.

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ בָּחוּר, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען הַאלְט שׁוֹין בַּיים צֶענְטְן זְמַן אִין יְשִׁיבָה גְדוֹלָה, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן נִישְׁט אַלֶעמָאל קֶען אִיךְ בֵּייקוּמֶען דִי נִסְיוֹנוֹת. וָואס קֶען אִיךְ טוּן אוֹיף הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה דֶערְפוּן אוּן עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזוּק אִין לֶעבְּן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן ווַייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ב אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

### דַיין גֶעשְׁרֵיי הָאבּ אִיךְ עֶרְהַאלְטְן.

דַיין צַעַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס; עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַזַא צַעַר דִי דֶער צַעַר וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער. אַ בָּחוּר אִיז צֶעבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר אוֹיף צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקְלֶעךְ, אוּן כָּל זְמַן מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז מֶען אַ פְּלַג גוּף. אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַאֲזִינוּ רצו.): "מַאן

דְלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא, אִקְרֵי פְּלַג גוּפָא״, פַאר מֶען הָאט חֲתוּנָה אִיז מֶען נִישְׁט קַיין גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, מֶען אִיז הַאלְבּ, ״וְלֵית בִּרְכָתָא שַׁרְיָא בְּמִלָּה פְּגִימָא וַחֲסֵירָא, אֶלָּא בַּאֲתָר שְׁלִים״, עֶס פֶעלְט דִי בְּרָכוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס קוּמְט נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה.

**קֵיינֶער** אוּיף דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער; זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן זַיינֶע יְסוּרִים וָואס עֶר הָאט. פוּן אֵיין זַייט וִויל עֶר זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, עֶר וִויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשָׁה אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הַאלְט עֶר אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען זֶעט זִיךְ אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, רַחְמָנָא לְשֵׁיזְבָן, דֶעמָאלְט וֶוערְט אִים גָאר בִּיטֶער; זַיין גַאנְצֶע לֶעבְן וֶוערְט אִים חָרוּב, וּבְעִקָּר אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַאר וֶועם צוּ דֶערְצֵיילְן זַיין הַארְץ, קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט אִים נִישְׁט, בִּיז עֶר וֶוערְט מְיָאֵשׁ אוּן פַארְדְרֵייְדְט מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת הַשֵּׁם יְרַחֵם.

**בֶּעט** אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט סַבְלָנוּת; הָאבּ גֶעדוּלְד אוּן וַוארְט אוּיס בִּיז דַיין שִׁידוּךְ וֶועט אָנְקוּמֶען. אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר זֶייעֶר שְׁוֶוער, דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זִיךְ מִיט שִׁידוּכִים, זֵיי וַוארְטְן אוּן וַוארְטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳ - דָאךְ זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז ׳דַיין שִׁידוּךְ הָאט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן׳. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): ״מָצִינוּ

בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי תּוֹרָה, אִין נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ) "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה' יָצָא הַדָּבָר", לָבָן אוּן בְּתוּאֵל הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם: מִיר קֶענֶען נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן רִבְקָה פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט יִצְחָק, ווייל "מֵה' יָצָא הַדָּבָר", אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא", דִי עֶלְטֶערְן פוּן שִׁמְשׁוֹן הַגִּבּוֹר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְוּיסְט אַז זַיין שִׁידוּךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", אַ הוֹיז אוּן אַ פַארְמֶעגְן קֶען מֶען בַּאקוּמֶען בִּירוּשָׁה פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶּער אַ שִׁידוּךְ קֶען מֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען בִּירוּשָׁה פוּן עֶלְטֶערְן, דָאס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין; זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט שִׁידוּכִים.

**פַארְלִיר** זִיךְ נִישְׁט אוּן וַוארְט אוּיס אוּיף דַיין שִׁידוּךְ וָואס וֶועט קוּמֶען גָאר שְׁנֶעל. בִּיז דֶערְוַוייל, בִּיז דַיין שִׁידוּךְ וֶועט קוּמֶען זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. גִיס זִיךְ אוּיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים פַאר אַ שִׁידוּךְ, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר גֵייט אוּיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוּיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים

אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אִים, עֶר שְׁמוּעֶסְט אוֹיס פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין הַארְץ, וִוי שְׁטַארְק עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָבֶּער עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, עֶר דֶערְצֵיילְט פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶר פַּאלְט אַרַיין אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלַן אוּן עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס אַז עֶר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, דוּרְכְדֶעם נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אוֹיף זַיינֶע זִינְד.

**מוֹהֲרַא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (עַיֵין סֵפֶר אֶרֶךְ אַפַּיִם, פֶּרֶק ד): "וְיֵשׁ מַלְאָךְ נוֹרָא עֶזְרִיאֵ"ל שְׁמוֹ", עֶס אִיז דָא אַ מַלְאָךְ אִין הִימְל וָואס זַיין נָאמֶען אִיז עֶזְרִיאֵ"ל, "שֶׁהוּא מְמוּנֶּה עֲלֵיהֶם", עֶר אִיז מְמוּנֶה אַרוֹיף צוּ טְרָאגְן דִי תְּפִילוֹת פוּן בָּחוּרִים וָואס פַּאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלַן, "וּבוֹנֶה מִשִּׂיחָתָם וּתְפִלָּתָם הֵיכָלוֹת חֲדָשׁוֹת וְנִשְׁפַּע עֲלֵיהֶם אוֹר וָדַעַת וְשֶׁפַע וְחַיּוּת", עֶר נֶעמְט דִי תְּפִילוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בּוֹיט דֶערְמִיט אִין הִימְל הֶערְלִיכֶע פַּאלַאצְן, אוּן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אוֹיף דִי נְשָׁמוֹת אַ פְרִישֶׁע חַיּוּת אוּן אַ פְרִישֶׁע מוּט.

**כָאפּ** זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרַא"ש הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה (צַוָּואַת מוֹהֲרַא"שׁ, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס

אִיךְ קֶען אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

# תרלה

## פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש אַיינְגֶעפִירְט אִין יַבְנְאֵל צוּ גֵיין שַׁבָּת מִיט אַ וַוייסֶע בֶעקִיטְשֶׁע?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן פַארְוָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אַיינְגֶעפִירְט אִין יַבְנְאֵל צוּ גֵיין שַׁבָּת מִיט אַ וַוייסֶע בֶעקִיטְשֶׁע, אִין דִי צַייט וָואס אִין אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת גֵייט מֶען אָנְגֶעטוּן שְׁוַוארְץ. אוּן אֲפִילוּ אִין יְרוּשָׁלַיִם, וואוּ אַסַאךְ גֵייעֶן יָא אַ וַוייסֶע בֶעקִיטְשֶׁע - אִיז עֶס אוֹיךְ נָאר גֶעשְׁטְרֵייפְט, נִישְׁט אִינְגַאנְצְן וַוייס.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ג אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַשַּׁבָּת, פֶּרֶק ד): "צָרִיךְ שֶׁיִּלְבּוֹשׁ בְּכָל שַׁבָּת בְּגָדִים לְבָנִים", מֶען

זָאל גֵיין שַׁבָּת מִיט וַוייסֶע קְלֵיידֶער, אוּן רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה זָאגְט דָארְט: "וְקִבַּלְתִּי מִמּוֹרִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁכְּפִי הַגּוֹון הַמַּלְבּוּשִׁין שֶׁאָדָם לוֹבֵשׁ בְּשַׁבָּת בָּעוֹלָם הַזֶּה, כַּךְ מַלְבִּישִׁין אוֹתוֹ אַחַר פְּטִירָתוֹ בִּימֵי הַשַּׁבָּת תָּמִיד", וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוֹן שַׁבָּת דָא אוֹיף דִי וֶועלְט - אַזוֹי טוּט מֶען אָן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל נָאךְ זַיין פְּטִירָה אִין דִי שַׁבָּת טֶעג, אוּן דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט דֶערְצֵיילְט: "לָכֵן רָאָה לְחָכָם אֶחָד לָבוּשׁ שְׁחוֹרִים אַחַר פְּטִירָתוֹ בִּימֵי הַשַּׁבָּת, וְהִגִּיד כִּי כַּךְ הָיָה לָבוּשׁ בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהוּא נֶעֱנַשׁ בְּמִדָּה זוֹ", עֶר הָאט גֶעזֶען אַ חָכָם אוֹיבְן אִין הִימְל אָנְגֶעטוֹן שְׁוַוארְץ אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז וַוייל עֶר פְלֶעגְט גֵיין אוֹיף דִי וֶועלְט אָנְגֶעטוֹן שְׁוַוארְץ שַׁבָּת - דֶערְפַאר הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי עוֹנֶשׁ פוּן גֵיין אָנְגֶעטוֹן שְׁוַוארְץ, דֶערִיבֶּער זָאל מֶען גֵיין מִיט פִיר וַוייסֶע קְלֵיידֶער, "וְאַרְבָּעָה בִּגְדֵי לָבָן אֵלּוּ, נֶגֶד אַרְבַּע אוֹתִיּוֹת הֲוָיָ"ה", אוּן דִי פִּיר וַוייסֶע קְלֵיידֶער זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי פִּיר אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען, עַיֵּין שָׁם.

זֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בּוֹיעֶן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר שְׁטָאט יַבְנְאֵל הָאט עֶר אַיינְגֶעפִירְט אַז מֶען זָאל זִיךְ פִירְן דָארְט אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִיזַ"ל, הֱיוֹת דָארְט אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען אִיז אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן אַלֶעמֶען אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא פוּן וֶועם זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען. דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מִיר גֵייעֶן נִישְׁט מִיט וַוייסֶע קְלֵיידֶער, וַוייל מִיר זֶענֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן וָואס אַלֶע גֵייעֶן שְׁוַוארְץ, וֶועט זִיךְ עֶס אָנְזֶען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, אַלֶע וֶועלְן לַאכְן וְכוּ'.

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק פוּן דְרָאהָבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַלֶע וָואלְטְן גֶעגַאנְגֶען שַׁבָּת מִיט וַוייסֶע קְלֵיידֶער, בִּפְרַט דִי וָואס וואוֹיְנֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - וָואלְט שׁוֹין גֶעוֶוען דִי גְאוּלָה". דֶער צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק פוּן דְרָאהָבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט אַרוּם פָארְן אִין אַלֶע שְׁטֶעט רֶעדְן אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין שַׁבָּת מִיט וַוייסֶע קְלֵיידֶער, בִּיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיינְס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים גֶעוָוארְנְט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם - וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען צוּ זַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ', דֶעמָאלְט הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעדְן פוּן דֶעם.

**דֶערְפַאר** הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז אַלֶע וָואס וואוֹיְנֶען אִין יַבְנְאֵל אוּן גֶעהֶערְן צוּ דִי קְהִלָּה זָאלְן גֵיין מִיט אַ וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אוּם שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (זוהר חָדָשׁ נֹחַ, דַף כג): "דְאִי יַחְזְרוּן בִּתְשׁוּבָה רֵישֵׁי כְּנִישְׁתָּא, אוֹ חָדָא כְּנִישְׁתָּא, בִּזְכוּתָם יִתְכְּנֵשׁ כָּל גָלוּתָא"; אֲפִילוּ נָאר אֵיין קְהִלָּה אָדֶער אֵיין בֵּית הַמֶדְרָשׁ וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּן - וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה; אַזוֹי אוֹיךְ מִיט וַוייסֶע קְלֵיידֶער - הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט, אַז מֶען וֶועט גֵיין אִין יַבְנְאֵל מִיט דֶעם - וֶועט מֶען בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה, אָמֵן.

# תרלו

## אִיךְ ווִיל מְחַנֵךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶער אִיךְ פַאל פוּן דִי כּוֹחוֹת

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ חֲסִידִי'שֶׁע אִידִישֶׁע מַאמֶע, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה מִיט דִי טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, עֶס הָאט מַמָשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר אַרַיינְלֵייגְן אִין מַיינֶע קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט, צְנִיעוּת אוּן אֱמוּנָה. הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ זֵיי גֶעקֶענְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר מוֹסְדוֹת, אָבֶער דֶערְוַוייל אִיז דָאס נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, פְּרוּבִּיר אִיךְ כָאטְשׁ אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר זֵיי ווִיפִיל אִיךְ קֶען, פוּן וָואס אִיךְ הֶער אוּן אִיךְ לֶערְן פוּן דִי שִׁיעוּרִים.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז אַסַאךְ מָאל פַאל אִיךְ מַמָשׁ פוּן דִי כּוֹחוֹת, אִיךְ שְׁפִּיר זֵייעֶר טְרוּקְן אוּן שְׁוַואךְ, אוּן אַסַאךְ מָאל בִּין אִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אַז אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אִיךְ קֶען יָא עֶפֶּעס בֶּעטְן, בֶּעט אִיךְ נָאר אוֹיף כֹּחַ אוּן גֶעדוּלְד. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוּן הַדְרָכָה פַאר מִיר? אֶפְשָׁר עֶפֶּעס אַ סֵפֶר אָדֶער קוּנְטְרֵס וָואס אִיךְ קֶען לֵיינֶען אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ג אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**וואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר לֵייגְט אַרַיין אִין אַייעֶרֶע קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט. דִי עִקָר חִינוּךְ בַּאקוּמֶען**

די קִינְדֶער פוּן די עֶלְטֶערְן; אַז די עֶלְטֶערְן זֶענֶען מְחַנֵךְ די קִינְדֶער מִיט וַוארֶעמְקֵייט און מִיט לִיבְשַׁאפְט וֶועלְן די קִינְדֶער אויסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**אִיר** דַארְפְט זִיךְ נִישְט צְווִינְגֶען אַרַיין צוּ לֵייגְן די קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב; 'אִיר' זָאלְט זַיין זֵייעֶר 'בְּרֶסְלֶב'עֶר מוֹסָד', אִיר זָאלְט זֵיי גֶעבְּן וָואס די בְּרֶסְלֶב'עֶר חֵדֶר און סְקוּל גֶעבְּט פַאר די קִינְדֶער, אִיר זָאלְט רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן די שֵׁיינְקֵייט און זִיסְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד.

**עֶלְטֶערְן** דַארְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין די קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן ווִיסְן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אֵיידְל אָנְגֶעטוּן און דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר זֵיי אוֹיף אַ זִיסֶע וֶועג, נִישְט אוֹיף אַ וֶועג וָואס די קִינְדֶער זָאלְן מֵיינֶען אַז צְנִיעוּת אִיז אַ קְנַס אָדֶער אַ שְׁטְרָאף, און נָאכְדֶעם וֶועלְן זֵיי זוּכְן ווִי זֵיי קֶענֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן די וֶועג פוּן די תּוֹרָה און זִיךְ אָנְטוּן נִישְט אֵיידְל חַס וְשָׁלוֹם.

**אִיר** בֶּעט אַן עֵצָה אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט די שְׁטוּב אַרְבֶּעט; די עֵצָה אִיז אִיר זָאלְט אָנְהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף די נִיסִים און חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ. ווִי מֶער אַ מֶענְטְש דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בַּאקוּמְט עֶר מֶער כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין מִיטְן לֶעבְּן, ווִי מֶער מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף די חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט - בַּאקוּמְט מֶען הִימְלִישֶׁע כּוֹחוֹת און מֶען קֶען אָנְצִיעֶן זֵייעֶר אַסַאךְ. פְּרוּבִּירְט דָאס אוֹיס וֶועט אִיר זֶען ווּאוּנְדֶער אִיבֶּער

וואונְדער, אֲפִילוּ אִיר וֶועט שְׁפִּירְן ווִי אִיר פַאלְט פוּן דִי כּוֹחוֹת אוּן אִיר קֶענְט נִישְׁט מֶער אָנְגֵיין וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אוֹיבּ אִיר וֶועט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אִיר וֶועט אִים דַאנְקֶען אוּן זָאגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיךְ מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ! יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיין זִיסֶע לֶעבְּן, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיין הֶערְלִיכֶע לֶעבְּן, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיינֶע זִיסֶע קִינְדֶער, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיין מַאן, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם", אִיר וֶועט אִים לוֹיבְּן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיוּת אוֹיף אַלֶעם וָואס עֶר גֶעבְּט אַייךְ, וֶועט אִיר שְׁפִּירְן ווִי אִיר בַּאקוּמְט נֵייעֶ כּוֹחוֹת.

**פְּרוּבִּירְט** אוֹיס דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוּקְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה) דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט גוּטְס אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "'בַּצָּר' - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דִי צָרוֹת, אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרָה 'הִרְחַבְתָּ לִי' - הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט"; אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן, אִיר זָאלְט אָנְהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אוּן ווִי מֶער אִיר וֶועט אִים דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ - וֶועט אַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן אוֹיפְן הַארְצְן אוּן עֶס וֶועט אַייךְ בֶּעסֶער וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ מְגַדֵּל זַיין אַייעֶרע קִינְדֶער בְּנָקֵל וּבְנַחַת אוּן זֶען פוּן זֵיי אַסאךְ אִידִישׁ נַחַת.

# תרלז

## דַארְף אִיךְ מַמָּשׁ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי וֶועלְט צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן דִי בְּרִיוו, אַ גְרוֹיסְן דַאנְק.

עֶס וֶוערְט שׁוֹין נֶענְטֶער צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַסאךְ מְנִיעוֹת אוֹיף דֶעם.

בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן בַּיי מַיין קְהִלָּה אִיז דָאס זֵייעֶר אַן אָפְּגֶעפְרֶעגְטֶע זַאךְ, מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זַיין בְּרוֹגֶז אוּן מַיין יְשִׁיבָה וֶועט מִיךְ אַרוֹיסְוַוארְפְן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל פָּארְן קַיין אוּמַאן. נָאכְדֶערְצוּ אַז אִיךְ שְׁטֵיי יֶעצְט אִין שִׁידוּכִים, אוּן כָאטְשׁ וָואס אִיךְ וֵויס אַז אוּמַאן וֶועט מִיר נָאר צוּהֶעלְפְן פַאר אַ שִׁידוּךְ, אָבֶּער אַז מֶען וֶועט מִיךְ אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ וֶועל וֶוערְן אָפְּגֶעפְרֶעגְט בַּיי מַיין קְהִלָּה, הָאבּ אִיךְ מוֹרָא אַז דָאס וֶועט מִיר שַׁאטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ פָּארְן.

בְּקִיצוּר אִיז מַיין שְׁאֵלָה צִי אִיךְ דַארְף מַמָּשׁ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי וֶועלְט אוּן פָּארְן קַיין אוּמַאן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ? אָדֶער זָאל אִיךְ וַוארְטְן אוֹיף נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶס הָאפְנְטְלִיךְ זַיין אַבִּיסְל גְרִינְגֶער?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ג אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** קֶען דִיר נִישְׁט זָאגְן אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ קֶען דִיר אָבֶּער מְחַזֵק זַיין אוּן גֶעבְּן צוּ פַאֲרְשְׁטֵיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ אַלֵיינְס מַאכְן דִי רִיכְטִיגֶע הַחְלָטָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תגג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַאֲרְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן. "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, 'אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם'", אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה

צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְּרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵין שָׁם.

**וֶוען** עֶס וַוארְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גֵיין צוּ דִי גְרֶעסְטֶע לוֹיעֶרְס (עוֹרְכֵי דִין) זֵיי זָאלְן עֶפֶּעס טוּן פַאר אִים, זֵיי זָאלְן פְּרוּבִּירְן אִים מַצְדִיק זַיין. מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען אָפְּהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן פָארְן צוּם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר; אִין אַזַא מַצָּב קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין חֲבֵרִים, אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף מִשְׁפָּחָה, מֶען קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ. מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ פַארְלִירְן? עֶס וַוארְט דָאךְ אוֹיף מִיר אַזַא שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט וְכוּ' וְכוּ'', וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז עֶס וַוארְט אַ מִשְׁפָּט פוּן טוֹיט שְׁטְרָאף רַחְמָנָא לִצְלָן, דֶעמָאלְט וֶועט אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט.

**יֶעצְט** פְרֶעג אִיךְ דִיר, עֶס וַוארְט אוֹיף אוּנְז אַלֶע אַ גְרוֹיסְן מִשְׁפָּט; רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייט מֶען אוּנְז אַלֶע מִשְׁפָּטְ'ן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בָאֵשׁ וּמִי בַמַּיִם; אַלֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶעס וָואס מֶען הֶערְט דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן יָאר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ - וֶוערְט אַלֶעס אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדְן טָאג וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן. יוּנְגֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן אָן עֶלְטֶערְן ה' יְרַחֵם, אַלֶע שְׁפִּיטֶעלֶער זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ, מִיט נָאךְ פִילֶע צָרוֹת וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן; אוּן אַז עֶס אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, עֶר קֶען אוּנְז אַלֶע מְתַקֵן זַיין; אַזוֹי

ווי רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט - וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז): "אָמַר, שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אַז אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, קֶען עֶר זֵיי אָבֶער הֶעלְפְן און פַארְרֶעכְטְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אִיז נָאךְ דָא אַ סָפֵק יָא פָארְן אָדֶער נִישְׁט פָארְן?

**דֶער** זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שְׁלַח, קנח:) וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶען ווי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נָאר גֶעבֶּענְטְשְׁט יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן עֶר זָאל נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי מְרַגְלִים און אִים נִישְׁט, "אִשְׁתְּמִיט מִנַּיְיהוּ", הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גֶעכַאפְּט פוּן דִי מְרַגְּלִים, "וְאָתֵי לְגַבֵּי קִבְרַיָּיא דַאֲבָהָן, וְצַלֵּי תַּמָּן צְלוֹתֵיהּ", און עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קַיין חֶבְרוֹן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵּל זַיין, עֶר זָאל נִישְׁט פַארְכַאפְּט וֶוערְן מִיט דִי עֲצַת מְרַגְּלִים צוּ קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, פְּרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא: "ווי אַזוֹי קֶען זַיין אַז כָּלֵב אִיז גֶעגַאנְגֶען קַיין חֶבְרוֹן מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי דִי מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה אֵיינֶער אַלֵיין, עֶס זֶענֶען דָאךְ דָארְטְן גֶעוֶוען דִי בְּנֵי עֲנָק - דִי רִיזְן מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן זֵיי?" נָאר עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ: "מַאן דְאִיהוּ בְּדוֹחֲקָא, לָא אִסְתְּכַל מִדִּי", וֶוער עֶס אִיז אִין אַ צָרָה

קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, "כַּךְ כָּלֵב, בְּגִין דַהֲוָה בְּדוֹחֲקָא, לָא אִסְתָּכַּל מִדִי", אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם, "וְאָתָא לְצַלָּאָה עַל קִבְרֵי אֲבָהָן, לְאִשְׁתְּזָבָא מֵעֵיטָא דָא", עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים מִתְפַּלֵל זַיין זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי מְרַגְלִים, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי בְּנֵי עֲנָק.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְזֶעט זִיךְ אִין אַ מַצָב וִוי עֶר פַאלְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, בִּפְרַט וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין דִי גְרָאבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, מֶען זִינְקְט אִין דִי נ' שַׁעֲרֵי טוּמְאָה אוּן מֶען אִיז שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, וֶוען אַזַא מֶענְטְשׁ וִויל זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה אוּן עֶר הֶערְט אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אוּן זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית"; אַזַא אֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם אוּן טְרַאכְט נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, עֶר קוּקְט אוֹיף זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תרלח

## אִיז דָא אַ תִּיקוּן אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַסַאךְ מָאל נִכְשָׁל גֶעוָואֹרְן אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען דָאס נָאךְ פַארְרֶעכְטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ יָא - ווִי אַזוֹי?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ד אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט אוֹיף דִי וֶועלְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן דוּרְךְ זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא) **אוֹיף דֶעם וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט** (וַיֵּשֶׁב קפח.; וַיְחִי ריט.) **אַז אוֹיבּ מֶען**

זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, "בִּפְרַט מַאן דְּאוֹשִׁיד זַרְעָא בְּרֵיקַנְיָא חַס וְשָׁלוֹם" - הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה; הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר, נָאר אִיךְ, און אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה".

**נֶעם** דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן. עֶר זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט און זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וואו דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט אִים אַלְץ אַרָאפּ, און אַז וִויפִיל מָאל עֶר מַאכְט שׁוֹין אָפּ אַז עֶר גֵייט זַיין גוּט - פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל צוּרִיק אַרַיין אִין דִי עֲבֵירָה. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִּירְט זִיךְ אַזוֹי, נֶעמְט דָאס אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע עוֹנְשִׁים און דִינִים.

**וַויסְן** זָאלְסְטוּ אַז פוּן יֶעדֶע פְּלַאץ קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, אוֹיבּ וֶועט עֶר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן - וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע קְדוּשׁוֹת און צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחְמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ

אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**זָאגְן** מִשְׁנַיוֹת אִיז דִי עֵצָה פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן; נָאר דָאס קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא דְוַיִּסַּע, פַּרְשָׁה א) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידְן, אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה, "אֱמוֹר לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל: 'דִּבְרֵי תוֹרָה שֶׁנָּתַתִּי לָכֶם, רְפוּאָה הֵם לָכֶם, חַיִּים הֵם לָכֶם', שֶׁנֶּאֱמַר, כִּי חַיִּים הֵם לְמוֹצְאֵיהֶם, וְאוֹמֵר: 'רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶךָ וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ'", אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרלט

## וָואס מֵיינְט פַאר מִיר דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶעס?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוין אִין בָּארָא פַּארְק, אוּן לֶעצְטְנְס הָאט דָא פַּאסִירְט צְוֵויי שוידֶערְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶעס׳, צְוֵויי בָּחוּרִים זֶענֶען דָא אוּמְגֶעקוּמֶען אוֹיף גָאר שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, ווייל אִיךְ ווייסְן - אַלְס תּוֹשָׁב פוּן בָּארָא פַּארְק - וָואס ווִיל מִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מְרַמֵז זַיין מִיט דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין; מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי דְרָכִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.**

---

י. אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אָפְּשְׁנִיט פוּן בְּלוֹיז צְוֵויי טֶעג זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינֶעם שְׁטָאט בָּארָא פַּארְק צְוֵויי בָּחוּרִים אִין שְׁוֶוערֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן ה"י.

הַבָּחוּר הַיָּקָר שְׁמוּאֵל פִּנְחָס עָלָיו הַשָּׁלוֹם בֶּן ר' שְׁלֹמֹה פִּישְׁמַאן הי"ו - ח' אִיָיר, אוּן הַבָּחוּר הַיָּקָר יִשְׂרָאֵל עָלָיו הַשָּׁלוֹם בֶּן ר' דֹּב שְׁוַוארְץ הי"ו - י' אִיָיר; תְּהֵא נִשְׁמָתָם צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים.

אֲפִילוּ מִיט אוּנְזֶער קְלֵיינֶע קֶעפֶּעלֶע פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר דָאס נִישְׁט, דָאךְ דַארְפְן מִיר וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט; עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס הָאט צוּטוּן מִיט גִלְגוּלִים וְכוּ' אָדֶער כְּדֵי צוּ אוֹיפְוֶועקְן דִי וָואס טוּעֶן עֲבֵירוֹת אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַמָאל נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען רֵיין פוּן עֲבֵירוֹת כְּדֵי מֶענְטְשְׁן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן. דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁט גוּט מֶען זָאל צוּפִיל אַרֵיינְקְרִיכְן אִין דִי זַאכְן, מִיר דַארְפְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְבָרִים יח, יג): "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ"; ווארויל אִיז דֶעם וָואס דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

וֶוען מֶען הֶערְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, מֶען דַארְף זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן תְּשׁוּבָה טוּן מִיט אַן אֱמֶת. ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבוֹת ל.) אֲפִילוּ מִיר הָאבְן נִישְׁט קַיין בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּן דִי סַנְהֶדְרִין וָואס זָאלְן שְׁטְרָאפְן מִיט דִי ד' מִיתוֹת בֵּית דִין, גֵייט אָבֶער דִי ד' מִיתוֹת בֵּית דִין אָן אֲפִילוּ הַיינְטִיגֶע צַייטְן - אוֹיב מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה; וֶוער עֶס אִיז מְחוּיָב סְקִילָה פַאלְט אַרָאפּ פוּן אַ דַאךְ, אָדֶער וֶוערְט עֶר פַארְצִיקְט פוּן אַ חַיָ', וֶוער עֶס אִיז מְחוּיָב שְׂרֵיפָה וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט, אָדֶער כַאפְּט עֶר אַ בִּיס פוּן אַ שְׁלַאנְג, וֶוער עֶס אִיז מְחוּיָב מִיתַת הֶרֶג וֶועט גֶע'הַרְגְ'עט וֶוערְן, אוּן וֶוער עֶס אִיז מְחוּיָב חֶנֶק וֶוערְט דֶערְטְרָאנְקֶען אִין וַואסֶער, אָדֶער וֶועט עֶר דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן; מֶען הֶערְט לֵיידֶער הַיינְטִיגֶע

צײטְן זײעֶר אַסאַךְ שׁוידערלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן עֶקְסִידֶענְטְן אוּן אַנְדֶערֶע פַארְשִׁידֶענֶע אוּמְגְלִיקְן, דָאס אִיז נִישְׁט אוּמְזִיסְט, נָאר אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

**דֶערְפַאר**, וֶוער עֶס וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ', וֶוען עֶר הֶערְט אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְגֶען וָואס פַּאסִירְט בַּיי אַ צְוֵוייטְן - דַארְף אִים כַאפְּן אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק אַז דָאס קֶען פַּאסִירְן בַּיי אִים, עֶר קֶען בַּאקוּמֶען אֵיינֶע פוּן דִי ד' מִיתוֹת בֵּית דִין. וַוייל פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זֶעט אָדֶער מֶען הֶערְט דַארְף מֶען זִיךְ עֶפֶּעס אַרוֹיסְלֶערְנֶען, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (עַיֵּן תוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף פַּרְשַׁת רְאֵה, סוֹף אוֹת א), אַז אַלֶעס וָואס מֶען זֶעט אָדֶער מֶען הֶערְט דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶערְפוּן רְמָזִים פַארְן לֶעבְּן; אַז מֶען הֶערְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּמְגְלִיק וִוי מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן יוּנְגֶערְהֵייט פוּן דִי וֶועלְט - דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן וָואס פְּרִיעֶר.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט גֶעזָאגְט בַּיים בַּאשַׁאפְּן דִי וֶועלְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ה, ח) "דַי" - גֶענוּג (וֶוען נִישְׁט דִי וָוארְט וָואלְט דִי וֶועלְט אַלְץ גֶעוָוארְן גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער) זָאל שׁוֹין זָאגְן פַאר אוּנְזֶערֶע צָרוֹת "דַי" - גֶענוּג; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל טְרֵייסְטְן דִי עֶלְטֶערְן אוּן אוּנְז אַלֶע, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

# תרמ

## וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הַאלְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס דִי יְסוּרִים?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס הָאט מִיר מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַמָאל אִין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן, יֶעצְט שְׁפִּיר אִיךְ אָבֶער אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן אַז קַיין שׁוּם חִיזוּק וֶועט מִיר שׁוֹין נִישְׁט הֶעלְפְן.

אַלֶעס אִין לֶעבְּן גֵייט מִיר שְׁוָוארְץ; דִי פַּרְנָסָה, דִי שְׁלוֹם בַּיִת, דִי קִינְדֶער אוּן אִיךְ אַלֵיין. אִיךְ בִּין צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעהַאקְט אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקֶער אוּן אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן.

אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיף אַ פְּלַאץ שׁוֹין פַאר צְוֶועלְף יָאר אוּן אִיךְ הָאבּ פַּיינְט יֶעדֶע מִינוּט וָואס אִיךְ בִּין דָארְט, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט אִיבֶּערְצוּלָאזְן דִי פָּאסְטְן אוּן גֵיין זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע פַּרְנָסָה. דֶער זוּן פוּנֶעם בַּעַל הַבַּיִת הָאט מִיךְ פַּיינְט אוּן הַאלְט אִין אֵיין זָאגְן לִיגְנְט פַאר זַיין טַאטֶע וֶועגְן מִיר, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶענוּג שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ צוּ קֶענֶען עֶפֶּעס טוּן דֶערְוֶועגְן.

דֶערְוַוייל וֶוער אִיךְ מֶער אוּן מֶער דֶעפְּרֶעסְט יֶעדְן טָאג, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ מִיט מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה דַארְפְן אַזוֹיפִיל לַיידְן. אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן אִיבֶּער מַיינֶע וֵוייטָאגְן. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין נָאנְטֶער חָבֵר, נִישְׁט קַיין רֶבִּי אָדֶער רָב, אוּן אֲפִילוּ פַאר מַיין וַוייבּ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער מַיינֶע אִינֶערְלִיכֶע יְסוּרִים.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פִיל גֶעוֵויינְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פִילֶע לַאנְגֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה'ס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין בַּאגָאסְן מִיט טְרֶערְן, אָבֶער ווי עֶס זֶעט אוֹיס ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיךְ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע בְּרֵירָה וָואס בְּלַייבְּט מִיר - אִיז נָאר צוּ שְׁטַארְבְּן, הַלְוַאי וֶוען אִיךְ קֶען

וֶוען שְׁטַארְבְּן. אִיךְ זֶע אַזוֹיפִיל גוּטֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן דִי וֶועלְט, הַלְוַאי וָואלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיךְ גֶענוּמֶען אַנְשְׁטָאט זֵיי.

אֶפְשָׁר הָאט אִיר עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע וֶועג אַרוֹיס פַאר מִיר?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**פַארְוָואס** זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן פוּן שְׁטַארְבְּן? שְׁטַארְבְּן וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן[יא]; טְרַאכְט נִישְׁט פַאר אֵיין רֶגַע אַז דָארְט וֶועט דִיר זַיין בֶּעסֶער, עֶנְדֶערְשׁ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוּישְׁן צוּם גוּטְן.

**אַ** אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זָאגְן אַז עֶר וִויל שְׁטַארְבְּן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי יְסוּרִים וָואס עֶר לַיידְט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פד) חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, כב): "וְאַל יַבְטִיחֲךָ יִצְרְךָ שֶׁהַשְּׁאוֹל וְהַקֶּבֶר בֵּית מָנוֹס לָךְ", זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז אִין קֶבֶר וֶועט דִיר זַיין בֶּעסֶער, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַארְנוּמֶען, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע טִרְדוֹת; פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ', מִמֵּילָא קֶען זַיין אַז מֶען זָאל כַאפְּן אַ בִּיס פוּן אַ וָוארֶעם

---

יא. זֶע פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תרכז.

אָדֶער אַ פְּלִיג אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל שְׁפִּירְן עֶפֶּעס וֶוען מֶען כַאפְּט דֶעם בִּיס, וַוייל מֶען אִיז אַרייַנְגֶעטוּן אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן. אָבֶּער אִין קֶבֶר אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם טִרְדוֹת אוּן מַחֲשָׁבוֹת וָואס זָאל אַוֶועקְנֶעמֶען דֶעם קָאפּ פוּן הֶערְן וִוי דִי וֶוערֶעם קְרִיכְן אוּן בַּייסְן, דָארְט הֶערְט מֶען יֶעדֶע רִיר אוּן יֶעדֶע שְׁטָאךְ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר אִין קֶבֶר וֶוען מֶען הֶערְט יֶעדֶע בַּייס פוּן דִי וֶוערֶעם אוּן דִי צַעַר פוּן הֶערְן וִוי זֵיי קְרִיכְן.

אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶועְרִיקֵייטְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵל?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען פַארְמַאכְט דִי מוֹיל מִיט דִי אוֹיגְן, דָאס אִיז בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְמַאכְט דִי מוֹיל - עֶר פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, עֶר פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן - עֶר וִויל גָארְנִישְׁט זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט - דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה אַז אַלֶעס וֶוערְט גוּט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים מִיט זַיין יְשׁוּעָה.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אָסוּר לְאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵשׁ בִּתְפִלָּתוֹ - שֶׁהַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ

דַוְקָא אֶת בַּקָשָׁתוֹ וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנְ'עֶן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵל וּלְהִתְחַנֵן לִפְנֵי הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו", נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט, אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן - אִיז נִישְׁט. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", קְבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵילָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "'וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ' - הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִלָּתוֹ", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶעבֶּעטְן, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנְ'עֶן אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִלַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל".

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן מְיֹאָשׁ וֶוען מֶען זֶעט וִוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט אוּן מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט וָואס מֶען בֶּעט; מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוֹיסְצוּוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין צוּ אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן שִׁיקְן דִי יְשׁוּעָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע צָרוֹת וְיִסוּרִים אוּן דוּ זָאלְסְט שׁוֹין הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

# תרמא

## אִיךְ בִּין אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט וֶועמֶען זִיךְ צוּ חַבֶרְ'ן

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, פוּן וָואס אִיךְ שֶׁעפּ אַזוֹיפִיל חַיוּת טָאג אַיין טָאג אוֹיס, וּבִפְרַט דִי חִיזוּק צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ אִין יֶעדְן מַצָב.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אִיךְ לֶערְן אִין אַ יְשִׁיבָה, אָבֶער אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן דָארְט פַאר אַסַאךְ סִיבּוֹת. מִיר זֶענֶען אַ גְרוּפֶּע פוּן עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים, אוּן רוֹב בָּחוּרִים מִיט וֶועם אִיךְ לֶערְן - אִיז נִישְׁט אַזוֹי גוּט זִיךְ צוּ חַבֶרְ'ן מִיט זֵיי, אוּן דִי בִּיסְל וָואס זֶענֶען יָא גוּט - זֶענֶען נִישְׁט אַזֶעלְכֶע נָארְמַאלֶע בָּחוּרִים, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

פוּן אֵיין זַייט ווִיל אִיךְ לֶערְנֶען אִין אַ נָארְמַאלֶע יְשִׁיבָה מִיט נָארְמַאלֶע בָּחוּרִים, אוּן דִי יֶעצְטִיגֶע יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אָבֶער אוֹיבּ אִיךְ וֶועל גֵיין אַרְבֶּעטְן וֵוייס אִיךְ אַז דָאס וֶועט נִישְׁט טוֹיגְן פַאר מִיר, אִיךְ וֶועל זִיכֶער פַאלְן פוּן דֶעם.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אַז דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ ווערְן אַ חָתָן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן אַן עֶרְלִיכֶער לֶעבְּן; טוּ דִי סְגוּלוֹת וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען טוּט דָאס וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיז סוֹף - דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנֻכָּה. וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט דָאס זָאגְן זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן גֶעזָאגְט קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג. עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיינְס, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ בָּחוּר, אַ פְּלַג גּוּף, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶס אִיז מִיר זַייעֶר

שֶׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיינְס, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ' וְכוּ'".

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ בָּחוּר וָואס הַאלְט זִיךְ עֶרְלִיךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס זָאגְט עֵדוּת אוֹיף אִים אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁטָא אִין דֶער וֶועלְט. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיג.): "שְׁלֹשָׁה מַכְרִיז עֲלֵיהֶן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּכָל יוֹם וְכוּ'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַכְרִיז אִין הִימְל אוֹיף בָּחוּרִים וָואס הַאלְטְן זִיךְ עֶרְלִיךְ; וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים אַ שִׁידוּךְ; פוּן דֶעם וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ אִין הִימְל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אוּן מֶען בְּרֶענְגְט אִים זַיין שִׁידוּךְ.

בְּנוֹגֵעַ דַיין שְׁאֵלָה מִיט חֲבֵרִים וְכוּ'; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אַנְטְלוֹיף פוּן דִי חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אוּן גֵייעֶן אִין שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעצֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטְרָאף אַז מֶען טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ. אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א (כְּתוּבּוֹת ח: דִיבּוּר הַמַתְחִיל "עַל כֵּן עַל בַּחוּרָיו"): "שֶׁהָעוֹנֶשׁ מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, לְפִי שֶׁהַבַּחוּרִים מְנַבְּלִים פִּיהֶם וכו', יָבֹא לָהֶם הָעֹנֶשׁ בְּבַחוּרִים הַמַּגִּיעִים לְפֶּרֶק הַחֻפָּה שֶׁלֹּא יִשְׂמְחוּ בָּהֶם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטְרָאפְט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה; אוֹיבּ בָּחוּרִים רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה רַחְמָנָא לִצְלָן וֶועלְן זֵיי נִישְׁט זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן בַּיי זֵייעֶר חוּפָּה, עַיֵּין שָׁם.

עֶנְדֶערְשׁ חַבֶר זִיךְ מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס הֵייסְן נִישְׁט נָארְמַאל
וִוי אֵיידֶער הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דִי קְלוּגֶע בָּחוּרִים
וָואס רֶעדְן פוּן עֲבֵירוֹת; גֶעדֶענְק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא
עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי חֲכָמִים (עדיות ה, ו): "מוּטָב לִי לְהִקָּרֵא שׁוֹטֶה כָּל יָמַי, וְלֹא לֵעָשׂוֹת שָׁעָה אַחַת רָשָׁע לִפְנֵי הַמָּקוֹם", אִיךְ וֶועל עֶנְדֶערְשׁ זַיין אַ שׁוֹטֶה מַיין גַאנְץ לֶעבְּן וִוי צוּ זַיין פַאר אֵיין מִינוּט אַ רָשָׁע פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים קֶענֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים אוּן דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין זִיווּג הָגוּן בְּקָרוֹב.

## תרמב

### מֶעג מֶען גֵיין צוּם דָאקְטֶער אוּן נֶעמֶען מֶעדֶעצִין?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, דָאס אִיז מַמָשׁ מְחַיֶּ' נְפָשׁוֹת. וֶוען מֶען צִינְדְט אָן הוֹיךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים, שְׁפִּירְט מֶען מַמָשׁ אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז אַלֶעמָאל אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ.

בַּיי אוּנְז פְלֶעגְט מֶען זִיךְ פִירְן, אַז עֶמִיצֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט הָאט מֶען גֶענוּמֶען אַבִּיסְל מָאטְרִין אָדֶער טֵיילֶענָאל, קוֹדֶם אַוֶועקְצוּנֶעמֶען דִי שְׁמֶערְצְן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶענוּמֶען אַבִּיסְל וִויטָאמִין, צוּם בֵּיישְׁפִּיל וִוייטָאמִין סִי אָדֶער דִי, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ גֶעבֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל אַוֶועקְגֵיין דִי גַאנְצֶע פַּארְקִילַאכְץ וְכַדוֹמֶה.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעזֶען אַ שִׂיחָה אִין סֵפֶר אֲבָנֶיהָ בַּרְזֶל אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים, אַז דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען דִי שְׁלוּחִים פוּנֶעם מַלְאָךְ הַמָּוֶת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַז דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ. אוֹיךְ שְׁטֵייט דָארְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "וֶוען מֶען אִיז גֶעזוּנְט דַארְף מֶען טוּן אוּן טוּן אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט לֵייגְט מֶען אַוֶועק דֶעם שֶׁער אוּן אַייזְן", וָואס פוּן דֶעם זֶעט אוֹיס אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי קְרֶענְק שְׁטֶערְט צוּ עֲבוֹדַת ה', זָאל מֶען אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט נֶעמֶען קַיין רְפוּאוֹת.

פוּן דֶעם זֶעעְ אִיךְ אַז מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמֶען קַיין וִוטָאמִין, אוּן זִיכֶער נִישְׁט קַיין טֵיילֶענָאל אוּן מָאטְרִין.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר קְלָאר שְׁטֶעלְן וָואס אוּן וִוי אַזוֹי מֶען מֶעג יָא נֶעמֶען רְפוּאוֹת, אוּן וֶוען מֶען טָאר נִישְׁט?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אֱמֶת** טַאקֶע אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן זִיךְ הִיטְן פוּן דָאקְטוֹרִים וְכוּ'; אָבֶּער פוּן רֶבִּינְ'ס

צַייטְן בִּיז הַיינְט הָאט זִיךְ גֶעטוּישְׁט דִי וֶועג אוּן מִיטְלֶען פוּן
רְפוּאוֹת וִוי פוּן הִימְל בִּיזְן עֶרְד, דִי רְפוּאוֹת הַיינְט זֶענֶען זֵייעֶר
פָארְגֶעשְׁרִיטְן אוּן הַיינְטִיגֶע דָאקְטוֹרִים זֶענֶען נִישְׁט דִי דָאקְטוֹרִים
פוּן אַמָאל. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז וֶוען מֶען
גֵייט שׁוֹין יָא צוּם דָאקְטֶער זָאל מֶען גֵיין צוּם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער,
דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן גֵיין צוּם דָאקְטֶער
אוּן פוּן נֶעמֶען רְפוּאוֹת.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר
מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער, אוּן גֶעבְּן צְדָקָה. דֶער
הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ג) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ
גֵייט צוּם דָאקְטֶער זִיךְ הֵיילְן וְכוּ' - זָאל עֶר גֶעבְּן צְדָקָה אוּן
מֶען זָאל מַאכְן אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ פַאר מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער
זִיךְ הֵיילְן. ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה נה.):
"בְּשָׁעָה שֶׁמְּשַׁגְּרִין יִסּוּרִין עַל הָאָדָם, מַשְׁבִּיעִין אוֹתָן שֶׁלֹּא
תֵּלְכוּ אֶלָּא בְּיוֹם פְּלוֹנִי, וְלֹא תֵּצְאוּ אֶלָּא בְּיוֹם פְּלוֹנִי, וּבְשָׁעָה
פְּלוֹנִית, וְעַל יְדֵי פְּלוֹנִי, וְעַל יְדֵי סַם פְּלוֹנִי", וֶוען מֶען שִׁיקְט
יְסוּרִים אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ בַּאשְׁוֶוערְט מֶען דִי יְסוּרִים וֶוען זֵיי
זָאלְן קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אוּן וֶוען זֵיי זָאלְן אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם
מֶענְטְשׁ, דוּרְךְ וֶועלְכֶע דָאקְטֶער אוּן דוּרְךְ וֶועלְכֶע מֶעדֶעצִין
וְכוּ' עֶס זָאל אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, נוּ אוֹיבּ אַזוֹי - פְרֶעגְט דֶער
רֶבִּי - וִוי אַזוֹי קֶען מֶען גֵיין צוּם דָאקְטֶער וֶוען מֶען ווייסְט
נִישְׁט צִי עֶר אִיז בִּכְלַל דֶער דָאקְטֶער וָואס מֶען הָאט
בַּאשְׁווָאוִירְן אִים אוּיס צוּ הֵיילְן, אוּן וִוי אַזוֹי קֶען דֶער דָאקְטֶער
פַארְשְׁרַייבְּן אַ מֶעדֶעצִין וֶוען עֶר ווייסְט נִישְׁט צִי דָאס אִיז

דֶער רִיכְטִיגֶער סַם וָואס מֶען דַארְף גֶעבְּן פַארְן חוֹלֶה וְכוּ׳? זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ פִּדְיוֹן אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער מַלְאָךְ רְפָאֵל זָאל שְׁטֵיין נֶעבְּן דֶעם דָאקְטֶער, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער דָאקְטֶער אִים קֶענֶען אוֹיסְהֵיילְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ קַיין דָאקְטוֹרִים אוּן צוּ קַיין רְפוּאוֹת, אָבֶּער אַז דוּ הָאסְט קָאפּ וֵויטָאג זָאלְסְטוּ אַוַדאי נֶעמֶען טֵיילֶענָאל וְכַדוֹמֶה.

## תרמג

### מֶעג מֶען לֶערְנֶען אַלֵיין, אָדֶער נָאר מִיט אַ חַבְרוּתָא?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ ה׳ אִין כּוֹלֵל אוּן אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ ה׳ יֶעדְן טָאג מַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. פַארְגַאנְגֶענֶעם זְמַן הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַ חַבְרוּתָא, לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶס אָבֶּער אוֹיסְגֶעזֶען מַמָּשׁ ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א לֵייגְט עֶס אַרָאפּ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, וֶוען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יָא גֶעוָואלְט לֶערְנֶען, הָאט מַיין חַבְרוּתָא נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעדוּלְד, וְחוֹזֵר חָלִילָה.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטְרַאכְט אַסַאךְ מָאל אָנְצוּהוֹיבְּן אַלֵיין לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אִיךְ וֵויים אָבֶּער נִישְׁט צִי אוֹיף דֶעם גֵייט אַרוֹיף דֶער פָּסוּק ״חֶרֶב אֶל הַבַּדִּים וְנוֹאָלוּ״, אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען אַלֵיין. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט לֶערְן אִיךְ דָאךְ מַיינֶע שִׁיעוּרִים אוֹיפְן דֶרֶךְ הַלִּימוּד אוֹיךְ אַלֵיין.

אֶפְשַׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן וֶוען מֶען מֶעג יָא לֶערְנֶען אַלֵיין, אוּן וֶוען מֶען דַארְף לֶערְנֶען מִיט אַ חַבְרוּתָא?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז.) אוֹיפְן פָּסוּק (יִרְמְיָה נ, לו): "חֶרֶב", עֶס זָאל קוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד, "אֶל הַבַּדִּים", אוֹיף דִי וָואס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אָן קַיין חַבְרוּתָא; "וְנֹאָלוּ", מֶען וֶוערְט פַּארְנַארְט אוּן מֶען קוּמְט צוּ זִינְד וֶוען מֶען לֶערְנְט אַלֵיינְס; זָאגְט מֶען נָאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חַזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (רְאֵה שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת תְּשׁוּבוֹת וְהַנְהָגוֹת חֵלֶק א, סִימָן תקמב; וְעוֹד) אַז דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אִין דִי צַייטְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין סְפָרִים אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט בַּעַל פֶּה, דֶעמָאלְט אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אַלֵיינְס קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט טָעוּתִים, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען לֶערְנֶען מִיט אַ חַבֵר נִישְׁט צוּצוּקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט גְרַייזְן, אָבֶּער הַיינְט וֶוען מֶען לֶערְנְט אִין סְפָרִים דַארְף מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען דַוְקָא מִיט אַ חַבֵר; בִּפְרַט אַז מֶען זִיצְט אוּן מֶען פְלוּישְׁט מִיט אַ חַבֵר, דֶעמָאלְט אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען

אַלֵיינְס. ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יב:): "כָּל הַפּוֹסֵק מִדִּבְרֵי תּוֹרָה וְעוֹסֵק בְּדִבְרֵי שִׂיחָה, מַאֲכִילִין אוֹתוֹ גַּחֲלֵי רְתָמִים", וֶוער עֶס אִיז מַפְסִיק אִינְמִיטְן לֶערְנֶען בַּאקוּמְט אַן עוֹנֶש אַז מֶען גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן גַּחֲלֵי רְתָמִים.

**דֶערִיבֶּער** אַז דִיר אִיז גְרִינְגֶער צוּ לֶערְנֶען אַלֵיינְס זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, נָאר זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). נֶעם אַ חוּמָּשׁ אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָּשׁ רַשִׁ"י, נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין נַ"ךְ, מִשְׁנַיוֹת, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי אוּן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. רוֹב גְדוֹלִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעוַואקְסְן גְדוֹלִים וְצַדִּיקִים דוּרְךְ לֶערְנֶען אַלֵיינְס, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תרמד

### מֶעג מֶען טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל בַּיי פַארְבְּרֶענְגֶענְס?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר עֶס צוּ גֶעבְּן אוֹיךְ וַוייטֶער.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְגֵיין דִי בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פוּן אָנְהוֹיבּ, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שַׁארְף[יב] אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט טְרִינְקֶען קַיין אַלְקָאהָאל.

בַּיי אוּנְזֶער חֲסִידוּת אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז מֶען קוּמְט זִיךְ צַאם פַארְבְּרֶענְגֶען אוּם יוֹם טוֹב אוּן אִין אַנְדֶערֶע סְפֶּעצִיֶעלֶע צַייטְן, מֶען טְרִינְקְט בְּרוֹינְפְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק אִינְאֵיינֶעם. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ טְרִינְקֶען, אָבֶּער אִיךְ טְרִינְק קֵיינְמָאל נִישְׁט, נָאר בַּיי דִי פַארְבְּרֶענְגְנְס, אוּן דֶעמָאלְט גֵיי אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִי גְלֵייזְן, פַארְקֶערְט אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מֶער דֶערְהוֹיבְּן אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט צוּ רֶעדְן מֶער דִבּוּרֵי אֱמוּנָה וְכַדוֹמֶה. ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרַיין אִין דֶעם כְּלַל אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט טְרִינְקֶען מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר, אָדֶער אִיז דָאס גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְלִירְן זִיךְ פוּן אַבִּיסְל אַלְקָאהָאל אוּן טוּעֶן נָאכְדֶעם נַארִישְׁקֵייטְן.

אִיךְ מוּז זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע חִזוּק אוּן פַאר אוּנְזֶער נַייעֶ חַבּוּרָה דָא אִין יְרוּשָׁלַיִם, וָואס מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק אִינְאֵיינֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י׳ סִיוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כו), **וַוייל טְרִינְקֶען בְּרֶענְגְט צוּ אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.**

יב. דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

**אִין** סֵפֶר הַמִּדּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי אַ גַאנְצֶע עֶרֶךְ פוּן דִי הַארְבְּקֵייט אוּן עֶקְלְדִיגְקֵייט פוּן אַ שִׁיכּוֹר; ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׁכְרוּת, סִימָן ד): "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב מִי שֶׁאֵינוֹ מִשְׁתַּכֵּר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוער עֶס טְרִינְקְט נִישְׁט; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן ג): "אִי אֶפְשַׁר לְשִׁכְרוּת שֶׁלֹּא יָבִיא לְאֵיזֶה תַּקָּלָה", עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען שְׁלֶעכְטְס וֶוען מֶען שִׁיכּוֹר'ט זִיךְ אָן; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶער נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען אַ גַאנְץ יָאר קֵיין מַשְׁקֶה הַמְּשַׁכֵּר.

**דָאס** וָואס דוּ זָאגְסְט אַז נָאכְן טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל שְׁפִּירְסְטוּ זִיךְ מֶער נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ב) אַז דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה הָאבְּן גֶעוָואלְט אָנְטְרָאגְן זֵייעֶר מַלְכָּה - דִי וַוייבּ פוּנֶעם בֶּן מֶלֶךְ - פַאר דֶעם דָאקְטֶער וְכוּ', אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט דָאס צוּ רֶעדְן פַארְן מַלְכָּה וְכוּ', הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט אַז מֶען וֶועט מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּן מֶען וֶועט זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען, אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען רֶעדְן פוּנֶעם שִׁידוּךְ. בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעטְרִינְקֶען הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן דֶעם שִׁידוּךְ פַארְן דָאקְטֶער, הָאט זִיךְ דֶער דָאקְטֶער אָנְגֶערוּפְן: "עֶס וָואלְט אַוַדַאי זֵייעֶר שֵׁיין גֶעוֶוען, נָאר מֶען זָאל דָאס רֶעדְן נִישְׁט מִיט אַן אָנְגֶעטְרִינְקֶענֶעם מוֹיל", עַיֵּין שָׁם; אִין דִי מַעֲשֶׂה שְׁטֵייט מַמָּשׁ וָואס דוּ זָאגְסְט, מֶענְטְשְׁן שֶׁעמֶען זִיךְ צוּ רֶעדְן אָפְּן פוּן אֱמוּנָה, נָאר וֶוען מֶען טְרִינְקְט זִיךְ אָן דֶעמָאלְט רֶעדְן מֶענְטְשְׁן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, מַמָּשׁ מֶען מֶען

זָעט שִׁיכּוֹרִים שְׁרֵייעֶן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ!" אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "עֶס וָואלְט אַוַדַאי זַייעֶר שֵׁיין גֶעוֶוען, נָאר מֶען זָאל דָאס רֶעדְן נִישְׁט מִיט אַן אָנְגֶעטְרִינְקֶענֶעם מוֹיל; עֶס אִיז הֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים אָבֶּער אִיךְ וִויל דָאס הֶערְן מִיט אַ טְרִיקֶענֶעם מוֹיל נִישְׁט אָנְגֶעטְרִינְקֶענֶערְהֵייט".

**עֶנְדֶערְשׁ** טְרִינְק זִיךְ אָן מִיט אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, דִי יַיִן הַמְשׁוּמָּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דָאס מַאכְט פְּרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. אֵיינְמָאל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז טוֹעֵם פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער קֶען מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס): "וֶוער עֶס הָאט גֶעטְרִינְקֶען אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט פַארְנַארְן".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

### טְרִינְקֶען בְּרוֹינְפְן אִין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר שׁוּל[יג]

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶפְנְט בַּיי מִיר אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אוּן עֶס זֶענֶען דָא אַפָּאר נַייעֶ אִינְגֶעלַייט וָואס קוּמֶען דָא דַאוֶוענֶען, אוּן זֵיי ווילְן זֵייעֶר שְׁטַארְק בְּרֶענְגֶען בְּרוֹינְפְּן פַאר דִי קִידוּשׁ שַׁבָּת צוּפְרִי

יג. עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק א, מִכְתָּב י.

נָאכְן דַאוֶועֶנְען; ווייל אִיךְ ווייסְן אויבּ עֶס אִיז כְּדַאי אַבִּיסְל נָאכְצוּלָאזְן און זֵיי לָאזְן בְּרֶענְגֶען, אָדֶער זָאל אִיךְ אַרָאפְּשְׁטֶעלְן אַ שְׁטַארְקֶע תַּקָּנָה אַז מֶען קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין בְּרוֹינְפְּן אִין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר שׁוּל?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּלוּמִינְגְרָאוו נ.י.**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מוֹהֲרַאַ"שׁ** הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען תשל"ו אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר שׁוּל אִין מֵאָה שְׁעָרִים. עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט אֵיינֶער גֶעבְּרֶענְגְט לֶעקִיךְ און בְּרוֹינְפְּן צוּ גֶעבְּן תִּיקּוּן נָאכְן דַאוֶונֶען, און הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד און אִים פַּארְגֶעהַאלְטְן דֶערוּף, פַאר צְוֵויי סִיבּוֹת; אֵיינְס אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט טְרִינְקֶען בְּרוֹינְפְּן אַ גַאנְץ יָאר, און צְוֵוייטְנְס אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל פַאסְטְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז חֲצוֹת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקפא, סְעִיף ב): "נוֹהֲגִין לְהִתְעַנּוֹת בְּעֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאל נִישְׁט זַיין קַיין בְּרוֹינְפְּן. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים, מֶען

דַארְף זֵיי דָאס גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין שֵׁיינֶערְהֵייט אוּן זֵיי וַוייזְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כו): "עַל יְדֵי שִׁכְּרוּת שׁוֹכְחִין כָּל הַמִּצְווֹת", אַז מֶען טְרִינְקְט אוּן מֶען שִׁיכּוֹר'ט זִיךְ אָן פַארְגֶעסְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שֵׁיין רֶעדְן צוּ זֵיי, בִּיז זֵיי וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין.

לֵיידֶער זֶעט מֶען לֶעצְטְנְס זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט טְרִינְקֶען זִיךְ אָן שַׁבָּת; זֵיי גֵייעֶן פוּן אֵיין שׁוּל צוּם צְוֵוייטְן זוּכְן וואוּ עֶס אִיז דָא פוּנֶעם בִּיטֶערְן טְרָאפְּן, מֶען גֵייט צוּ חֲבֵרִים וואוּ מֶען טְרִינְקְט זִיךְ אָן, נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ נִיבּוּל פֶּה אוּן צוּ בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן; אַנְשְׁטָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאל אַהֵיימְגֵיין צוּ זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי - דִי אֵיין מָאל אַ וָואךְ וָואס עֶר הָאט אַבִּיסְל צַייט צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, אַנְשְׁטָאט דֶעם, גֵייט דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּת אַוֶועק מִיט טְרִינְקֶען.

דֶער עִקָּר זָאלְסְטוּ זֶען אַז אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל זַיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ, מֶען זָאל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאוֶוענֶען. זָאלְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם מְקַבֵּל זַיין בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תרמה

## הָאבּ אִיךְ אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה?[יד]

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מֵיין אַז אִיךְ הָאבּ אֱמוּנָה, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ אַז אִיךְ פַאל נָאךְ אַרָאפּ, ווִי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז אִיךְ שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? מֵיינְט דָאס אַז בֶּאֱמֶת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ ווֶערְט גֶעבּוֹירְן מִיט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, נָאר ווֶען מֶען זִינְדִיגְט ווֶערְט צוּבִּיסְלֶעךְ פַארְלָאשְׁן דִי אֱמוּנָה. דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, נָאר עֶס ווֶערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט; דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַמָּשׁ בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים.**

**בִּפְרַט ווֶען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן נִאוּף וְכוּ' אָדֶער אִין אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת ווָאס פַארְשְׁטָאפְּן דָאס**

---

יד. זֶע ווַייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תרסב.

הַארץ וְכוּ' - דֶעמָאלְט ווערט עֶר פוּל מִיט קַשְיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת וְכוּ', אוּן עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּנֶעמֶען דִי פָּשׁוּט'עֶ אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לְאָדָם", ווען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט גֵייט אַרַיין אִין אִים כְּפִירוּת; אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה נט, ב): "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם, וְחַטֹּאותֵיכֶם הִסְתִּירוּ פָנִים מִכֶּם מִשְּׁמוֹעַ", פוּן דֶעם קוּמְט אַלֶע קַשְיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחְמָנָא לִצְלָן.

דִי עֵצָה אוֹיפְצוּבוֹיעֶן דִי אֱמוּנָה אִיז דוּרְךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה; אֱמוּנָה בַּאקוּמְט מֶען ווען מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם. דֶערְפַאר, וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער בּוֹיט זִיךְ אוֹיף דִי אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה - אַלְץ מֶער אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב) "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט: 'מִיט מַיין מוֹיל פַארְצֵייל אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', "הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה, וְגַם עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה", אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה - דָאס אַלֵיינְס אִיז אֱמוּנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה.

**דֶערְפַאר** אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִוי מֶען קֶען נָאר זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען פְרֶעגְט אֵיינֶעם: "ווֶעסְט קוּמֶען הַיינְט נַאכְט?" זָאל מֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן: "יָא", נָאר: "מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף"; מֶען פְרֶעגְט אֵיינֶעם: "ווָאס

מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ?" עֶנְטְפֶערְט מֶען: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער", אַזוֹי בּוֹיט זִיךְ אוֹיף דִי אֱמוּנָה.

**אֵיינְמָאל** מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אִיז דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אַנְדֶערְשׁ; מֶען לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, מֶען לֶעבְּט מַמָּשׁ אַ לֶעבְּן אִין גַּן עֵדֶן. דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים". בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִקָּר אֱמוּנָה, אָן חֲקִירוֹת אוּן אָן חָכְמוֹת; נָאר פָּשׁוּט, אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ פִּירְט זִיךְ נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל - אִיז אִים אַלֶעס פֵיין אוּן אַלֶעס גוּט.

**זֶע** צוּ זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, זִינְג דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם"; אַלְס בָּחוּר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פַארְפַאסְט אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער. עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ

זַיין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, פוּן דִי חַיוֹת וְכוּ׳, הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם". מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין אָנְהוֹיבּ, וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶע'חַזֶר'ט דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם; פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תרמו

### מֶעג מֶען מְחַזֵק זַיין דִי אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ'דִיגֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיר טוּט, מְחַזֵק זַיין אַזוֹיפִיל טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיבֶּער דִי וֶועלְט, אוּן מִיךְ צְוִוישְׁן זֵיי.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט ווִיסְן אוֹיבּ מֶען מֶעג זָאגְן חִזּוּק פַאר אַ מַאמֶע. מַיין מַאמֶע רֶעדְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל אָפּ צוּ מִיר, אוּן אִיךְ בְּלַייבּ שְׁטִיל וַוייל אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶס אִיז דֶּרֶךְ אֶרֶץ צוּ זָאגְן חִזּוּק אוּן אֱמוּנָה פַאר אַ מַאמֶע, עֶס קֶען אוֹיסְזֶען ווִי אִיךְ בִּין אִיר גָאר מְחַנֵּךְ.

וֶוען אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט צוּ מִיר וָואלְט אִיךְ אִים פְּרוּבִּירְט מְחַזֵּק צוּ זַיין, אָבֶּער צוּ מַיין מַאמֶע וֵוייס אִיךְ נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ מֶעג דָאס טוּן, דָאס מֶערְסְטֶע וָואס אִיךְ זָאג אִיר אִיז נָאר: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן".

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי ווִי מַיין זוּן וֶוערְט בָּרוּךְ ה' דְרֵיי יָאר אִין דִי דְרֵיי וָואכְן, ווִיל אִיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן לְגַבֵּי דִי אָפְּשֶׁערְן, קַאפְּל, צִיצִית אוּן טְרָאגְן אִין חֵדֶר.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי רֵיינֶע אוּן גְרִינְגֶע אֱמוּנָה אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָואס** אִיז בִּכְלַל דִי פְּרַאגֶע צִי דוּ זָאלְסְט מְחַזֵּק זַיין דַיין מַאמֶע תִּחְיֶ'; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פָּרָשָׁה כו): "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן, "וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ

מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט נָאר אֵיין זַאךְ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע און מַאמֶע; אַז דַיין מַאמֶע רֶעדְט זִיךְ אוֹיס און זִי קְרֶעכְצְט צוּ דִיר, זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן און אִיר מְחַזֵּק זַיין. דֶערְצֵייל אִיר שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִילָה, ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט ווֶען מֶען בֶּעט אִים, און דֶערְצֵייל אִיר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים ווָאס זִי אִיז גֶעוואוֹינְט צוּ הֶערְן זֵייעֶרֶע נֶעמֶען, עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין דַּוְקָא פוּן רֶבִּי'ן, און צוּבִּיסְלֶעךְ ווֶעט דָאס אַרַיינְגֵיין אִין אִיר, און זִי ווֶעט אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

בְּנוֹגֵעַ אָפְּשֶׁערְן אַ קִינְד און מַאכְן פֵּאוֹת אִין דִי דְרֵיי ווָאכְן; עַל פִּי הֲלָכָה קֶען מֶען אָפְּשֶׁערְן אַ קִינְד ווֶען עֶר ווֶערְט דְרֵיי יָאר אַלְט אֲפִילוּ אִין דִי דְרֵיי ווָאכְן, און אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ.

מֶען פִירְט זִיךְ אַז אִינֶעם טָאג ווָאס מֶען שֶׁערְט אָפּ דֶעם קִינְד און מֶען מַאכְט אִים דִי הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת - זָאל עֶר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; דֶערְפַאר ווִיקְלְט מֶען אִים אַיין אִין אַ טַלִּית ווֶען מֶען טְרָאגְט אִים אִין חֵדֶר לֶעקְן דִי הָאנִיג, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט זֶען קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אַזוֹי אוֹיךְ הַאלְט מֶען אִים אִין שְׁטוּבּ אַ גַאנְצְן טָאג אַז עֶר זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דֶער עִקָּר זָאלְסְטוּ זֶען נִישְׁט צוּ פַארְגֶעסְן פוּנֶעם עִקָּר; דַאנְק און לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ קִינְד, דוּ

גֵייסְט אִים אָפְּשֶׁערְן ווִי אַ אִיד אוּן אִים מַאכְן פֵּאוֹת וָואס דָאס אִיז דֶער עִקָר אִידִישְׁקֵייט. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִילּוּחַ הֲלָכָה ג׳, אוֹת ב׳): "עִקַר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אִיז אַן עִקָר פוּן אַ אִיד אוּן אַן עִקָר אִין אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בֵּרֵךְ ה׳, מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד; זָאלְסְטוּ נִשְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִסִים בִּיז אַהֶער אוּן זָאלְסְט בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער - פַּאר אִים אוּן פַאר אַלֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**גוּטֶע** קִינְדֶער וַואקְסְן נִשְׁט אוֹיפְן בּוֹים; כְּדֵי זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "ווִי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גוּטֶע קִינְדֶער? דוּרְכְדֶעם וָואס יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט מַיינֶע טְרֶערְן אוּן גֶעבֶּעטְן פַּאר גוּטֶע קִינְדֶער".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דֶעם קִינְד אוּן פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

# תרמז

## שְׁאֵלוֹת אִיבֶּער הִתְחַזְּקוּת, קִינְדֶער, אוּן טֶערֶעפִּי

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאךְ פֶּסַח, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן דֶעם גָאר גְרוֹיס חִיזוּק.

1) אִיךְ וִויל ווִיסְן וָואס אִיךְ זָאל טוּן נִישְׁט צוּ פַאלְן, יֶעדֶעס מָאל נֶעם אִיךְ זִיךְ פָאר פוּן פְרִישׁ צוּ זַיין נָאר וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן אִיךְ פַאל נָאכְדֶעם נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר דֶעם?

2) אוֹיךְ וִויל אִיךְ ווִיסְן וֶועגְן הָאבְּן קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ ה' צְוֵויי קִינְדֶער, אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא צוּ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער. בַּיים פְרִיעֶרְדִיגְן קִינְד הָאט מַיין וַוייבּ גֶעהַאט גְרוֹיסֶע פְּחָדִים פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ רָב הָאט אִיר גֶעשִׁיקְט צוּ טֶערֶעפִּי אוּן זִי אִיז בָּרוּךְ ה' בֶּעסֶער גֶעוָוארְן, זִי אִיז שׁוֹין יֶעצְט גְרֵייט פַאר נָאךְ, אָבֶּער יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן דֶערְשְׁרָאקְן. אִיךְ וֵויים נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ קֶען זַיין אַ גוּטֶער עֶרְלִיכֶער טַאטֶע פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן בִּכְלָל אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג אוֹיפְצוּצִיעֶן קִינְדֶער אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג אִינֶעם הַיינְטִיגְן שְׁוֶוערְן דוֹר.

3) אַ חָבֵר מַיינֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ מוּז גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי פְּחָדִים פוּן מַיין קָאפּ, אִיךְ וֵויים אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ זָאל גֵיין, נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף עַל רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן וְעַל אַחֲרוֹן אַחֲרוֹן.

1) **בְּנוֹגֵעַ** וָואס דוּ בֶּעטְסְט אַן עֵצָה נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֵצָה נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן, עֶס אִיז דָא אַן עֵצָה פוּן נָאכְאַמָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן. אֲפִילוּ דוּ פַאלְסְט אִין בְּלָאטֶע זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן דָארְט; דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וֶוען מֶען גֵייט אִין אַ בְּלָאטֶע גֵייט מֶען אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס, דֶער עִקָר נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט בֵּיידֶע פִּיס"; אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס, אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס - בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

**מִיר** גֶעפוּנֶען אִין הִלְכוֹת טְרֵיפוֹת (חוּלִין נא עָמוּד ב'; שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן נח) וֶוען אַ בְּהֵמָה פַאלְט אַרָאפּ, דַארְף מֶען חוֹשֵׁשׁ זַיין אַז דָאס אִיז אַ טְרֵיפָה אוּן אוֹיבּ מֶען שֶׁעכְט דָאס גְלַייךְ נָאכְן אַרָאפְּפַאלְן - טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן דִי פְלֵיישׁ, אָבֶּער אוֹיבּ דִי בְּהֵמָה הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אוּן עֶס גֵייט - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין טְרֵיפָה; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַ נְפִילָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער, "נָפְלָה" - אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, "וְעָמְדָה" - אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף, מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ -

אִיז מֶען נִישְׁט קַיין טְרֵיפָה. אַזוֹי אוֹיךְ "נָפְלָה וְהָלְכָה", אוֹיבּ מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, מֶען טוּט חֶסֶד מִיט אַ צְווֵייטְן אוּן מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - אִיז אוֹיךְ אַ סִימָן אַז מֶען אִיז נִישְׁט קַיין טְרֵיפָה. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דַיינֶע גוּטֶע רְצוֹנוֹת אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים.

2) **אַז** דַיין וַוייבּ אִיז גְרֵייט אוּן הָאט כֹּחַ צוּ מְגַדֵל זַיין נָאךְ קִינְדֶער - דַארְפְסְטוּ נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן זִי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ אִירֶע כּוֹחוֹת. זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אִיבֶּער אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער, קִינְדֶער אִיז אַ בְּרָכָה אוּן קִינְדֶער בְּרֶענְגְט אַלֶעס גוּטְס. וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט קִינְדֶער קוּמְט מִיט כֹּחַ, מֹחַ, שֵׂכֶל אוּן פַּרְנָסָה, מִמֵּילָא אִיז אַ שָׁאד אָפְּצוּהַאלְטְן דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס וַוארְט אַרָאפְּצוּקוּמֶען.

3) **בְּנוֹגֵעַ** טֶערֶעפִּי וְכוּ'; אַ שָׁאד צוּ גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי וֶוען דֶער טֶערֶעפִּיסְט קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן - אִיז וִוי קֶען עֶר דִיךְ הֶעלְפְן... דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְזֶער דָאקְטֶער אוּן אוּנְזֶער טֶערֶעפִּיסְט. נֶעם דִי רְפוּאוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיוֹת "נְשָׁמָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת - אִיז עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְשַׁנֶה, מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מִשְׁנָיוֹת אַ סְגוּלָה אַז עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע. דִי רָאשֵׁי תֵיבוֹת פוּנֶעם וָוארְט מִשְׁנָה אִיז

(תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי"; אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ עֶר אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן אַלֶע פְּחָדִים אַוֶועקְגֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן לד): "מִי שֶׁאֵינוֹ מִתְוַדֶּה עַל עֲוֹנוֹתָיו, מוֹרָא בָּא עָלָיו", וֶוער עֶס אִיז זִיךְ נִישְׁט מִתְוַדֶּה הָאט שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא; מֶען הָאט מוֹרָא פוּן יֶעדֶע זַאךְ אוּן מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג נֶערְוֶועז אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן. וַוייל אַלֶע נֶערְוֶועזֶעקַייטְן קוּמְט פוּן עֲבֵירוֹת; עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ נֶערְוֶועזֶעקַייט פוּן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט. מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן בֶּאֱמֶת אַ גוּט לֶעבְּן, עֶס פֶעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט אוּן דָאךְ זֶענֶען זֵיי נֶערְוֶועז בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אוּן זֵיי גִיפְטְן זִיךְ אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט. דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפד): "בְּהַחֹטֶם יְכוֹלִים לְהַכִּיר הַנּוֹאֵף", מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ נוֹאֵף דוּרְךְ זַיין נָאז; דָאס מֵיינְט מֶען דוּרְךְ כַּעַס, אֵיינֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג נֶערְוֶועז - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ נוֹאֵף.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֶען תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוֹיף דַיינֶע עֲבֵירוֹת - וֶועסְטוּ נִישְׁט זַיין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן; זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ וֶועלְן אַלֶע פְּחָדִים אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר.

אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן אַלֶעס פוּן דֶעם בְּרִיוו וֶועלְן אַלֶע פְּחָדִים אַוֶועק גֵיין אוּן דוּ וֶועסְט לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

# תרמח

## פַארְוָואס הָאט דִי כַּלָּה נִישְׁט גֶעשִׁיקְט
## דֶעם טַלִּית פַארְן חָתָן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֵיין אַסַאךְ דִי בְּרִיוְו אוּן אִיךְ גֶעם פוּן זֵיי אַסַאךְ חִיזוּק אִין עֲבוֹדַת ה'. אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן פְּרוּבִיר צוּ גֵיין, אוּן לֶעבְּן - מִיט זַיינֶע עֵצוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַארְן מְחוּתָּן וֶועגְן אוֹיסְגֶעבְּן אִיבְּרִיגֶע זַאכְן פַאר דִי חֲתוּנָה, אוּן מַתָּנוֹת וְכַדוֹמֶה[טו], אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז טַאקֶע גֶערֶעכְט מִיט דֶעם, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאר גֶעוְואוּנְדֶערְט אוֹיף אֵיין זַאךְ וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט, אַז דֶער מְחוּתָּן זָאל זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן וֶועגְן דִי טַלֵּיתִים, וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט דָאס שׁוֹין אַלֵיינְס קוֹיפְן פַארְן חָתָן.

מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז עַל פִּי קַבָּלָה אִיז דָא אַן עִנְיָן אַז דַוְקָא דִי כַּלָּה זָאל שִׁיקְן דֶעם טַלִּית פַארְן חָתָן, אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָאס בְּפֵירוּשׁ אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, תּוֹרָה מט: "וְזֶה הַטַּעַם לָמָּה שׁוֹלַחַת הַכַּלָּה לְהֶחָתָן טַלִּית" וְכוּ', וְויל אִיךְ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נִישְׁט גֶעטוּן אַזוֹי.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

---

טו. דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט, הַיְינְט הָאבּ אִיךְ הָאבּ אַלֵיינְס בַּאצָאלְט דֶעם טַלִּית פַּאר מַיין זוּן, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן מט): "וְזֶה הַטַּעַם לָמָּה הַכַּלָּה שׁוֹלַחַת לְהֶחָתָן הַטַּלִּית", מֶען פִּירְט זִיךְ דָאךְ אַז דִי כַּלָּה שִׁיקְט דֶעם טַלִּית פַּארְן חָתָן?

**אֱמֶת** טַאקֶע, דֶער מִנְהָג אִיז אַז דִי כַּלָּה שִׁיקְט דֶעם טַלִּית, אָבֶּער דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּנֶעם טַלִּית אַלֵיינְס; דָאס שִׁיקְט דִי כַּלָּה פַּארְן חָתָן, אָבֶּער דִי זִילְבֶּערְנֶע עֲטָרוֹת אוּן דִי וָואכְן בַּייטְל, שַׁבָּת בַּייטְל, גַארְטְל אוּן קִיטְל וְכוּ' וְכוּ' - דָאס אִיז שׁוֹין אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ. דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן פַּאר מַיין מְחוּתָּן נֵרוֹ יָאִיר אַז אִיךְ וֶועל בַּאצָאלְן דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע זַאכְן, וַוייל עֶס קוּמְט אוֹיס אַסַאךְ מָאל אוּמְבַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן וְכוּ' צְוִוישְׁן מְחוּתָּנִים וֶוען דֶער חָתָן קוֹיפְט אַיין מֶער ווִי דֶער מְחוּתָּן אִיז ווִילִיג צוּ בַּאצָאלְן.

**אַז** מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּנֶעם טַלִּית וֵוייסְטוּ דָאךְ אַוַדַאי דֶעם סִיפּוּר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַּאר אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וֶוען עֶר הָאט אִים אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין טַלִּית פַּאר אַ מַתָּנָה, (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קעב): "גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף מַיין טַלִּית, אוּן דוּ זָאלְסְט דָאס מְכַבֵּד זַיין, וַוייל אַזוֹיפִיל ווִיפִיל הָאר

דֶער טַלִּית הָאט, אַזוֹיפִיל טְרֶערְן הָאבּ אִיךְ פַארְגָאסְן צוּם אַייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל וִויסְן וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן טַלִּית"; אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מִיר וֶועלְן וֵויינֶען צוּם אַייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן - וֶועלְן מִיר אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "אוֹיף צְוֵויי כִּתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָא גֶעוִויסְט פוּן מִיר אָבֶּער הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אִיךְ וֵויים אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן פַארְוָואס עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן מִיךְ גֶעפָאלְגְט וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין דַּרְגָא אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט".

**דֶער** אַייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## זִיךְ נִישְׁט אָנְ'חוֹבוֹת'ן פַּאר נַארִישֶׁע כָּבוֹד
## אוּן נַארִישֶׁע עֶטֶענְשְׁן[טז]

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער מְחוּתָּן ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**אִיךְ** שְׁרַייבּ דִיר אוּנְטֶערְוֶועגְנְס קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ אִיךְ פָּאר מִיט אַפָּאר תַּלְמִידִים צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, אוֹיךְ מַיין זוּן דֶער חָתָן קוּמְט מִיט.

**בָּרוּךְ** ה' מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ דִי חֲתוּנָה; מִיר הֶערְן נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס עֶר הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן, אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַזַא חָשׁוּב'עֶ כַּלָּה פוּן אַזַא חָשׁוּב'עֶ שְׁטוּבּ.

**וואוּ** טְרֶעפְט מֶען הַיינְט אַ כַּלָּה מִיט מְחוּתָּנִים וָואס זֶענֶען צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין שׁוּם נַארִישְׁקַייטְן. מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ דִי חֲתוּנָה אִיז אִין יְשִׁיבָה אָן בְּלוּמֶען, אָן אַ שְׁפִּילֶער, זִינְגֶער, בַּדְחָן; אָן פִּיקְטְשֶׁעעְרְס אוּן אָן סַארְוֶועְרְס וְכוּ', וְכוּ'; חָתָן כַּלָּה זֶענֶען פְרֵיילִיךְ מִיט דִי שִׁידוּךְ אַלֵיינְס, דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ וָואס דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ.

**בְּנוֹגֵעַ** דִי טַלֵּיתִים; דִי שַׁבָּת טַלִּית, דִי וָואכְן טַלִּית אוּן דִי קִיטְל - דָאס וֶועל אִיךְ בַּאצָאלְן, דֶער מְחוּתָּן דַארְף

---

טז. קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת אֱמוֹר תשע"ט.

דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן. אויךְ דֶער שְׁטְרַיימְל וֶועל אִיךְ אִים קוֹיפְן, דֶער מְחוּתָּן דַארְף נִישְׁט דַאֲגָה'נֶען דֶערְפַאר.

**דֶער** גַאנְצֶער חֶשְׁבּוֹן וָואס קָאסְט מִיר פַארְן צַד הֶחָתָן וֶועט לִכְאוֹרָה אוֹיסְקוּמֶען וֵויינִיגֶער ווִי עֶס הָאט מִיר גֶעקָאסְט דִי תְּפִילִין, רַשִׁ"י וְרַבֵּנוּ תַּם - פַארְן חָתָן בַּיי זַיין בַּר מִצְוָה.

**וִוי** גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר הָאבְּן אַ צַדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ וָואס גֶרָאדְט אוּנְז אוֹיס אוּנְזֶער קָאפּ, אוּנְזֶער שֵׂכֶל - אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד הַמְדוּמֶה. זִיךְ נִישְׁט אָנְ'חוֹבוֹת'ן פַאר נַארִישֶׁע כָּבוֹד, נַארִישֶׁע עֶטֶענְשְׁן. אַ רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס וֶוערְן נֶעבֶּעךְ בַּעֲלֵי חוֹבוֹת בְּעֵת שִׂמְחָתָם; אָן שֵׂכֶל אוּן אָן קַיין שׁוּם פְּשַׁט פַארְשְׁוֶועמְט מֶען צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, אַלְץ מִיטְן תֵּירוּץ: "יֶענֶער טוּט אַזוֹי", "יֶענֶער וֶועט לַאכְן", "יֶענֶער וֶועט זָאגְן" וְכוּ' וְכוּ', פְרֶעג אִיךְ דִיר: אִיז נִישְׁט טוֹיזְנְט מָאל אַשְׁרֵינוּ?!

**אַ** גְרוּס פוּן דַיין חָתָן; אִיךְ זִיץ דָא נֶעבְּן אִים אוֹיפְן פְלִיגֶער, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי חָתָן כַּלָּה זָאלְן גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

# תרמט

## דַארְף אִיךְ מַשְׁלִים זַיין צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין סֵדֶר בְּרֵאשִׁית?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַייעֶרע שִׁיעוּרִים דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט, אוּן אִיךְ קֶען זָאגְן אַז נָאכְן לֶערְנֶען צֶען יָאר אִין חֵדֶר, זִיבְּן יָאר אִין יְשִׁיבָה אוּן זֶעקְס יָאר אִין כּוֹלֵל - אִיז יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ קֶען זָאגְן אַז אִין דִי לֶעצְטֶע הַאלְבֶּע יָאר אִיז מִיר נִישְׁט דוּרְךְ קַיין אֵיין אֵיינְצִיגְן טָאג אָן לֶערְנֶען לְכָל הַפָּחוֹת אַ דַף גְּמָרָא. אוֹיךְ אִיז יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ בְּמֶשֶׁךְ צְוֵויי גַאנְצֶע סְפָרִים, שְׁמוֹת אוּן וַיִּקְרָא. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דֶעם אוּן פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז יֶעצְט אִיבֶּער סֵפֶר בְּרֵאשִׁית, וָואס אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער נָאכְנִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען יֶעדֶע וָואךְ אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט וֶועלְכֶע וָואךְ יָא אוּן וֶועלְכֶע נִישְׁט; דַארְף אִיךְ יֶעצְט אִיבֶּערְגֵיין גַאנְץ סֵפֶר בְּרֵאשִׁית שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, צוּ זַיין אַ מַשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה? אָדֶער אִיז גֶענוּג אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין פוּן סֵפֶר שְׁמוֹת אוּן וַוייטֶער? וַוייל עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער יֶעצְט אָנְצוּהוֹיבְּן דָאס צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן אוֹיף דִי אַלֶע כּוֹחוֹת וָואס אִיר גֶעבְּט אַוֶועק צוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ אִידִישֶׁע גֵייסְט אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וואוּיל** אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְּמָרָא; דָאס אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן בַּיים רֶבִּי'ן. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְּתָבֵי רַבֵּינוּ ז"ל, בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "בַּקָשָׁתִי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי", אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טֵייעֶרֶער אֵיידֶעם, "שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק", זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְּמָרָא אוּן הֲלָכָה, "שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מְטָפֵל עִקָּר", זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן פוּן נִישְׁט ווִיכְטִיגֶע זַאכְן אַן עִקָּר אוּן פוּן ווִיכְטִיגֶע זַאכְן אַ טָפֵל, "רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

**עֶס** אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע פְרֵייד לֵיינֶענְדִיג וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַ הַאלְבֶּע יָאר וָואס יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט גְּמָרָא; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעווִיסְט פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דִי זִיסֶע וֶועג פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען - וָואלְט דָאךְ יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעלֶערְנְט, ווַייל יֶעדֶער אִיד ווִיל לֶערְנֶען, אוּן יֶעדְן אִיד טוּט ווֵיי וֶוען עֶר זֶעט ווִי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר אָן לֶערְנֶען אוּן אָן עֶפֶּעֶס

אַ אִידִישׁ סֵפֶר, נָאר וִויבַּאלְד עֶר פַאַרְשְׁטֵייט נִישְׁט קֵיין לֶערְנֶען - יֶעדֶער אֵיינֶער לְפִי בְּחִינָתוֹ, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִיטְלִיכְן מֶענְטְשׁ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת - גֵייט אַרִיבֶּער וָואכְן, חֲדָשִׁים אוּן יָארְן - וָואס מֶען לֶערְנְט נִישְׁט. קוּמְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי אוּן גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אַז אֲפִילוּ מֶען פַאַרְשְׁטֵייט נִישְׁט אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט תֵּירוּצִים וְכוּ' וְכוּ' זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה; דוּרְךְ דֶעם וֶועג וָואלְט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעשְׁפִּירְט דֶעם פַאַרְגֶענִיגְן וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט.

**בְּנוֹגֵעַ** מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין וְכוּ'; ווארויל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט נִזְהָר אִין דִי מִצְוָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רַבִּי אַמִּי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו"; אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, צְוֵויי מָאל דִי חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל תַּרְגּוּם, אוּן וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה אִיז זוֹכֶה צוּ אֲרִיכַת יָמִים.

**אַז** דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער כַּמְבוֹאָר בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג), זָאלְסְטוּ אוֹיךְ צוּלֶערְנֶען רַשִׁ"י אוֹיפְן טָאג; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**אַלֶע** צַדִּיקִים הָאבְּן זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג. מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשָּׂשכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט

גֶעזָאגְט: ״אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י, אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן״. אוֹיךְ אִיז יָדוּעַ בַּיי סַאטְמֶערֶע חֲסִידִים אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער עֲצֵי חַיִּים אוּן דֶער סַאטְמֶערֶער רֶבִּי, זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין, אַז זֵיי זָאלְן גֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מִנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן זֵיי גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: ״קִינְדֶערְלֶעךְ, פִּילֶעוֶועט זִיךְ אִין חוּמָשׁ רַשִׁ״י (לֶערְנְט אַסאךְ חוּמָשׁ רַשִׁ״י), וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וואוֹינְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ״י״.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ אוֹתִיּוֹת דְּרַבִּי עֲקִיבָא, אוֹת ב):

״פַארְוָואס הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי תּוֹרָה מִיטְן אוֹת ב?

וַוייל אַ בֵּית אִיז פַארְמַאכְט פוּן אַלֶע זַייטְן, עֶס אִיז אָפְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס״; אוּנְז צוּ וַוייזְן אַז וֶוער עֶס וויל לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן מַצְלִיחַ זַיין בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם זָאל קוּקְן אוֹיף פָארְאוֹיס, נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י יֶעדֶע וָואךְ לוֹיט דִי פַּרְשָׁה אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, גֵיי וַוייטֶער כְּסִדְרָן - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעם גוּטְס וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תרנ

## ווען וועל איך שוין טרעפן מיין שידוך?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך בין אַ בָּחוּר פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, איך לֶערְן אין יְשִׁיבָה, אָבֶער רוֹב פון מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט און איך בין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין. איך הָאבּ נָאךְ אַן עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער הֶעכֶער מִיר וָואס עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג אַ שִׁידוּךְ, און איך ווייס נִישְׁט צִי עֶר וויל בִּכְלָל אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן. איך בין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן און צֶעקְלַאפְּט, איך ווֵיין אַסַאךְ מָאל אויף דֶעם, איך וויל אַזוֹי שְׁטַארְק טְרֶעפְּן מַיין שִׁידוּךְ, און עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס ווִי עֶס וועט קוּמֶען אַזוֹי שְׁנֶעל.

בְּעֶרֶךְ אַ הַאלְבּ יָאר צוּרִיק הָאבּ איך זִיךְ גֶעמַאכְט אַ פֶּעסְטֶע קַבָּלָה זִיךְ צוּ הַאלְטְן זֵייעֶר עֶרְלִיךְ אין קְדוּשָׁה, עֶס הָאט אָנְגֶעהַאלְטְן בָּרוּךְ ה', אָבֶער אין דִי לֶעצְטֶע וָואךְ הָאבּ איך גֶעהַאט אַסַאךְ גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת און לֵיידֶער הָאבּ איך נִישְׁט גֶעקֶענְט בֵּיישְׁטֵיין אַלֶע נִסְיוֹנוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן.

איך בין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן; אִינְדֶערְהֵיים אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אין יְשִׁיבָה בין איך זֵייעֶר לַאנְגְוֶוייליג, און איך הָאבּ נָאכְנִישְׁט בַּאשְׁלָאסְן ווֶעלְכֶע פון דִי צְווֵיי אִיז בֶּעסֶער פַאר מִיר. מַיין גַאנְצֶער מֹחַ אִיז נָאר פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן ווען איך וועל שוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, ווען איך וועל שוֹין הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶער לֶעבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַ בָּחוּר אוּן דִי צַעַר וָואס אַ בָּחוּר גֵייט דוּרְךְ.
אַ בָּחוּר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶר ווִיל זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג, אָבֶּער עֶס גֵייט אִים נִישְׁט; עֶר הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְּלָן, בִּיז עֶס וֶוערְט אִים נִמְאָס דָאס לֶעבְּן אוּן עֶר דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים וְכוּ'.

דוּ בֶּעטְסְט אַן עֵצָה וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן אַז דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן וְכוּ'; פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זוּךְ דִיר אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן אִין קְדוּשָׁה אָבֶּער עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט. בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן? אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט מִיט עֲבֵירוֹת, דִי תַּאֲוֹת נָאוּף פְּלַאקֶערְט אִין מִיר, אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע

לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דָאס לֶעבְּן אִיז מִיר נִמְאָס", און לֵייג צוּ דַיינֶע אֵיינֶעגֶע תְּפִילוֹת. רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דוּ וָואלְסְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ דַיינְ'ס אַ נָאנְטֶער חָבֵר, וֶועט אַרָאפְּגֵיין פוּן דִיר אַלֶע דִינִים אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי חָשׁוּב דִי תְּפִילוֹת פוּן אַ בָּחוּר אִיז אִין הִימְל. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת בָּלָק, קצה.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "לָא בָעֵינָא הָכָא בֵּי דִינָא דִידוּנוּן בֵּינָנָא", אִיךְ דַארְף נִישְׁט בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה זָאל זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן, "וַאֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא", נָאר אִיךְ וִויל זַיין אַלֵיינְס מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, "וְלֵית תֵּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לוֹן וְאוֹשְׁדוּ קַמֵּיהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין גְרֶעסֶערֶע פַארְגֶענִיגְן וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים. "דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין לָא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעַל כְּמָה דְשַׁבְקִין לְמִסְכְּנִין", אַלֶע טִירְן פוּן הִימְל זֶענֶען אָפְן פַאר אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּהָא בְּלָא רְשׁוּתָא עָאלִין", אוּן זַיינֶע תְּפִלוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אָן קַיין רְשׁוּת; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אַ ווִינְקְל וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר פַארְצֵיילְט אִים אַלֶעס - דִי תְּפִילוֹת גֵייעֶן גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט פַארְן צֶעבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ שְׁנֶעלֶער וִוי עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִיק.

**אַז** דוּ לֶערְנְסְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַרִיבֶּערְכַאפְּן קַיין יַבְנְאֵל צוּ מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיּוּן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אות ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

## תרנא

**ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוֹיפְן גַאס?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל נָאכְאַמָאל זָאגְן אַ גְרוּיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' יֶעדְן טָאג פוּן פְרִישׁ אוּן אַ סְפֶּעצִיעֶלְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי נִיגוּנִים וָואס מֶען זִינְגְט בְּסֵדֶר פַארְן שִׁיעוּר, אִיךְ וֶוער יֶעדֶעס מָאל אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי גֶעוואלְדִיגֶע נִיגוּנִים, אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ ווִי עֶס הֵייבְּט מִיךְ אוֹיף, עֶס נֶעמְט מִיךְ אַרוֹיס פוּן אַלֶע וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן אוּן עֶס בְּרֶענְגְט מִיךְ אַרַיין אִין אַזַא לִיכְטִיגֶע וֶועלְט פוּן אֱמוּנָה אוּן תְּשׁוּבָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַן עֵצָה. אִיךְ וואוין אוֹיף אַ הוֹיפְּט גַאס אִין מַיין שְׁטָאט, אוּן יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער אִיז מַמָּשׁ אַ פַּחַד צוּ גֵיין אוֹיפְן גַאס

וָואס אִיז פוּל מִיט אַזוֹיפִיל פְּרִיצוּת, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער. טָאג טֶעגְלִיךְ דַארְף אִיךְ פִירְן מִלְחָמוֹת מִיט מִיר אַלֵיין אָן אוֹיפְהֶער, וּבִפְרַט וָואס דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן אִיז נָאר דוּרְכְן אַרָאפְּבֵייגְן דִי אוֹיגְן בִּיז צוּ דֶער עֶרְד, אוּן דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ טוּן כְּסֵדֶר. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶפֶּעס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק אוֹיף דֶעם, וַוייל אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן בְּכֶפֶל כִּפְלַיִם אוֹיף דִי אַלֶע גוּטְס וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מִיר** זֶענֶען אַלֶע אִין דֶעם זֶעלְבְּן צָרָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק וואו מֶען וואוֹינְט; מֶען קֶען מַמָשׁ נִישְׁט גֵיין אִין גַאס זוּמֶער, דִי גוֹיִם גֵייעֶן אוֹיסְגֶעטוּן ווִי דִי חַיוֹת אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן. דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט מְשׁוּגָע דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל קוּקְן וואו עֶס גְלִיסְט זִיךְ אִים, אוּן אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן וֶוערְט מֶען נָאכְדֶעם אָפְּגֶעקִילְט פוּן אִידִישְׁקֵייט.

**אָבֶּער** ווִיסְן זָאלְסְטוּ, ווִי גְרוֹיס אוּן שְׁוֶוער דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז - אַלְץ גְרֶעסֶער זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס

גֶעבְּן אוּנְז עֵצוֹת לוֹחֵם צוּ זַיין מִיטְן יֵצֶר הָרַע. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לו) וֶוען עֶס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ תַּאֲוֹת נִאוּף רַחְמָנָא לִצְלָן, זָאל עֶר זָאגְן דֶעם פָּסוּק: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד" און "בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד"; וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי תַּאֲוָה נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר און גֶעבְּן מִיר', נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע תַּאֲוָה. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם), אַז אוֹיב מֶען אִיז זַייעֶר פַארְזִינְקֶען אִין דִי תַּאֲוָה זָאל מֶען וֵויינֶען בִּשְׁעַת מֶען זָאגְט דִי צְוֵויי פְּסוּקִים, און דָאס וֶועט רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין בְּלָאטֶע; וַוייל ווִי נָאר מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא', דָאס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת.

וֶוען דוּ גֵייסְט אִין גַאס זָאלְסְטוּ אַרָאפְּקוּקְן צוּ דֶער עֶרְד, אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ דֶערְצֵיילְט (פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים פד.) "וְכַךְ הֲוָה רַבִּי שִׁמְעוֹן עָבִיד", דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן, "כַּד הֲוָה אָזִיל בְּמָתָא וַהֲווּ חַבְרַיָּא אַזְלִין אֲבַתְרֵיהּ", וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, "וְחָמָא לְאִינְתּוּ שַׁפִּירָאן", און עֶס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען פְרוֹיעֶן, "מָאִיךְ עֵינֵיהּ", הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעקוּקְט, "וַהֲוָה אָמַר לְחַבְרַיָּא אַל תִּפְנוּ", און עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים דֶעם פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, ד): "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, גֵייטְס נִישְׁט נָאךְ קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב; לֵייג דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל זַיין עֶרְלִיךְ", אַזוֹי אוֹיךְ פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אָדֶער פוּן סֵיי וואו - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם וואו דוּ דַארְפְסְט אָנְקוּמֶען.

**אַז** דוּ וֶועסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס וֶועלְן שְׁרַייבְּן חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף חֵלֶק ב', סִימָן יט): "מִי שֶׁאֵין מִסְתַּכֵּל עַל נָשִׁים, זוֹכֶה שֶׁזַּרְעוֹ יְחַבְּרוּ פֵּרוּשִׁים עַל הַתּוֹרָה", וֶוער עֶס קוּקְט נִישְׁט אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן וֶועט זוֹכֶה זַיין אַז זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אַרוֹיסְגֶעבְּן סְפָרִים פוּן חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תרנב

### אִיךְ אַרְבֶּעט אַזוֹי סַאךְ, אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט אָטֶעמֶען, וָואס טוּט מֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק יוֹמִי. מַיין טָאג הוֹיבְּט זִיךְ אָן גָאר אַנְדֶערְשׁ נָאכְן הֶערְן דִי טֶעגְלִיכֶע חִיזּוּק, אוּן אִיךְ

פְּרוּבִיר אַז עֶס זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן נָאר בַּיים הֶערְן, נָאר אוֹיךְ צוּ גֵיין אוּן לֶעבְּן מִיט דֶעם.

אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אִיךְ הַאלְט שׁוֹין בָּרוּךְ ה' בַּיים עֶנְדִיגְן דִי דְרִיטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, גְּמָרָא אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּלִיב מַיין אַרְבֶּעט. אִיךְ אַרְבֶּעט גָאר אַסַאךְ שָׁעוֹת יֶעדְן טָאג, מַמָּשׁ פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט. אִיךְ הָאב בִּכְלָל נִישְׁט לִיב דִי אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ טוּ, אָבֶּער נָאר דָאס הָאב אִיךְ יֶעצְט, אוּן דָאס גֵייט אַסַאךְ סַיי אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין וַוייב אוּן קִינְדֶער וָואס אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶענוּג צַייט פַאר זֵיי, אוּן סֵיי אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן לֶערְנֶען, אַז אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען מַיינֶע לִימוּדִים גֶעהֶערִיג יֶעדְן טָאג. אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל מִיר אוּנְטֶערְקוּמֶען אַ בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסָה, וֶוייניגֶער שָׁעוֹת מִיט מֶער גֶעלְט, אָבֶּער דֶערְוַוייל אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן עֶפֶּעס עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל שִׂמְחָה אִיז מְסוּגָּל אוֹיף פַּרְנָסָה בְּנָקֵל, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה 'חַתְ"ךְ' וָואס אִיז דִי

סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער (תְּהִלִּים קמה, טז): "פּוֹתֵחַ' אֶת' יָדֶךָ'" - אִיז אוֹיךְ דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְבָרִים טז, טו): "וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ'"; זָאלְסְטוּ פְּרוּבִירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּגְלַייךְ, אוּן דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז אֵיינֶער אַרְבֶּעט שְׁוֶוערֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן - אִיז וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט:

אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁכֵנִים הוֹיז צוּ הוֹיז, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ קַמְצָן - אַ קַארְגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל צְדָקָה; דִי אָרֶעמֶעלַייט הָאבְּן גֶעוְוּיסְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן עוֹשֶׁר דֶער נְדִיב לֵב וָואס טֵיילְט מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַארְץ צְדָקָה, מֶען פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ אִים אוּן עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְנֶעמֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה אוּן צוּגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע סְכוּם גֶעלְט.

וַיְהִי הַיּוֹם עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אָרֶעמַאן וָואס הָאט גֶעהֶערְט אַז אִין דֶעם גֶעוְוּיסְן שְׁטָאט וואוֹינְט דֶער גוּטְהַארְצִיגֶער עוֹשֶׁר, אִיז עֶר אַהִינְגֶעפָארְן. אָבֶּער צוּ זַיין מַזָל הָאט עֶר זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם עוֹשֶׁר דֶער קַמְצָן אוּן אִים גֶעבֶּעטְן צְדָקָה, הָאט אִים דֶער קַמְצָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ דָא בַּיי מִיר אִין גָארְטְן אַסַאךְ בֵּיימֶער וָואס מֶען דַארְף זֵיי צֶעשְׁנַיידְן, אַז דוּ וֶועסְט מִיר צֶעשְׁנַיידְן דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ

הָאלְץ וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן עֶסְן", אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, דֶער אָרֶעמַאן הָאט גֶענוּמֶען אַ הַאק אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, עֶר הָאט צֶעהַאקְט אַלֶע בֵּיימֶער אוֹיף שְׁפֶּענְדְלֶעךְ, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל הַבַּיִת בֶּעטְן עֶסְן, זָאגְט אִים דֶער קַמְצָן: "קוּם מִיט מִיר", אוּן עֶר פִירְט אִים צוּם שְׁכֵן'ס הויז - דִי הויז פוּנֶעם צְוֵוייטְן עוֹשֶׁר - זָאגְנְדִיג: "קְלַאפּ אַרַיין בַּיי דֶעם טִיר, דָא וֶועסְטוּ אַלֶעס בַּאקוּמֶען; עֶסְן, גֶעלְט וְכוּ'", דֶער אָרֶעמַאן הָאט גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אֵיין זַאךְ, אֵיין בַּעַל הַבַּיִת; הָאט עֶר אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אוּן תֵּיכֶף וּמִיַד הָאט מֶען אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אוּן אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן מִכָּל טוּב וְטוּב. אִינְמִיטְן עֶסְן הָאט זִיךְ דֶער אָרֶעמַאן אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעהָארֶעוֶועט פַאר דִי עֶסְן", וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הֵייסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאקְט הָאלְץ אַ גַאנְצְן טָאג בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דָאס עֶסְן, דָאס אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג", הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּמְזִיסְט", מֶען הָאט אִים עֶרְקְלֶערְט וָואס דָא אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען, אַז דָאס זֶענֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן אוֹיבּ וָואלְט עֶר קוֹדֶם אָנְגֶעקוּמֶען אַהֶער וָואלְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן, וַוייל דָא גֶעבְּט מֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם עֶסְן בְּחִינָם.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיט דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם עֶסְן אוּן גֶעלְט אוּמְזִיסְט, אָבֶּער אַז מֶען זִינְדִיגְט דַארְף מֶען אַרְבֶּעטְן

אָפְּצוּקוּמֶען דָאס וָואס מֶען הָאט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן. דָאס הָאט מֶען גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אָרֶעמַאן: "אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּמְזִיסְט", אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט דַארְף עֶר אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, אוּן מִיט דֶעם קוּמְט עֶר אָפּ זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער פַּרְנָסָה גִיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בְּחִינָם.

גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעד מִיט אִים יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט. זָאלְסְט אִים בֶּעטְן עֶס זָאל דִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג דַיין פַּרְנָסָה אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַזוֹיפִיל מוּטְשֶׁען, וַוייל מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַלְצְדִינְג בַּאקוּמֶען; זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן מִיט אַ גְרִינְגֶערֶע פַּרְנָסָה. בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ פַּרְנָסָה וָואס אִיךְ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן צַייט צוּ לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן אַ נֵס אוּן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה וֶועט דִיר אָנְקוּמֶען דַיין פַּרְנָסָה אַסאךְ גְרִינְגֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָמוֹן, סִימָן פּג): "אֱמוּנָה הוּא טוֹב לְפַרְנָסָה", אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הָאט מֶען פַּרְנָסָה; נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דַיין פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

## תרנג

### איז מֶען יוֹצֵא לִימוּד הַתּוֹרָה בְּלוֹיז מִיטְן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם הָאבּ אִיךְ זִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי וַוארֶעמֶע דְרָשׁוֹת, פוּל מִיט חִיזוּק אִין אֱמוּנָה, בִּטָחוֹן אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט, הָאבּ אִיךְ אָבֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען גְמָרָא אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד. ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען אִיז יוֹצֵא מִיט דֶעם לִימוּד הַתּוֹרָה, אוּן צִי מֶען קֶען אוּן מֶען דַארְף מַאכְן אַ סִיוּם נָאכְן עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא דוּרְךְ בְּלוֹיז זָאגְן דִי גְמָרָא?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וואוֹיל** אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ, רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת. וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט אַז מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין

צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פְּשָׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט, נָאר עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

**אַוַדַאי** אִיז מֶען יוֹצֵא לִימּוּד הַתּוֹרָה אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם וֶועג, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט קְלָאר: "וְאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט - זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל,

וֶועט מֶען עֶס פַּארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבּוֹר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ): 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַּארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעווּאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַּארְשְׁטֵיין.

**זָאלְסְט** וַוייטֶער לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט, אוּן אַ גַאנְצְן טָאג, וֶוען דוּ הָאסְט אִיבְּרִיג צַייט - זָאלְסְטוּ גוֹרֵס זַיין דַּפִּים גְמָרָא בַּאֲמִירָה בְּעַלְמָא, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַּארְשְׁטֵיין, אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ מַסֶכְתָּא זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ סִיּוּם מַסֶכְתָּא פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וֶועסְטוּ זֶען אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אַז דַיין קָאפּ וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען אוּן דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן פַּארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען וִויל גְלַייךְ אַלֶעס פַּארְשְׁטֵיין. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט

וַוייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶעם וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם אוּן הֶער נִישְׁט צוּ דִי וָואס מַאכְן אָוֶועק דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, דוּ וֶועסְט זֶען צוּ וָואס דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין גְמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרנד

## וויפִיל דַארְף מֶען פַארְקוּקְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

איךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר ווי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט, אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זוּכְן אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען זִיךְ אַרָאפְּבֵּייגְן דֶעם קָאפּ, נִישְׁט זוּכְן כָּבוֹד און גֶעלְט, נָאר דֶער עִקָּר אִיז חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער. וויל איךְ ווִיסְן ווי וַוייט דָאס גֵייט, וויפִיל דַארְף מֶען טַאקֶע פַארְקוּקְן?

איךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ פֵיינֶע טָאכְטֶער, און מֶען טְרָאגְט אָן פַאר איר אַסַאךְ שִׁידוּכִים, אָבֶּער קֵיין אֵיינֶער פוּן דִי וָואס מֶען טְרָאגְט אָן - אִיז נִישְׁט גֶענוּג גוּט אִין מַיינֶע אוֹיגְן. איךְ וויל אַ בָּחוּר וָואס זָאל זַיין אַ מְצוּיָן, אַ לֶערְנֶער און אַ גְרוֹיסֶער יְרֵא שָׁמַיִם, און דֶערְוַוייל הָאבּ איךְ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן וָואס איךְ זוּךְ. איךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן נֶעמֶען עֶפֶּעס שְׁוַואכֶערְס, און דִי סִיבָּה אִיז נִישְׁט וֶועגְן כָּבוֹד אָדֶער גֶעלְט, נָאר איךְ וויל אַן עֶבְּטֶער פֵיינֶער אֵיידֶעם, דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם אוֹיךְ פַארְקוּקְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**איךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי וָואס פְלֶעגְן פְרֶעגְן אוֹיף שִׁידוּכִים וְכוּ', אַז דֶער עִקָּר זָאל מֶען נָאכְקוּקְן**

דֶעם בָּחוּר'ס מִדוֹת, וַוייל דֶער עִקָר פוּנֶעם מֶענְטְש אִיז דִי מִדוֹת; יָא לֶערְנֶען נִישְׁט לֶערְנֶען - דָאס קֶען מֶען זִיךְ טוּישְׁן, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט, אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג אַלְס בָּחוּר הָאבְּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה אָפְּגֶעלָאזְט דָאס לֶערְנֶען, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, עֶס זֶענֶען דָא עֶרְלִיכֶע טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַלְס בָּחוּר, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען; זֵיי הָאבְּן גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער הָאבְּן זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶועזְן צוּ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר, צוּ הָאבְּן אַ רָב וְכוּ', אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְגַאנְצְן נִתְהַפֵּךְ גֶעוָוארְן לְטוֹב. ווִידֶערְאוּם מִדוֹת אִיז שְׁוֶוער אַ מֶענְטְש זָאל זִיךְ טוּישְׁן; אוֹיבּ דֶער בָּחוּר הָאט נִישְׁט קַיין גוּטֶע מִדוֹת קוּמְט אַרוֹיס דֶער גַאנְצֶער אֱמֶת נָאכְדֶעם וָואס דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת עֶנְדִיגְט זִיךְ, מֶען טְרֶעפְט זִיךְ מִיט אַ חַיָ' אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה, הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

**מַאךְ** זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ וְכוּ', אוֹיבּ דוּ זוּכְסְט בֶּאֱמֶת דִי טוֹבָה פוּן דַיין קִינְד - מַאךְ אִיר אַ כַּלָה וָואס שְׁנֶעלֶער, זַיי נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וָואס זָאגְן (פְּסָחִים קי"ג.): "בִּתְּךָ בָּגְרָה, שַׁחְרֵר עַבְדְּךָ וְתֶן לָהּ", נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין ק:): "מְפַּחְדָהּ לֹא יִישַׁן בַּלַּיְלָה", אֵיינֶער וָואס הָאט אַ טָאכְטֶער אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים, ווִי קֶען עֶר שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט פוּן פַּחַד וְכוּ'?!

**אוֹיפְהַאלְטְן** דִי קִינְדֶער מִיטְן אוֹיסְרֵייד אַז מֶען זוּכְט פַארְן קִינְד עֶפֶּעס וָואס אִיז נִישְׁטָא - דָאס אִיז נִישְׁט

קַיין לִיבְּשַׁאפְט, ווייל וֶוען מֶען הָאט בֶּאֱמֶת לִיבּ דִי קִינְדֶער, וָואלְט מֶען זַיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט ווי שְׁנֶעלֶער; וֶוען מֶען טוּט וָואס אִיז גוּט פַאר יֶענֶעם וַוייזְט דָאס אַז מֶען הָאט יֶענֶעם לִיבּ, נִישְׁט וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסְן אוּן מֶען זָאגְט אַז מֶען הָאט יֶענֶעם לִיבּ. אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק (אֵיכָה ד, י): "יְדֵי נָשִׁים רַחֲמָנִיּוֹת בִּשְּׁלוּ יַלְדֵיהֶן", רַחְמָנוּת'דִיגֶע מַאמֶעס הָאבְּן מִיט זֵייעֶרע אֵייגֶענֶע הֶענְט גֶע'הַרְגְ'עֶט זֵייעֶרע קִינְדֶער; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס גֵייט הַיינְט אִיבֶּער אוֹיף בְּנֵי הַנְּעוּרִים, ווי זֵיי פַּיינִיגְן זִיךְ אוּן הַאלְטְן אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין מִיאוּס'ע עֲבֵירוֹת, וָואס מֶען קֶען וֶוען דָאס אַלֶעס אַיינְשְׁפָּארְן דוּרְךְ זַיי חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן טוּן מִיט זַיי עֶרְלִיכֶע שִׁידוּכִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידּוּכִים טוֹבִים וְהַגּוּנִים", דוּרְךְ תְּפִילָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרנה

## פַארְוָואס קוּמְט מִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת אוּן חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הֶער אַסַאךְ בַּיי דִי דְרָשׁוֹת וֶועגְן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר עֶס טַאקֶע צוּ טוּן, אִיךְ ווִיל אָבֶּער ווִיסְן אוֹיב דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אַ שָׁעָה, מֵיינְט עֶס טַאקֶע אַ גַאנְצֶע שָׁעָה, אָדֶער זָאל מֶען מַאכְן וויפִיל מֶען קֶען?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דָאס קוּמְט מִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער; אִיךְ אַלֵיין וֵויים אוּן שְׁפִּיר ווִי סַאךְ דָאס הֶעלְפְט מִיר, אָבֶּער פוּנֶדֶעסְטְוֶועגְן קוּמְט מִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס אִיז דָאס אַזוֹי?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ פִּירְסְט זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן, דִי הַנְהָגָה וָואס דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ אוּן

יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כה; ק) עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַסאךְ צַדִּיקִים אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, ווַייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָן הִתְבּוֹדְדוּת.

דוּ פְרֶעגְסְט וויפִיל צַייט מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן;

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן צו): "שֶׁרְצוֹנוֹ שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ הִתְבּוֹדְדוּת וּלְבַלּוֹת כָּל הַיּוֹם עַל זֶה", אִיךְ וויל מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַ גַאנְצְן טָאג צוּ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס זָאל מֶען טוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, מִיט דֶעם זָאל מֶען זַיין פַארְנוּמֶען דוּרְכְ'ן טָאג, "אַךְ לָאו כָּל אָדָם יָכוֹל לְקַיֵּם זֹאת, עַל כֵּן בְּהֶכְרֵחַ לְצַוּוֹת לָהֶם שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת, כִּי גַּם זֶה טוֹב מְאֹד", אָבֶּער ווִיבַּאלְד נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס טוּן, זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן אַ גַאנְצְן טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, "אֲבָל מִי שֶׁלִּבּוֹ חָזָק בַּה׳, וְרוֹצֶה לְקַבֵּל עָלָיו עֹל עֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, רְצוֹנוֹ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כָּל הַיּוֹם הִתְבּוֹדְדוּת", אָבֶּער ווער עֶס אִיז שְׁטַארְק מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת - זָאל אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כא.): "וּלְוַאי שֶׁיִּתְפַּלֵּל אָדָם כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ", הַלְוַאי זָאל אַ מֶענְטְשׁ דַאווֶענֶען אַ גַאנְצְן טָאג.

**דָאס** וָואס דוּ בַּאקְלָאגְסְט זִיךְ אַז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט דִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער, אוּן דוּ פְרֶעגְסְט פַארְוָואס;

דָאס קוּמְט מַחֲמַת חִסָרוֹן אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִלָּה, וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעוִוים בַּיי זִיךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים בִּשְׁעַת עֶר דַאוֶוענְט אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדְעס וָוארְט וָואס עֶר בֶּעט - וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעדַאוֶוענְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן עֶר וָואלְט מְכַוֵּן גֶעוֶוען יֶעדְע אֵיינְצִיגְסְטֶע וָוארְט וִוי אַזוֹי עֶר זָאגְט עֶס אַרוֹיס, "וּבִשְׁבִיל שֶׁהָאָדָם אֵינוֹ יוֹדֵעַ זֹאת יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם", אָבֶּער כָּל זְמַן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט דִי שְׁטַארְקֵייט אִין אֱמוּנָה, "בִּשְׁבִיל זֶה אֵינוֹ מִתְלַהֵב כָּל כָּךְ, וְאֵינוֹ מְדַקְדֵּק כָּל כָּךְ" - אִיז עֶר נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אִין דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכָל אֶחָד לְפִי מִעוּט שִׂכְלוֹ וִידִיעָתוֹ", יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט וִוי וֵוייניג גֶעפִיל עֶר הָאט אִין אֱמוּנָה אַזוֹי אִיז בַּיי אִים אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דָאס דַאוֶוענֶען.

**מוֹהֲרָא"ש** זָאגְט, מֶען זֶעט וִוי מִיט אַ חַבֵר קֶען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת, עַל דָא וְעַל הָא, אָבֶּער

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען עֶר נִישְׁט עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אַרוֹיס צוּ זָאגְן אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט; דָאס קוּמְט נָאר פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, אַז מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם

אײבּערשטן און מען זעט אים נישט. די עצה אויף דעם איז צו װײנען צום אײבּערשטן אויף דעם אַלײנס: "הײליגער באַשעפער העלף מיר איך זאָל האָבּן אֱמוּנָה און איך זאָל דיך שפּירן, איך זאָל שפּירן װי דו בּיסט מיט מיר און װי דו הערסט מיך אויס װען איך רעד צו דיר". אַזױ װי דער רבּי זאָגט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כג): "כְּשֶׁנּוֹפֵל מֵאֱמוּנָתוֹ יִבְכֶּה", װען אַ מענטש פאַלט פון אֱמוּנָה, ער שפּירט נישט דעם אײבּערשטן - זאָל ער װײנען צום אײבּערשטן און בּעטן אויף דעם.

דער אײבּערשטער זאָל העלפן זאָלסט האָבּן הַצְלָחָה אין אַלע עִנְיָנִים.

## תרנו

**װי אַזױ מאַך איך אַז מײן װײבּ זאָל זיך בּעסער אַהערשטעלן?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גרױסן יְיַשֶׁר כֹּחַ פאַר די שטאַרקע חִיזּוּק װאָס איך בּאַקום כְּסֵדֶר.

איך לעבּ בּרוּךְ ה' זײער שײן מיט מײן װײבּ, מיר האָבּן אַ גוטע שְׁלוֹם בַּיִת, זי װיל זיך אָבּער נישט אָנטון אינדערהײם לױט מײן געשמאַק, איז שײַךְ עפּעס צו טון צו דעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶעבְּסְט בְּשָׁלוֹם מִיט דַיין וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן", וֶוען מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה רוּט אִין שְׁטוּבּ. וַוייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם (שַׁבָּת י.), אוּן אַז מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם - אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה. ווִידֶערְאוּם פַארְקֶערְט, אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ - דַאן פַארְטְרַייבְּט מֶען דִי שְׁכִינָה, אוּן אַנְשְׁטָאט דִי שְׁכִינָה קוּמְט דֶער שָׂטָן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ - דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

**דַאנְק** אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן דוּ לֶעבְּסְט שֵׁיין מִיט אִיר; מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן וְכוּ'. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תִּקּוּנֵי זוֹהַר תִּיקוּן כא, דַּף ס:): "וּבְנֵי נָשָׁא דְאִינוּן שַׁטְיָין מִסְתַּכְּלִין בִּלְבוּשָׁא", נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן קוּקְן אוֹיף דִי לְבוּשׁ מִיט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אָנְגֶעטוּן, "אֲבָל פִּקְחָא חַכִּימָא אִסְתַּכַּל מִלְּגָאו", אָבֶער אַ חָכָם קוּקְט נִישְׁט אוֹיפְן לְבוּשׁ, עֶר קוּקְט אוֹיף דִי זַאךְ אַלֵיין.

**נֶעם** אַרַיין אִין דִיר וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט און מֶען קֶען זִי נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז יָא און מֶען קֶען עֶס בַּאקוּמֶען".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תרנז

### זָאל אִיךְ אוֹיסְהֶערְן אַ שִׁידוּךְ פוּן אַן אַנְדֶערֶע קְהִלָּה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ הֶער זֵיי אוֹיס כְּסֵדֶר און אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה.

מֶען טְרָאגְט שׁוֹין אָן שִׁידוּכִים פַאר מַיין עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם און מֶען הָאט מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן זֵייעֶר אַ פֵיינֶע שִׁידוּךְ פוּן אַ חָשׁוּבֶ'עֶ מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער מַיין וַוייבּ זָאגְט עֶס אִיז דָא אֵיין פְּרָאבְּלֶעם, אַז יֶענֶע מִשְׁפָּחָה בַּאלַאנְגְט צוּ אַן אַנְדֶערֶע קְהִלָּה פוּן וָואס מִיר שְׁטַאמֶען, און עֶס אִיז נִישְׁט נָארְמַאל צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר וָואס זֵייעֶרֶע מִנְהָגִים שְׁטִימֶען בִּכְלַל נִישְׁט מִיט אוּנְזֶערֶע מִנְהָגִים, און זֵייעֶרֶע נַאטוּרְן זֶענֶען אוֹיךְ אַנְדֶערְשׁ.

אִיךְ קֶען נִישְׁט מַחְלִיט זַיין וָואס צוּ טוּן. אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, אַז מֶען מֶעג פַארְקוּקְן אוֹיף אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ צוּלִיבּ וָואס דִי עֶלְטֶערְן קוּמֶען פוּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט פְּלַאץ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן פַאר דַיין טָאכְטֶער אַ פֵיינֶע שִׁידוּךְ - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער גֵיין מִיטְן שִׁידוּךְ. חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוֹת דַרְגָא וְנָסִיב אִיתְתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵיגָה אוּן הָאבּ חֲתוּנָה; מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן - נִישְׁט קַיין חִילוּק מַיין קְהִלָה, דַיין קְהִלָה אָדֶער יֶענֶעמְ'ס קְהִלָה, דָאס אַלֶעס אִיז גָלוּת וֶוערְטֶער. מִיר וַוארְטְן אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ זָאל שׁוֹין קוּמֶען, "הוּא יִגְאַל אוֹתָנוּ בְּקָרוֹב, וִיקַבֵּץ נִדָּחֵינוּ מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ", עֶר וֶועט צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע אִידְן אוּן עֶס וֶועט זַיין "חֲבֵרִים כָּל יִשְׂרָאֵל".

**שָׁלוֹם** בַּיִת הָאט נִישְׁט צוּטוּן צִי מֶען קוּמְט פוּן אֵיין קְהִלָה, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אִין דֶעם, נָאר אוֹיבּ דֶער בָּחוּר אוּן מֵיידְל - בֵּיידֶע ווִילְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ אוּן בֵּיידֶע וֶועלְן אַרוֹיפְקוּקְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵייטְן; דַאן וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער.

# תרנח

## מַיין שָׁכֵן טוּט זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן מִיר, ווִי אַזוֹי גֶעב אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אִים?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ אַ שָׁכֵן וָואס הָאט לֶעצְטְנְס גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז, וָואס אִיז בַּאהָאפְטְן צוּ מַיין הוֹיז, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן אוּמְלֶעגַאלֶע זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן מִיר זֵייעֶר. עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבּוֹיט אִין פָארְנְט מֶער ווִי עֶרְלוֹיבְּט, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעלֵייגְט פוּן הִינְטְן אַן עֶירְקָאנְדִישְׁן וָואס בְּלָאזְט אַרַיין דִי הֵייסֶע לוּפְט צוּ דִי הוֹיף הִינְטֶער מַיין הוֹיז.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז צִי אִיךְ מֶעג אִים עֶפֶּעס זָאגְן דֶערְוֶועגְן, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְמַיידְן מַחֲלֹקֶת אוּן אִים גָארְנִישְׁט זָאגְן, כָאטְשׁ וָואס מַיין ווַייבּ אִיז זֵייעֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן אַז אִיךְ רוּף זִיךְ גָארְנִישְׁט אָן וֶועגְן דֶעם.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ הַאנְדְלֶען אִין אַזַא מַצָב?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אוֹיבּ** דוּ הָאסְט אַ טַעֲנָה אוֹיף דַיין שָׁכֵן, ווִי לְמָשָׁל אַז עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַיין עֶירְקָאנְדִישְׁן מַאשִׁין נֶעבְּן דַיין שְׁטוּבּ וְכוּ', זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט אִים צוּ אַ רָב אוּן דֶער רָב זָאל פַּסְקְ'עֶנֶען אַ דִין תּוֹרָה וָואס דִי הֲלָכָה אִיז.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ טָעוּת, מֶען קוּקְט אָן דָאס גֵיין צוּ אַ דִין תּוֹרָה ווִי אַ מַחֲלֹקֶת; אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז ווֶען מֶען גֵייט צוּ אַ רָב הֶערְן וָואס דִי הֲלָכָה אִיז - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת. מַחֲלֹקֶת אִיז ווֶען מֶען קְרִיגְט זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן אוּן מֶען פַּסְקְ'נְט זִיךְ אַלֵיינְס שֶׁלֹּא עַל פִּי תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער, אַז דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת אוֹיף דַיין שָׁכֵן וְכוּ' - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דַיין רָב אוּן עֶס דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים; עֶס קֶען גָאר זַיין אַז דַיינֶע טַעֲנוֹת זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אֶפְשָׁר לָאזְט אִים דִי תּוֹרָה לֵייגְן דֶעם עֵירְקָאנְדִישְׁן דָארְט וואוּ עֶר הָאט דָאס גֶעלֵייגְט, אוּן דוּ עֶסְט זִיךְ אוֹיף פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע אוֹיג, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דִי גוּטֶע מִדָּה פוּן "עַיִן טוֹב", אַז עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין ווֶען דַיינֶע שְׁכֵנִים בּוֹיעֶן אַרוֹיס בִּשְׁעַת עֶס שְׁטֶערְט דִיר נִישְׁט וְכוּ'.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ט): "צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹהִי דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם", וָואס אִיז אַ גוּטֶע מִדָּה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְּן מִיט דֶעם? "רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר, עַיִן טוֹבָה", רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט אַ גוּט אוֹיג; שְׁטֶענְדִיג קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נד) אַז מָשִׁיחַ ווֶעט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי זַאךְ פוּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל א טז, יב): "יְפֵה עֵינַיִם

וְטוֹב רֹאִי", עֶר הָאט גֶעהַאט שֵׁיינֶע אוֹיגְן אוּן אַ גוּטֶע קוּק; עֶס אִיז אַ שְׁלֶעכְטִיקֵייט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֶערְן זֵייעֶרֶע שְׁכֵנִים אַרוֹיסְצוּבּוֹיעֶן וֶוען עֶס נֶעמְט גָארְנִישְׁט צוּ פוּן זֵיי.

אַ שָׁאד זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן אוּן זִיךְ פַּיינְט הָאבְּן וֶוען מֶען קֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם עַל פִּי תּוֹרָה.

## תרנט

### אֶפְשָׁר גֶעבְּט אִיר מִיר חִיזּוּק אֵיידֶער אִיךְ פַּאל אַוֶועק אִינְגַאנְצְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב אוּן אִיךְ וִויל הָאבְּן חִיזּוּק אֵיידֶער אִיךְ פַּאל אַוֶועק אִינְגַאנְצְן, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אֵיךְ מְבַטְּלִין

עַצְמוֹ", ווי אַזוי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵל, וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען אִיז אִין אַ שְׁוֶועֶרֶע מַצָב אִין מֶען שְׁפִּירְט ווי מֶען פַּאלְט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען פַּארְמַאכְט זִיךְ דִי מויל און דִי אוֹיגְן, דָאס אִיז בִּיטוּל", מֶען פְּרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת.

**צַדִיקִים** הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים עט, י): "לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם", אַ גוֹי זָאגְט "לָמָה, פַארְוָואס?" אָבֶּער אַ אִיד זָאגְט: "אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן", מֶען פַּארְמַאכְט זִיךְ דָאס מויל און מֶען פְּרֶעגְט נִישְׁט: "פַּארְוָואס? פַּארְוֶועןְ?" וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, מֶען פַּארְמַאכְט דִי אוֹיגְן און מֶען וִויל גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ס:): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם רָגִיל לוֹמַר", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן שְׁטֶענְדִיג: "כָּל דְעָבִיד רַחְמָנָא, לְטַב עָבִיד", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז גוּט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אַרַיין אִין זִיךְ, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דָאס אִיז נָאר פַאר זַיין אֵייבִּיגֶע טוֹבָה - דַאן לֶעבְּט עֶר שׁוֹין יֶעצְט אִין גַן עֵדֶן, אַזַא אֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן אַוֶועק פַאלְן אָדֶער אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן - רַחְמָנָא לִצְלָן, אַזַא אֵיינֶער - וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אַ שְׁוֶועֶרֶע צַייט - וֶוערְט עֶר נֶענְטֶער און נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶערִיבֶּער** בֶּעט אִיךְ דִיר, אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת חַס וְשָׁלוֹם זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט: "תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת". גֵיי אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, וָואס שְׁטֶערְט דִיךְ אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ טוֹישְׁן, דַיין לֶעבְן וֶועט דִיר שֵׁיין וֶוערְן אוּן דוּ וֶועסְט הַנָאָה הָאבְּן פוּן דַיין לֶעבְּן.

**אִין** אָנְהוֹיבּ אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט מַאכְט עֶר זִיךְ אַ מְחִיצָה צְווִישְׁן אִים אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נט, ב): "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם", מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶערִיבֶּער אִיז שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּ אִים כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ. אָבֶּער אַז מֶען בְּרֶעכְט דָאס דוּרְךְ מִיטְן בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, מֶען שְׁפִּירְט אַלֶע טַעֲמִים פוּן גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תרס

## מַיין וַוייבּ רֶעדְט צוּפִיל מִיט אִיר שְׁוֶועסְטֶער

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ גוּט לֶעבְּן, אַ שֵׁיינֶע פַּרְנָסָה, אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז, אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַּאנְקְבַּאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף.

עֶס אִיז אָבֶּער דָא אֵיין זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר אִין מַיין שָׁלוֹם בַּיִת. מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר אַסַאךְ פַּארְנוּמֶען צוּ רֶעדְן מִיט אִיר שְׁוֶועסְטֶער; וֶוען זִי רֶעדְט וֶוען סְתָּם זִיךְ אוֹיסְצוּלוּפְטֶערְן וָואלְט מִיר עֶס נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז זִי הָאט גֶענוּמֶען אִיר שְׁוֶועסְטֶער פַּאר אַ מַאן, יֶעדֶע זַאךְ פְּרֶעגְט זִי אִיר שְׁוֶועסְטֶער וָואס צוּ טוּן, אַנְשְׁטָאט מִיךְ צוּ פְּרֶעגְן, אוּן וֶוען זִי פְּרֶעגְט מִיךְ שׁוֹין יָא אַמָאל, אִיז עֶס נָאר יוֹצֵא צוּ זַיין, וַוייל זִי הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה.

בִּכְלַל זֶע אִיךְ אוֹיף מַיין וַוייבּ אַז זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן נֶערְוְון צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ, זִי הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער אוּן צוּ דִי שְׁטוּבּ, עֶס אִיז אִיר צוּפִיל פְּרֶעשׁוּר צוּ טְרָאגְן דִי אַחְרָיוּת פוּן פִירְן אַ שְׁטוּבּ.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, אוּן נֶעמְט אוֹיךְ אִין אַכְט אַז מַיין וַוייבּ וֶועט נִישְׁט וֶועלְן הֶערְן דֶעם עֶנְטְפֶער, זִי וִויל נִישְׁט הֶערְן פוּן בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער אֶפְשַׁר אִיז דָא אַ וֶועג פוּן מַיין זַייט אַלֵיין, וִוי אַזוֹי צוּ פַארְבֶּעסֶערְן דֶעם מַצָּב.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צוּ זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן; אוֹיבּ עֶפֶּעס טוּט וֵויי - דַארְף מֶען זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן. אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט, אָדֶער אֵיינֶער הָאט מוֹרָא פוּנֶעם צְוֵוייטְן צוּ רֶעדְן - אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

**אַז** דוּ ווִילְסְט דַיין ווַייבּ זָאל זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט דִיר, זִי זָאל דִיךְ שֶׁעצְן אוּן אָנְנֶעמֶען דַיין וָוארְט - וֶוענְדְט זִיךְ דָאס אִין דִיר, דָאס וֶוענְדְט זִיךְ ווִי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט אִיר. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין וַואסֶער מִיט אַ שְׁמֵייכְל'דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ שְׁמֵייכְל'דִיגֶע פָּנִים, אוּן וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין מִיט אַ בְּרוֹגֶז'דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ בְּרוֹגֶז'דִיגֶע פָּנִים; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מִיט דִי וַוייבּ, וֶוען דוּ וֶועסְט שֵׁיין רֶעדְן צוּ דַיין ווַייבּ אוּן אִיר גֶעבְּן גוּטֶע ווערְטֶער - וֶועט זִי צוּרִיק רֶעדְן צוּ דִיר שֵׁיין אוּן זִי וֶועט דִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן גוּטֶע ווֶערְטֶער. אַזוֹי אוֹיךְ, אַז דוּ וֶועסְט אִיר הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ - וֶועט זִי זֶען אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל פַאר אִיר, אוּן דָאס וֶועט עֶנְק מַאכְן נָאנְט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן. רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין ווַייבּ אוּן גֶעבּ אִיר גוּטֶע ווערְטֶער, וֶועט זִי דִיךְ לִיבּ הָאבְן אוּן זִי וֶועט אָנְנֶעמֶען דַיין מֵיינוּנְג.

**אַז** דַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ פִירְן דִי שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ אִיר הֶעלְפְן; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה ווִי צוּ הֶעלְפְן דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער. זוּךְ דִיר נִישְׁט קַיין גְמִילוּת חֲסָדִים אִינְדְרוֹיסְן, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ אִיר הֶעלְפְן - וֶועסְטוּ פַארְדִינֶען, סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט און סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועסְטוּ הָאבְן אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ מִיט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִיז זַייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס צִיט אוֹיף אַ שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

**רֶעד** נִישְׁט צוּ אִיר פוּן בְּרֶסְלֶב; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט: "וָואס גֵייט מִיךְ אָן אַז אַ אִיד וֶועט בֶּענְטְשְׁן אַן עֶרְלִיכְן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אָן ווִיסְן אַז עֶס קוּמְט פוּן מִיר"; רֶעד צוּ אִיר דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, זָאג: "צַדִיקִים זָאגְן", אָדֶער: "עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים"; וֶועט זִי דָאס אָנְנֶעמֶען און שְׁפֶּעטֶער וֶועט זִיךְ אַלֶעם טוּישְׁן.

**גֶעם** אַרַיין אִין דִיר דֶעם מַאֲמַר הֶחָכָם: "הַסֵּבֶל, תַּחְבּוּלָה לְמִי שֶׁאֵין לוֹ תַּחְבּוּלָה", סַבְלָנוּת אִיז דֶער וֶועג וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע וֶועג.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תרסא

## זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין בָּחוּר דְרֵייוְון אַ מָאטָאר בִּיצִיקְל?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ פַּיינֶער בָּחוּר, בְּעֵרֶךְ אַכְצְן יָאר אַלְט. עֶר לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, אָבֶּער עֶר דְרֵייוְוט אוֹיךְ אִין זַייטִיגֶע צַייטְן. יֶעצְט וִויל עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק נֶעמֶען לֵייסֶענְס צוּ דְרֵייוְון אַ מָאטָאר-סֵייקְל. מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק דֶערְצוּ, אִיךְ הַאלְט אָבֶּער אַז אַ בָּחוּר דַארְף זִיךְ קֶענֶען אַבִּיסְל אוֹיסְגֶעבְּן.

מִיר ווִילְן וויסְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דַיין** וַוייבּ אִיז גֶערֶעכְט מִיט דֶעם וָואס זִי ווִיל נִישְׁט אַז דַיין זוּן זָאל פִירְן אַ מָאטָאר-סֵייקְל, דָאס אִיז אַ סַכָּנָה נוֹרָאָה; מוֹהֲרַ"שׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן דְרֵייוְון אַ מָאטָאר-סֵייקְל, וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס אַרַיין צוּ לֵייגְן דַיין קִינְד אִין סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן?!

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "אִיתְּתָךְ גּוּצָא, גְּחִין וְתִלְחוּשׁ לָהּ", אַז דַיין וַוייבּ אִיז קְלֵיינְטְשִׁיג - בֵּייג זִיךְ אַרָאפּ צוּ אִיר, אוֹיסְהֶערְן וָואס זִי זָאגְט; אַז דוּ וֶועסְט

צוּהֶערְן דַיין ווייבּ וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אוּן הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר דַיין בָּחוּר אוּן אִים חֲתוּנָה מַאכְן וָואס פְּרִיעֶר אוּן שֶׁעפְּן נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער.

# תרסב

**ווִי אַזוֹי רֵיינִיג אִיךְ אוֹיס מַיין מֹחַ פוּן דִי מָאוִויס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, וּבִפְרָט פַאר דִי עֶנְטְפֶער וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן וֶועגְן אֱמוּנָה[יז]. אִיךְ קוּק שׁוֹין כִּמְעַט נִישְׁט קַיין מָאוִויס בָּרוּךְ ה', אֵיינְמָאל הָאבּ אִיךְ אָבֶער גֶעזֶען אַ מָאוִוי ווִי אַן אֶנְגֶעפִילְטֶע קַאר פַאלְט אַרַיין אִין וַואסֶער, אוּן ווִי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן רֶעאַגִירְן צוּ דֶעם. זַייט דֶעמָאלְט גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט אַרוֹיס פוּן קָאפּ, אִיךְ טְרַאכְט כְּסֵדֶר ווִי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט רֶעאַגִירְט צוּ אַזַא זַאךְ, וֶועמֶען אוּן ווִי אַזוֹי צוּ רַאטֶעוֶוען.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, אָבֶער דִי מַחֲשָׁבוֹת לוֹיפְן מִיךְ נָאךְ כְּסֵדֶר. אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי אִינְגַאנְצְן אוֹיסְצוּמֶעקְן פוּן מַיין קָאפּ אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע - אוּן אוֹיךְ נִישְׁט שְׁמוּצִיגֶע - מָאוִויס, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען.

---

יז. פְּרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תרמה.

אוֹיךְ אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר שְׁרַייבְּן דֶעם פָּסוּק וָואס מֶען דַארְף זָאגְן בַּיי דִי מְזוּזָה וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין גַאס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

---

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הוֹיבְּסְט אָן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי מָאוִוים; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן קוּקְן מָאוִוים. וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט מָאוִוים בְּלַייבְּט דָאס נָאכְדֶעם אִין דִי מֹחַ מַחְשָׁבָה אוּן מֶען קֶען פוּן דֶעם נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן נָאר דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**מָאוִוים** אִיז דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן בַּעַל פְּעוֹר בִּזְמַנֵינוּ. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִלְיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְרֶעגְט (לִקּוּטֵי שִׂיחוֹת, ד) דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְהוֹשֻׁעַ כב, יז): "אֶת עֲוֹן פְּעוֹר אֲשֶׁר לֹא הִטַּהַרְנוּ מִמֶּנּוּ עַד הַיּוֹם הַזֶּה", בִּיז הַיינְט זֶענֶען מִיר נָאכְנִישְׁט רֵיין פוּן דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר; דִי תּוֹרָה אִיז דָאךְ אַ נִצְחִיּוּת, ווִי אִיז שַׁיָּיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר? זָאגְט עֶר, וֶוען מֶען נֶעמְט נִידְרִיגֶע זַאכְן, פְּסוֹלֶת אוּן דְבָרִים שְׁפֵלִים אוּן מֶען הַאלְט דָאס חָשׁוּב - דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּעוֹר, עַיֵין שָׁם; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע מָאוִוים אוּן שְׁמוּצִיגֶע מַאגַאזִינֶען וָואס עֶנְטְהַאלְטְן

נִידְרִיגֶע און אויסְגֶעלַאסֶענֶע בִּילְדֶער וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דִי נִידְרִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס אִיז דָא אויף דִי וֶועלְט. אַז מֶען קוּקְט דָאס און מֶען מַאכְט אַן עֵסֶק דֶערְפוּן, דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּעוֹר.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין מַגָע וּמַשָׂא מִיט דִי עֲבוֹדָה זָרָה, וַוייל וֶוען מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן און מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאוִוים - וֶוערְט אוֹיסְגֶערִיסְן דִי אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לא) אֱמוּנָה און בְּרִית גֵייט צוּזַאמֶען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ"; און וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט עֶר דִי אֱמוּנָה.

**אַז** דוּ ווִילְסְט אוֹיסְמֶעקְן דִי אַלְטֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת - זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחְמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן און עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד". אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כָּךְ וְכָךְ" - וֶועט עֶר סוֹף כָּל

סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְש פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**זָאגְן** מִשְׁנָיוֹת אִיז דִי עֵצָה פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶעךְ אַריינְגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת וָואס בְּרֶענְגְט צוּ פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן; נָאר דָאס קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְש. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה; אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - פַארְלִירְט מֶען דֶעם מֹחַ. אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, דַּף קי): "סְלוֹקָא דִּיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּיסוֹד, גֵייט דֶער פְּגַם בִּיזְן מֹחַ; מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶענְטְרִירְן וְכוּ', אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אָן פַארְשְׁטֵיין, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי קְלִיפּוֹת.

"הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן" (יְשַׁעְיָה לג, ז) - זָאגְן דֶעם פָּסוּק אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אִין גַאס; אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רְאִיָּה חֵלֶק ב', סִימָן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק 'הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה' וְכוּ', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרסג

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין טַאטֶע?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ ה' אִין אַ גוּטֶע יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק. מַיין טַאטֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶער בִּיזְנֶעסמַאן, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פַּארְנוּמֶען אוּן אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט כְּסֵדֶר. אַסַאךְ מָאל וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים שְׁרֵייט עֶר אוֹיף מִיר קוֹלוֹת וּבְרָקִים, אוּן אַסַאךְ מָאל רֶעדְט עֶר יָא זֵייעֶר שֵׁיין צוּ מִיר, עֶר נֶעמְט מִיךְ אַרוּם אוּן שְׁמוּעֶסְט שֵׁיין מִיט מִיר, אָבֶּער נָאכְדֶעם אִיז וִוידֶער צוּרִיק צוּם שְׁרֵייעֶן, עֶר שְׁרֵייט וַוייטֶער מִיט קוֹלוֹת וּבְרָקִים אוֹיף מִיר; אַזוֹי גֵייט עֶס אַלְץ אַהִין אוּן צוּרִיק.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ צֶערִיסְן פוּן דֶעם, אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן זָאגְן וָואס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן מִיט חוּצְפָּה פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶוען זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיף**

דִיר; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ מִתְחַצֵף פַאר דִי עֶלְטֶערְן, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף דֶעם אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ. נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער עֶס אִיז גֶערֶעכְט, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט טָאר מֶען נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן פַאר טַאטֶע מַאמֶע.

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין טַאטֶע וָואס שְׁרֵייט אוֹיף דִיר וְכוּ', אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט מַמָשׁ וִוי דוּ וֶוערְסְט צֶערִיסְן פוּן דֶעם; נֶעם נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען אֵיינֶער שְׁרֵייט אוֹיף דִיר - וֶועט דִיר עֶס נִישְׁט אַזוֹי וֵויי טוּן. דֶער עִקָר פוּן וָואס דוּ וֶוערְסְט צֶערִיסְן וֶוען מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִיר אִיז וַוייל דוּ נֶעמְסְט עֶס פֶּערְזֶענְלִיךְ אוּן דוּ מֵיינְסְט אַז דָאס אִיז דַיין פְּרָאבְּלֶעם, יֶעדֶעס מָאל עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִיר וֶוערְסְטוּ פוּן דֶעם אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט, עֶר מַאכְט דִיךְ שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַ פֶּעלֶער וְכוּ'. אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט אַרֵיינְנֶעמֶען בַּיי דִיר אִין קָאפּ אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט שׁוּלְדִיג, נָאר וִוייבַּאלְד דַיין טַאטֶע אִיז פָּשׁוּט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט וְכוּ' שְׁרֵייט עֶר אוּן בַּאזִידְלְט דִיר - וֶועט דָאס דִיר בִּכְלַל נִישְׁט שְׁטֶערְן.

**אִיךְ** וֵויים פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס הָאט אַסַאךְ מַחֲלוֹקֶת, יֵשׁ דוֹרְשִׁין אוֹתוֹ לִשְׁבַח וְיֵשׁ דוֹרְשִׁין אוֹתוֹ לִגְנַאי, טֵייל מֶענְטְשְׁן רוֹמֶען אִים כְּסֵדֶר אוּן אַ טֵייל שְׁפֶּעטְן פוּן אִים, זָאגְט דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד שְׁטֶענְדִיג: "וֶוען מֶענְטְשְׁן רוֹמֶען מִיךְ וֶוער אִיךְ נִישְׁט נִתְפָּעֵל דֶערְפוּן, כְּדֵי אַז וֶוען מֶען וֶועט לַאכְן פוּן מִיר זָאל מִיר דָאס נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן. אִיךְ וֵויים קְלָאר - זָאגְט דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד - אַז דִי וָואס שְׁרֵייעֶן אוּן צֶעקְלַאפְּן

אַ צְוֵוייטְן אִיז דָאס זֵייעֶר אֵייגֶענֶע חִסָרוֹן, זֵיי דַארְפְן נָאךְ אַבִּיסְל אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זֵייעֶרֶע מִדוֹת, ווִידֶערְאוּם דִי וָואס רֶעדְן שַׁיין אוּן קָאמְפְּלִימֶענְטִירְן אִיז דָאס זֵייעֶר אֵייגֶענֶע מַעֲלֶה", זַיין גַאנְצֶע חִיוּת אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיט אוֹיף מֶענְטְשְׁן; פְּרוּבִּיר אוֹיס דֶעם וֶועג וֶועסְטוּ לֶעבְּן פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט.

**נֶעם** אַרֵיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, אוּן חַזֶר זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", זִינְג עֶס מִיטְן נִיגוּן, זִינְג עֶס אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף אִידִישׁ: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל, נָאר אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן אָן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַזוֹי בַּאפֶעלְן", דוּרְכְדֶעם וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער דָאס לֶעבְּן.

**נָאכְאַמָאל** בֶּעט אִיךְ דִיר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיר, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט חוּצְפָּה, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרסד

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע תְּקוּפָה אוּן דָאס מַאכְט מִיר אַסַאךְ בְּעַצְבוּת, אִיךְ וֶוער צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ פַאל אַרַיין אִין דֶעפְּרֶעסִיעֶ אוּן דָאס מַאכְט אַז אִיךְ זָאל קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אִיךְ וִויל הָאבְּן אַן עֵצָה אוּן חִיזוּק אַז אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אַלְץ הַאלְטְן פְּרֵיילִיךְ, נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַן עַצְבוּת, אוּן נִישְׁט קוּקְן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב', סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אִיז מַצְלִיחַ; אֲפִילוּ

עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, נָאכְדֶעם וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער יֶעצְט אַ שְׁוֶוערֶע צַייט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס מִיטְן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ מִיר זֶעעֶן דָאס נִישְׁט.

אַנְטְלוֹיף פוּן עַצְבוּת; עַצְבוּת אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס פַּיינְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת עַצְבוּת, סִימָן יד): "עַל יְדֵי עַצְבוּת, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֵין עִמּוֹ", וֶוען מֶען אִיז בְּעַצְבוּת שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט ווי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים פַאלְט עֶר נָאכְדֶעם אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת. ווַייל עַצְבוּת בְּרֶענְגְט פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן טו): "עַל יְדֵי עַצְבוּת רוֹאֶה קֶרִי", דוּרְךְ עַצְבוּת פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין טוּמְאָה רַחְמָנָא לִצְלָן; נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען פַארְשֶׁעמְט פַאר אַלֶעמֶען, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן יח): "עַל יְדֵי עַצְבוּת נִתְבַּזֶּה", דוּרְךְ עַצְבוּת וֶוערְט מֶען פַארְשֶׁעמְט פַאר אַלֶעמֶען; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֶען מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת.

שִׂמְחָה אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, ווַייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה - זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן צ; קסט) - הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס,

און דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה אויף פְּגַם הַבְּרִית. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ", אַז אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט: "יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ" - אִיז מֶער נִישְׁטָא קַיין עֲבֵירוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תרסה

### אויף חֲתוּנוֹת שְׁפָּארְט מֶען, פַארְוָואס אויף אוּמַאן גֶעבְּט מֶען יָא אוֹיס גֶעלְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט כְּסֵדֶר נִישְׁט אוֹיסְצוּגֶעבְּן אִיבְּרִיג גֶעלְט אויף אִידִישֶׁע שִׂמְחוֹת, אַז מֶען זָאל שְׁפָּארְן וִוי וַוייט מֶעגְלִיךְ און נִישְׁט מַאכְן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת.

לְמַעֲשֶׂה אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אוּמַאן, וָואס דָאס קָאסְט אויךְ אַסַאךְ גֶעלְט; דִי טִיקֶעטְס, אַכְסַנְיָא און אַזוֹי וַוייטֶער - דָארְט גֶעבְּט מֶען יָא אוֹיס אַסַאךְ גֶעלְט, פַארְוָואס אִיז דָאס אַנְדֶערְשׁ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין גְרוֹיסֶער חָכָם צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶער חִילּוּק פוּן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר נִישְׁטִיגֶע פָאר שָׁעָה וָוען מֶען מַאכְט אַ שִׂמְחָה, צוּ גֶעוויינֶען דֶערְבֵּיי אַבִּיסְל כָּבוֹד הַמְדוּמֶּה וְכוּ' - בִּיז אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט צוּלִיבּ פָארְן קַיין אוּמַאן צוּ אַ צַדִּיק וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען פַאר וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַז עֶר וֶועט אִים פַארְרֶעכְטְן מִיט אַן אֵייבִּיגֶער תִּיקּוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה, שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים - זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דִי אַלֶע וָואס פָארְן קַיין אוּמַאן אוּן צָאלְן אַלֶע גֶעלְטֶער זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בַּיי זֵיי

אִיז דָאס ווי וֶוען עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט. וֶוען מֶען שְׁטֵייט פַאר אַ מִשְׁפָּט נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס עֶס אִיז נָאר דָא; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ מִשְׁפָּט פוּן טוֹיט שְׁטְרָאף רַחְמָנָא לִצְלָן, דַאן נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס אִיז נָאר דָא אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - אֲפִילוּ עֶס זָאל קָאסְטְן אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן מֶען וֶועט טוּן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם גָאר טֵייעֶרְן לוֹיעֶר וָואס עֶר קֶען אֶפְשָׁר רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער גְרוֹיסֶער יוֹם הַדִין, וָואס: "וְכָל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנֶיךָ כִּבְנֵי מָרוֹן, כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ, מַעֲבִיר צֹאנוֹ תַּחַת שִׁבְטוֹ, כֵּן תַּעֲבִיר וְתִסְפֹּר וְתִמְנֶה וְתִפְקֹד נֶפֶשׁ כָּל חָי, וְתַחְתֹּךְ קִצְבָה לְכָל בְּרִיּוֹתֶיךָ, וְתִכְתֹּב אֶת גְּזַר דִּינָם", דַארְף דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ נֶעמֶען אַ גוּטְן לוֹיעֶר, אֵיינֶער וָואס וֶועט אִים הֶעלְפְן נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת.

**דֶער** רֶבִּי - עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער לוֹיעֶר וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט; דֶערְפַאר פָארְן מִיר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֲפִילוּ עֶס אִיז אוּנְז שְׁוֶוער, אוּן מִיר צָאלְן פַאר דֶעם אַלֶע גֶעלְט וָואס פַארְלַאנְגְט זִיךְ פַאר דֶעם - אַבִּי צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**עֶס** אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט פוּן מַאכְן שִׂמְחוֹת וֶוערְט מֶען אַ בַּעַל חוֹב, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ זִיךְ אַהִין צוּ טוּן; מֶען

בָּארְגְט פוּן חֲבֵרִים, קְרוֹבִים, מִשְׁפָּחָה אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן וֶוען עֶס קוּמְט אֵיין שִׂמְחָה נָאכְן צְוֵוייטְן. רֶבִּי נָתָן זָאגְט: "פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם גְלַייךְ, אָבֶּער פַאר אִיבְּרִיגֶע זַאכְן, פַּאר מוֹתְרוֹת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן - דָארְט וֶוערְט מֶען פַארְשְׁוַוארְצְט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר זָאל אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי גָלוּת פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם אוּן פוּן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע גָלוּת וָואס מִיר לֵייגְן זִיךְ אַלֵיינְס אַרוֹיף, עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָם וֶוערְן וָואס מִיר בֶּעטְן יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען: "וּשְׁבֹר עוֹל הַגּוֹיִם", דֶער גָלוּת פוּן דִי פֶעלְקֶער, "וְעוֹל הַגָּלֻיּוֹת", אוּן דִי אֵייגֶענֶע גָלוּת, "מֵעַל צַוָּארֵנוּ, וְתוֹלִיכֵנוּ מְהֵרָה קוֹמְמִיּוּת לְאַרְצֵנוּ".

## תרסו

### מַיין וַוייבּ זָאל נָאר נִישְׁט גֶעווָאוֹיר וֶוערְן וָואס אִיךְ טוּ

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בַּאלַאנְג נִישְׁט אִין בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער עֶס גֶעפֶעלְט מִיר זֵייעֶר דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר דֶרֶךְ, אוּן דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ בֶּעטְן הַדְרָכָה אוּן עֵצוֹת פוּנֶעם בְּרֶסְלֶבְ'ן וֶועג.

אִיךְ פַאל אַסַאךְ אַדוּרךְ אִין עִנְיְנֵי קְדוּשָׁה אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אוּן אִיךְ טָאר דָאס נִישְׁט הַאלְטְן בְּסוֹד פוּן מַיין וַוייבּ. אִיךְ וֵוייס

אָבֶער אַז ווי נָאר זי וֶועט גֶעוואוּיר וֶוערְן וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר - בִּין אִיךְ אַ פַארְלוֹירֶענֶער, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**טו** תְּשׁוּבָה וַוייל אַז נִישְׁט וֶועט זַיין דֶער סוֹף זַייעֶר בִּיטֶער; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (אִיּוֹב כד, טו): "וְעֵין נֹאֵף שָׁמְרָה נֶשֶׁף לֵאמֹר לֹא תְשׁוּרֵנִי עָיִן", דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת רֶעדְן זִיךְ אַיין אוּן טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'מִיר וֶועלְן וַוארְטְן עֶס זָאל וֶוערְן נַאכְט דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר טוּן עֲבֵירוֹת; מִיר וֶועלְן גֵיין אִין בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלֶעצֶער אַז קֵיינֶער זָאל אוּנְז נִישְׁט זֶען'. זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּמִדְבָּר רַבָּה ט, א): "הַנּוֹאֵף אוֹמֵר אֵין בְּרִיָּה יוֹדַעַת בִּי, לְפִי שֶׁכָּל מַעֲשָׂיו אֵינָן אֶלָּא בַּחֹשֶׁךְ", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט טַאקֶע אַז עֶר קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְפַרְסְמָן בָּעוֹלָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשֶׁעמְט אִים פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**מֶען** זֶעט מַמָּשׁ בְּחוּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין פָּארְאוֹיס גֶעזָאגְט פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, ווי דֶער סוֹף פוּנֶעם בַּעַל עֲבֵירָה אִיז אַז עֶר וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פַאר דִי

גַאנְצֶע וֶועלְט און מֶען בְּלַייבְּט אָן גָארְנִישְׁט. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן דש) "פַּעַם אַחַת הִתְלוֹצֵץ מִזֶּה וְאָמַר 'שֶׁעַל זֶה מְבַקְּשִׁים בְּכָל יוֹם אַל תְּבִיאֵנִי לִידֵי נִסָּיוֹן וְלֹא לִידֵי בִּזָּיוֹן', וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: 'אָדֶער אַ נִסָּיוֹן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן'", וַוייל אַז עֶס וֶוערְט אוֹיס נִסָּיוֹן וֶוערְט בִּזְיוֹנוֹת; הַיינְט קֶען מֶען מַמָּשׁ זֶען דֶעם רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ פוּן רֶבִּי'ן, דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי פָארְגֶעשְׁרִיטְן אַז וֶוען עֶס גֵייט אַרוֹיס אַ בִּילְד פוּן אֵיינֶעם וִוי עֶר דְרֵיידְט זִיךְ אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער וְכוּ' - וֶוערְט עֶר אִין אֵיין רֶגַע פַארְשֶׁעמְט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טוּ תְּשׁוּבָה, לָאז אָפּ דִי עֲבֵירוֹת און בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר דִיר מוֹחֵל זַיין, וַוארְט נִישְׁט קַיין אֵיין מִינוּט, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כו, ה): "עַל הַכֹּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַאֲרִיךְ אַפּוֹ, חוּץ מִן הַזְּנוּת", אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נִיאוּף רַחְמָנָא לִצְלָן דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מַאֲרִיךְ אַף, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשְׁטְרָאפְט מִיט אַ בִּיטֶערְן עוֹנֶשׁ.

**הָאב** שֵׂכֶל און דֶערְצֵייל גָארְנִישְׁט דַיין וַוייבּ, אָבֶּער טוּ תְּשׁוּבָה; אַז דוּ וֶועסְט אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

# תרסז

## ווי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶערְשְׁטְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶערְשְׁטְן, אִין דִי צַייט וָואס פוּן נַאטוּר אוֹיס וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף זֵייעֶרע עֶלְטֶערְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**ווִי** אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער - אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף; אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אֱמוּנָה. קִינְדֶער וָואס הֶערְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְכִים: "דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן", "מִיטְן אֵייבֶערְשְׁטְנ'ס הִילְף", "בֶּעט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן", "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶערְשְׁטֶער" - וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

**קִינְדֶער** כַאפְּן זִיךְ מֶער צוּ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג:): "בִּתְחִלָּה קוֹדֶם שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל, הָיְתָה הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה עִם כָּל אֶחָד

וְאֶחָד", פַאר מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט דִי שְׁכִינָה גֶערוּט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, "כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ נִסְתַּלְּקָה שְׁכִינָה מֵהֶם", אָבֶער ווִיבַּאלְד מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט - אִיז דִי שְׁכִינָה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען; וָואס אִיז דָאס 'שְׁכִינָה'? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווייסְט קְלָאר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס מֶען זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, נָאר עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר; אַזוֹי אוֹיךְ ווייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, דָאס מֵיינְט 'הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה' - דִי שְׁכִינָה רוּט בַּיי אִים. דֶעמָאלְט הוֹיבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ מִיט אִים אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט זַיין נָאנְטֶער חַבֵר.

**אָבֶער** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִצְלָן גֵייט אַרַיין אִין אִים חָכְמוֹת, שְׁטוּתִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי וֶועלְט וְכוּ'; מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן, אוּן מֶען גֵייט אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחְמָנָא לִצְלָן. דֶערִיבֶּער קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נָאךְ רֵיין - טוּעֶן דִי מִצְוֹת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע אֱמֶת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, צוּ זֵיי קֶען מֶען רֶעדְן רֵיינֶע אֱמוּנָה ווֶערְטֶער אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ.

**זָאלְסְטוּ** זֶען צוּ רֶעדְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים. דֶערְצֵייל זֵיי כְּסֵדֶר ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט וֶוען מֶען דַאוֶּוענְט אוּן מֶען בֶּעט אִים, זָאלְן זֵיי הֶערְן ווִי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַזוֹי הֵיילִיג אוּן גְרוֹיס דוּרְךְ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִין זֵיי אַרַיינְגֵיין אַ פֵייעֶר פוּן קְדוּשָׁה.

**קִינְדֶער** הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת, דָאס פְלַאקֶערְט אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט ווִיסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד". ווַייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט ווִי דֶער צַדִיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרסח

## זָאל אִיךְ מַסְכִּים זַיין צוּ אַ שִׁידוּךְ מִיט מֶער אַ פַארְמַאכְטֶע מֵיידְל?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, חִיזוּקִים, נִיגוּנִים אוּן בְּרִיוְון - מִיט וָואס אִיךְ לֶעבּ מַמָשׁ, אִיךְ וֵויס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶעם.

נָאךְ אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת הָאבְּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְהֶערְן שִׁידוּכִים פַאר מִיר בָּרוּךְ ה', אוּן אִיךְ בֶּעט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל אָנְקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ פַאר מִיר.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אָבֶּער אַזוֹי. דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין מִיר, אִיךְ פְּרוּבִיר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק, נִישְׁט צוּ קוּקְן וָואס אוּן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט, אָבֶּער נִישְׁט אֵייבִּיג קֶען אִיךְ זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְן יֵצֶר הָרַע. אִיךְ הָאף מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף אַז וֶוען אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט מִיר דָאס זַיין גְרִינְגֶער, אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן מִיר זוּכְן נִישְׁט אַזַא פַארְמַאכְטֶע מֵיידְל, נָאר מֶער אַן אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אוּן אַ בֶּעסֶערֶע; זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן דָאס אוּן זֵיי פְּרוּבִּירְן טַאקֶע דָאס בֶּעסְטֶע פַאר מִיר.

לֶעצְטְנְס הָאט מֶען אָנְגֶעטְרָאגְן אַ גֶעווִיסֶע שִׁידוּךְ וָואס דִי עֶלְטֶערְן פַארְלַאנְגֶען אַז זִי זָאל גֵיין מִיט גֶעווִיסֶע קָאפּ צוּדֶעק, נִישְׁט ווִי אַזוֹי מִיר גֵייעֶן, נָאר פְּרוּמֶער, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר אַבִּיסְל, אָבֶּער נָאךְ מֶער שְׁטֶערְט מִיר אַז זֵיי פַארְלַאנְגֶען אַז זִי מוּז זִיךְ אָפְּשֶׁערְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק.

כָאטְשׁ וָואס אוֹיךְ אִין מַיין פַאמִילְיֶע זֶענֶען פַארְהַאן אַ חֵלֶק וָואס שֶׁערְן זִיךְ, אָבֶּער אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט נֶעמֶען. כָאטְשׁ וָואס אִיךְ וֵויס אַז דֶער

עִקָּר אִיז נִישְׁט דִי אוֹיסְזֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, ווייל אִיךְ זִיךְ אָבֶער נִישְׁט פַארְעֶקְלֶען פוּן אִיר.

אִיךְ וֵוייס אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דָאס זָאגְן פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֵיי מִיךְ פַארְשְׁטֵיין אוּן זֵיי וֶועלְן זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ וֵוייס אָבֶער נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ זָאל זֵיי בֶּעטְן בִּכְלַל, אוֹיבּ אִיז דָאס אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אָדֶער נִישְׁט, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר עֵצָה'נֶען וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען אִין דֶעם עִנְיָן?

אוֹיךְ אִיז דֶער שִׁידוּךְ פוּן דִי זֶעלְבֶּע שְׁטָאט אוּן קְהִלָּה וואוּ אִיךְ וואוֹין אוּן בַּאלַאנְג. אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן דָא, אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי דְרוּק פוּן דִי קְהִלָּה. אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְן צוּ אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶער נִישְׁט זַיין נָאנְט צוּ דִי קְהִלָּה וואוּ אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן; אִיז דָאס אַ גֶערֶעכְטֶע טַעֲנָה נִישְׁט צוּ וֶועלְן הֶערְן אַ שִׁידוּךְ וֶועגְן דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶעס, אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַסַאךְ** בָּחוּרִים הָאבְּן דֶעם טָעוּת, זֵיי מֵיינֶען אַז מֶען קֶען נָאר הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ וְכוּ' - אוֹיבּ דִי וַוייבּ אִיז אָפְן צוּ דִי וֶועלְט; בִּפְרָט דִי בָּחוּרִים

וָואס הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעקוּקְט מִיט עֲבֵירוֹת אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן רַחְמָנָא לִצְלָן - זֵיי ווייסְן בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז. עֶס בּוֹיט זִיךְ אוֹיף אַ דִמְיוֹן אִין זֵייעֶר מֹחַ וָואס עֶס מֵיינְט לִיבְּשַׁאפְט דוּרְךְ דִי דִמְיוֹנוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקוּקְט, וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט לֶעבְּן. זֵיי מֵיינֶען אַז מִיט אַן עֶרְלִיכֶע וואוֹילֶע מֵיידְל וָואס גֵייט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְגְרֵייכְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז פִּינְקְט פַּארְקֶערְט, דַיְקָא מִיט אַן עֶרְלִיכֶע, וואוֹילֶע, רֵיינֶע מֵיידְל - קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ עֶרְרֵייכְן אֱמֶת'ע לִיבְּשַׁאפְט אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְזָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַּאר אַזֶעלְכֶע זַאכְן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אַז זִי וִויל גֵיין אָנְגֶעטוּן ווִי אִירֶע עֶלְטֶערְן, זִי וִויל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אִיר הָאר, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "תּוּנְבָא לֵיתֵי", אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, "עַל הַהוּא בַּר נָשׁ", אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, "דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ", וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, "דְתִתְחַזֵי מִשַׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר", אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. "וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָהּ", אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. "וְאִתְּתָא דְאַפִּיקַת מִשַׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר", אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, "לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ", זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, "גָרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא", אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּב, "וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא",

אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, "וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא", אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין אִיר שְׁטוּבּ, "מַאן גָּרִים דָּא", וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? "הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר", דִי פְּרוּי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס. אוּן פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער, אַ פְּרוּי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען, וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת, אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וֶועגְן דָאס בִּיסְל הָאר, אָבֶּער וָואס זָאל מֶען טוּן אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען עֶנְדֶערְשׁ גְרֵייט צוּ לַיידְן - וִוי אֵיידֶער זִיךְ אָפְּשֶׁערְן". עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין מִיט אַ טִיכְל אוּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר וִוי צוּ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל, אָבֶּער אַלֶע צַדִיקִים פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר הָאבְּן גֶעזָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ טְרָאגְן אַ שֵׁייטְל אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, וִוי אֵיידֶער גֵיין מִיט צֶען טִיכְלֶעךְ אוּן גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר".

אַז דוּ ווִילְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת, בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת דַארְפְסְטוּ נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּן וואוּ דוּ שְׁטַאמְסְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן נו; שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קלט): "כְּשֶׁיֵּשׁ לְהָאָדָם לֵב אֵין שַׁיָּךְ אֶצְלוֹ מָקוֹם כְּלָל, כִּי אַדְּרַבָּא, הוּא מְקוֹמוֹ שֶׁל עוֹלָם וְכוּ'"; אַ מֶענְטְשׁ

דַארְף צוּקוּמֶען צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועט אִים גוּט זַיין וואוּ עֶר אִיז נָאר, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעְרָאל.

**אִיךְ הָאף צוּ הֶערְן בְּקָרוֹב פוּן דִיר גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת.**

## תרסט

### דַארְף אִיךְ טַאקֶע נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַזָל טוֹב צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן אַייעֶר קִינְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּנֶעם פָּארְפָאלְק, עֶס זָאל זַיין אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָמָא אוּן אַ בִּנְיַן עֲדֵי עַד; אִין זְכוּת פוּן דִי אַלֶע שְׁטוּבֶּער וָואס אִיר רַאטֶעוֶועט מֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל.

אִיךְ זָאג דִי תְּפִלָּה פוּן שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, אָבֶּער בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "אַתָּה ה' יוֹדֵעַ כָּל תַּעֲלוּמוֹת, וּלְפָנֶיךָ נִגְלוּ מַצְפּוּנֵי לִבִּי, כִּי כַוָּנָתִי בְּכָל אֵלֶּה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ וּלְמַעַן תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה" - שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ ווִי אַ לִיגְנֶער, וַוייל אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אַז אִיךְ בֶּעט פַאר גוּטֶע קִינְדֶער מַמָּשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, אִיךְ מֵיין אַז עֶס אִיז מֶער פַאר כָּבוֹד אוּן מְנוּחָה, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיף אַזַא מַדְרֵיגָה; וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זַיי** וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זָאגְן דִי תְּפִלָּה אוֹיף גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן וֶוען דוּ זָאגְסְט דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּפִלַּת הַשְׁלָ"ה: "וּלְפָנֶיךָ נִגְלוּ מַצְפּוּנֵי לִבִּי, כִּי כַוָּנָתִי בְּכָל אֵלֶּה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ וּלְמַעַן תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה" - זָאלְסְטוּ נִישְׁט שְׁפִּירְן ווִי דוּ זָאגְסְט לִיגְנְט, וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז דָאס דַיין רָצוֹן אוּן דֶער רָצוֹן פוּן יֶעדְן אִיד, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן. יֶעדֶער אִיד ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לִשְׁמָהּ - פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, נָאר דֶער יֵצֶר הָרָע פַּארְדְרֵיידְט דֶעם קָאפּ, מֹחַ אוּן הַארְץ אַז מֶען זָאל נָאכְגֵיין תַּאֲווֹת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א בְּרֶענְגְט אִין דִי תְּפִלָּה וָואס עֶר פְּלֶעגְט זָאגְן יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מִיר פִירְן זִיךְ אוֹיךְ דָאס צוּ זָאגְן יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאכְן מַאכְן הַתָּרַת נְדָרִים. מִיר זֶענֶען דֶערְבֵּיי מְגַלֶּה דַּעַת אַז מִיר ווִילְן טוּן נָאר דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִין קָאפּ - אִיז מִצַּד דֶעם יֵצֶר הָרָע.

**אֵיידֶער** אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פַּאר אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְווִיסְט פוּן דִי זִיסֶע עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - פְּלֶעג אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ זָאגְן דִי תְּפִלּוֹת פוּן

סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, בִּפְרַט דִי "מְסִירַת מוֹדָעָה" ווי מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס אַז מֶען וויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווי מֶען וויל עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

**דָא** הָאסְטוּ דֶעם נוּסָח (צִיפּוֹרֶן שָׁמִיר סִימָן יב, אוֹת רו):

"הֲרֵינִי מוֹסֵר מוֹדָעָה לִפְנֵיכֶם שֶׁכָּל מַחֲשָׁבָה רָעָה וְהִרְהוּר רַע וּרְעוּתָא דְלִבָּא אִם יַעֲלֶה בְּלִבִּי וּמֹחִי, וּבִפְרָט בְּעֵת הַתְּפִלָּה וְתַלְמוּד תּוֹרָה בְּאֵיזֶה צַד וָאֹפֶן שֶׁאֵינוֹ לִכְבוֹד וּרְצוֹן הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ, מֵעַכְשָׁיו אֲנִי מְבַטֵּל אוֹתָן מַחֲשָׁבוֹת וְהִרְהוּרִים רָעִים וּרְעוּתָא דְלִבָּא אֲשֶׁר הֵם נֶגֶד רְצוֹן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּטּוּל גָּמוּר כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר, וּמִכָּל שֶׁכֵּן אִם אֲדַבֵּר אֵיזֶה דִּבּוּר רַע וְאִסּוּר מֵעַכְשָׁיו יִהְיוּ הַכֹּל בְּטֵלִים וּמְבֻטָּלִים. וְעַתָּה אֲנִי מְבָרֵר וּמְפָרֵשׁ בְּאֵר הֵיטֵב וַאֲנִי מְגַלֶּה דַעְתִּי וּרְצוֹנִי בְּכָל לִבִּי כִּי רְצוֹנִי וּמַאֲוַיִי וְכַוָּנָתִי לַעֲבֹד אֶת בּוֹרְאֵנוּ אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אֱלֹקֵי יִצְחָק וְיִשְׂרָאֵל עֲבוֹדָה שְׁלֵמָה, עֲבוֹדָה תַּמָּה בְּמַחֲשָׁבָה וְדִבּוּר וּמַעֲשֶׂה בְּיִרְאָה וְאַהֲבָה וְשִׂמְחָה כַּדָּת מַה לַּעֲשׂוֹת, וְכָל מַחֲשָׁבָה וְדִבּוּר וּמַעֲשֶׂה נֶגֶד רְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ מֵעַכְשָׁו בְּטֵלִים וּמְבֻטָּלִים, כִּי הֵם מִצַּד יֵצֶר הָרָע וְהַכֹּל הֶבֶל, בְּאֹפֶן שֶׁכָּל עֲבוֹדָתֵנוּ לַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ בְּמַחֲשָׁבָה וְדִבּוּר וּמַעֲשֶׂה הַכֹּל הוּא לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְפָנָיו דַוְקָא בְּלִי שׁוּם פְּנִיָּה כְּלָל וְעִקָּר, וְהַכֹּל הוּא לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ וּרְחִימוּ וּדְחִילוּ לְיַחֲדָא שֵׁם י"ה בְּו"ה בְּיִחוּדָא שְׁלִים בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל, לְדַעַת רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי וְרַבִּי אֶלְעָזָר בְּנוֹ, וּלְדַעַת רַבֵּינוּ יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי. [וּלְדַעַת הָרַב רַבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב וְתַלְמִידָיו, וּלְדַעַת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא וְתַלְמִידָיו], הַמָּקוֹם

בְּרַחֲמָיו יַעְזְרֵנוּ עַל דְּבַר כְּבוֹד שְׁמוֹ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי".

לֵייג אַוֶועק אַלֶע דַיינֶע חָכְמוֹת, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן חָכְמוֹת. קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יב): "עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דָאס עִקַּר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ ווי אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת. אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט מוֹרָא'דִיגֶע וֶוערְטֶער (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קד): "הָיָה אוֹהֵב מְאֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי פָּשׁוּט'עֶ עֲבוֹדוֹת, "שֶׁל סְתָם בְּנֵי אָדָם, הָאֲנָשִׁים הַפְּשׁוּטִים הַכְּשֵׁרִים", פוּן פָּשׁוּט'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן. "וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים כְּדֶרֶךְ הֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי וָואס זָאגְן אַלֶע תְּחִנּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִדּוּרִים, אַזוֹי ווי דִי פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ. "וְהָיָה מַזְהִיר וּמוֹכִיחַ אוֹתָנוּ כַּמָּה פְּעָמִים, לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת", דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אָנְזָאגְן אוּן אָנְוָוארֶענֶען אַז מִיר זָאלְן זִינְגֶען זְמִירוֹת אוּם שַׁבָּת, "וְהָיָה מַקְפִּיד וְכוֹעֵס מְאֹד עַל מִי שֶׁהוּא חָכָם בְּעֵינָיו וְאֵינוֹ מִתְאַמֵּץ לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי שַׁבָּת אוֹ שְׁאָר עֲבוֹדוֹת פְּשׁוּטוֹת", אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ פַאר חֲכָמִים אוּן זִינְגֶען נִישְׁט קַיין זְמִירוֹת שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי מְלַוֵּה מַלְכָּה, אוּן טוּעֶן נִישְׁט אַנְדֶערֶע פָּשׁוּט'עֶ עֲבוֹדוֹת, "כִּי

עִקָּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", ווייל דֶער עִקָּר אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט אָן קַיין חָכְמוֹת - ווִי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע ווֶעגְן.

# תרע

**מֶעג מֶען קוֹיפְן קְלֵיידֶער פוּן פָּארְאוֹיס?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי, עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן אִיךְ וַוארְט לְמַזָל טוֹב. אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ ווִיסְן וָואס עֶס וֶועט זַיין אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען מֶעג קוֹיפְן קְלֵיידֶער פוּן פָּארְאוֹיס.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**דַאנְקְט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אַז אִיר וַוארְט אִין אַ מַזָל'דִיגֶע

שָׁעָה. און זיכֶער זָאלְט איר יֶעדְן טָאג מִתְפַּלֵל זַיין אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין גְרִינְגֶערְהֵייט. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דוּרְכְאוֹיס דִי נֵיין חֳדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט וְכוּ' זָאל מֶען יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת צַדִיק חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַדִיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֶׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶבַע", דוּרְכְן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוֹישְׁן דִי טֶבַע; דֶערִיבֶּער אִיז גוּט אַז וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מֶען אַרוֹיסְזָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט אוֹיף אוֹיסְנְוֵוייניג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָוִד און שְׁלֹמֹה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרָא"ש - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, און נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, דֶערְנָאךְ זָאל מֶען זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים און אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט - גְרִינְגֶערְהֵייט. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע

קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה אוּן הֶעלְף מִיר אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִּיקִים, וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

לְכַתְּחִילָה אִיז בֶּעסֶער מֶען זָאל נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן פוּן פָּארְאוֹיס פַארְן קִינְד וֶועגְן עַיִן הָרָע אוּן נָאךְ כַּמָּה סִיבּוֹת, אוֹיךְ פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש זָאגְן נִישְׁט צוּ פְרֶעגְן דֶעם דָאקְטֶער וְכוּ'.

# תרעא

### וֶועט עֶר זַיין אַ גוּטֶער מַאן פַאר מַיין טָאכְטֶער?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אוּנְזֶער טָאכְטֶער תִּחְיֶ' אוּן מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף אוּנְזֶער טָאכְטֶער אוֹיב זִי אִיז אַזַא סָארְט וָואס אִיז זִיךְ מַכְנִיעַ. דָאס הָאט אוּנְז גֶעמַאכְט אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גֵיין וַוייטֶער מִיטְן שִׁידוּךְ, טְרַאכְטְנְדִיג אַז אֶפְשָׁר

וַוייזְט דָאס אַז עֶר אִיז אַ שוֹלֵט, אַ קָאנְטְרָאלִירֶער אוּן אַ דִיקְטַאטוּר, אוּן מִיר ווילְן נִישְט אוּנְזֶער טָאכְטֶער זָאל אַרייַנְפַאלְן מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

ווילְן מִיר זִיךְ מְיַעֵץ זַיין מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ הַאנְדְלֶען אִין אַזַא פַאל?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר פַאר אַן אֵיידֶעם זָאל מֶען דֶער עִקָּר קוּקְן אוֹיף דִי מִדּוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם פוּנֶעם בָּחוּר, וַוייל דֶער עִקָּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז דִי מִדּוֹת; יָא לֶערְנֶען נִישְׁט לֶערְנֶען - דָאס קֶען מֶען זִיךְ טוּישְׁן. אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אַלְס בָּחוּר, אָבֶּער נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעלָאזְט דָאס לֶערְנֶען, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג אַלְס בָּחוּר, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען; זֵיי הָאבְּן גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, זֵייעֶרֶע ווַייבֶּער הָאבְּן זֵיי מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר, צוּ הָאבְּן אַ רָב וְכוּ' אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְגַאנְצְן נִתְהַפֵּךְ גֶעוָוארְן לְטוֹב. אָבֶּער מִדּוֹת - דָאס אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דָאס אִיז זֵייעֶר

שְׁוֶוער אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ טוּישְׁן; אוּיבּ הָאט דֶער בָּחוּר נִישְׁט קַיין גוּטֶע מִדּוֹת, קוּמְט אַרוֹיס דֶער גַאנְצֶער אֱמֶת נָאכְדֶעם וָואס דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת עֶנְדִיגְט זִיךְ, מֶען טְרֶעפְט זִיךְ מִיט אַ חַיָ' אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה.

**אַזוֹי** אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נֶעמֶען אַ שְׁנוּר דַארְף מֶען זִיךְ נָאכְפְּרֶעגְן אוֹיף אִירֶע מִדּוֹת; צִי זִי וֶועט זַיין אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין פַאר אִיר מַאן אוּן טוּן זַיין רָצוֹן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): "אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה, כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ", וֶוער אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי? אַ פְרוֹי וָואס טוּט רְצוֹן בַּעְלָהּ, זִי אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאְרן מַאן וְכוּ'; דָאס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי. עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ צוּ פְרֶעגְן אוּיפְן מֵיידְל צִי זִי אִיז אַ מֵיידְל מִיט הַכְנָעָה, דָאס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז מֶען וֶוערְט אַ דִיקְטַאטוֹר, אוּיבּ אִיז דֶער בָּחוּר אַ קָאנְטְרָאלֶער - וָואלְט אִיר דָאס זִיכֶער גֶעהֶערְט פוּן חֲבֵרִים.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהַגוּנִים", דוּרְךְ תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תרעב

## מַיין מאן רֶעדְט אַסאַך מִיט זַיין נִיכְטֶע, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?[יח]

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי אוּן אִיךְ וִויל זִיךְ זַייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ בַּאקוּם אַסַאךְ חִיזוּק אוּן עֵצוֹת דֶערְפוּן, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר, מִיר הָאבְּן שׁוֹין בָּרוּךְ ה' עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער, אוּן מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ ה' אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט אוּן פְרֵיילִיךְ בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּב.

אִיךְ הָאב אָבֶּער אַ שְׁוֶועֶרע פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיךְ גֵיי אַדוּרְךְ שׁוֹין זַייט מַיין חֲתוּנָה, אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט דֶעם. מַיין מַאן הָאט אַ נִיכְטֶע מִיט וֶועמֶען עֶר אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר נָאנְט, אַזוֹי וַוייט אַז זַיי פְלֶעגְן פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן שְׁמוּעֶסְן אִינְאֵיינֶעם פַאר גָאר אַסַאךְ שָׁעוֹת, אוֹיךְ נָאךְ אוּנְזֶער חֲתוּנָה הָאט עֶר וַוייטֶער אָנְגֶעהַאלְטְן דִי פְרַיינְטְשַׁאפְט מִיט אִיר.

דֶערְוַוייל הָאב אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעגֶעסְן לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט פוּן דֶעם, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ פוּנְקְט אַז אִיךְ הָאב זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאהֶערְשְׁן, אִיךְ הָאב אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אוּן אִיר אָנְגֶעשְׁרִיגְן בָּרַבִּים, אוּן דַאן אִיז דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי זַאךְ.

לְמַעֲשֶׂה אָבֶּער, אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל אִיר אוֹיפְקְלֶערְן אַז זִי טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג, הָאט מֶען גָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אִיר. זִי אִיז אַ בַּאלִיבְּטֶע אֵיינִיקְל אוּן אִיךְ בִּין בְּלוֹיז אַ שְׁנוּר, אִירֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גָאר גֶעוָוארְן בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר פַארְן אִיר חוֹשֵׁד זַיין אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן זַיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאבְּן קַאלְטֶע בַּאצִיאוּנְגֶען מִיט מִיר.

---

יח. זֶע וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תשג.

אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ טִיפֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע, עֶס אִיז שִׁיעוּר אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז אַ גֶט. מִיט דִי צַייט הָאט זִי חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט בָּרוּךְ ה'. דִי גוּטֶע צַייטְן הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט אָנְגֶעהַאלְטְן פַאר צוּ לַאנְג, וַוייל יֶעצְט, צְוֵויי יָאר נָאךְ אִיר חֲתוּנָה - הָאט זִי ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן ווִי פְרִיעֶר מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט.

אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס. אוּן יֶעצְט מוּז אִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ גֵיין מֶער צוּ מַיין שְׁווִיגֶער צוּלִיב מַיינֶע קִינְדֶער וָואס דַארְפְן גֵיין צוּ דִי זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע, זִי אִיז אַסַאךְ דָארְטְן אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט וואוּ זִיךְ אַהִין צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה אוּן חִיזוּק ווִי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע גֶערֶעכְטֶע טַעְנוֹת וָואס אִיר הָאט אוֹיף אַייעֶר מַאן דַארְפְט אִיר ווִיסְן דֶעם הַקְדָּמָה אִין לֶעבְּן, דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צוּ זַיין אָפְּן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן. אַז עֶס טוּט וֵויי פַארְן מַאן עֶפֶּעס פוּן דִי וַוייבּ אָדֶער עֶס טוּט וֵויי פַאר דִי פְרוֹי עֶפֶּעס פוּן אִיר מַאן - דַארְף מֶען זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.**

**אוֹיב** מֶען רֶעדְט נִישְׁט, מֶען עֶסְט זִיךְ אוֹיף - אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער בַּיים סוֹף; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט, עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אַרוֹיס וָואס בַּאדֶערְט אִים אוּן וָואס דְרוּקְט אִים - וֶוערְט עֶר מִיט דִי צַייט אָנְגֶעגֶעסְן אִין זִיךְ וְכוּ', דָאס לִיבְּשַׁאפְט פוּן אֵיינֶער צוּם צְווייטְן וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן אוּן וֶוען מֶען קֶען דָאס מֶער נִישְׁט נֶעמֶען אוּן עֶס פְּלַאצְט אוֹיס - אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט; אַסַאךְ מָאל צֶעפַאלְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער נָאר וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט. מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעגֶעסְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְווייטְן בִּיז מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט מֶער אוּן מֶען הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין אֵיינֶער אוֹיפְן צְווייטְן. אַזוֹי ווִי אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט זִי פַארְשֶׁעמְט בָּרַבִּים וָואס דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ דִי מִשְׁפָּחָה אַריינְגֶעמִישְׁט וְכוּ' אוּן אִיר זֶענְט אַריינְגֶעפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

**נֶעמְט** דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן, וֶועט אִיר זֶען ווִי אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן; רֶעדְט שֵׁיין צוּ אַייעֶר מַאן, זָאגְט אִים ווִי שְׁטַארְק עֶס טוּט אַייךְ וֵוי וֶוען עֶר פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אִיר, פַארְצֵיילְט אִים אַז אִיר קֶענְט דָאס נִישְׁט נֶעמֶען, דָאס שְׁטֶערְט אַייךְ אוּן שְׁוַואכְט אָפּ אַייעֶר קֶשֶׁר מִיט אִים, זָאגְט אִים: "עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְג מִיט מִיר, שְׁמוּעֶס מִיט מִיר בִּיז פִיר אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס"; פְּרֶעגְט אִים: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז דוּ זָאלְסְט מִיט מִיר פַארְבְּרֶענְגֶען?" וֶועט אִיר זֶען ווִי עֶר וֶועט אָפְּלָאזְן וְכוּ'.

**וֶוען** אִיר דֶערְצֵיילְט אִים וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט זוּכְן אִים אַרָאפְּצוּקְלַאפְּן אוּן בַּאשׁוּלְדִיגְן, אִיר זָאלְט

בְּעִקָר אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אַז דָאס שְׁטֶערְט אַייךְ און אַז דָאס נֶעמְט אַייךְ אַוֶועק אַייעֶר שְׁלָאף, אַייעֶר קָאפּ און מֹחַ; וֶועט אִיר זֶען ווִי עֶר וֶועט אַלֶעס טוּן פַאר אַייךְ און עֶר וֶועט נִישְׁט רֶעדְן מֶער מִיט אִיר.

**אִיךְ** בִּין זִיכֶער אַז אוֹיב אִיר וֶועט רֶעדְן מִיט אַייעֶר מַאן נָאכְאַמָאל, אִיר וֶועט רֶעדְן מִיט אִים שֵׁיינֶע דִבּוּרִים מִיט חָכְמָה, וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין. שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּב און אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט עֶס מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט; פְרוֹיעֶן הָאבְּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אִין זִיךְ, זֵיי קֶענֶען דָאס נוּצְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן זֵייעֶר שְׁטוּב און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט - אַלֵיינְס חָרוּב מַאכְן זֵייעֶר שְׁטוּב. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דִי פְרוֹיעֶן וֵוייסְן נִישְׁט פוּן זֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת; אַנְשְׁטָאט זִיךְ טַעְנָה'ן מִיטְן מַאן, אַנְשְׁטָאט זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִים - קֶען מֶען דָאס טוּן מִיט חָכְמָה; אַז מֶען גֶעבְּט דֶעם מַאן לִיבְּשַׁאפְט, מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ אִים - וֶועט עֶר פוּן זִיךְ אַלֵיינְס זַיין גוּט און וואוֹיל.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרעג

## פַארְוָואס רֶעדְט מֶען נִישְׁט אָפְן צוּ קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ וואוּילֶער אִינְגֶערְמַאן, כָּאטְשׁ הֵיים אִיךְ אַזוֹי, אָבֶער אִין הַארְץ שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ בִּין חָרוּב אִינְגַאנְצְן, מַיין גַאנְצֶער מֹחַ אִיז פוּל מִיט נַארִישֶׁע אוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען כְּסֵדֶר. דָאס קוּמְט נָאךְ פוּן אַלְס בָּחוּר וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוּיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְן קַיין חִיזּוּק אוּן גֶעזָאגְט קְלָאר וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער וִויל.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז וֶוען אִיךְ זָאל וֶוען הָאבְּן אֵיינֶעם אַלְס אִינְגֶל אוּן בָּחוּר וָואס זָאל מִיר זָאגְן פֶּערְזֶענְלִיךְ וָואס אִיךְ טָאר נִישְׁט טוּן, אוּן זָאל מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק אוֹיף דֶעם - וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעטוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אִיךְ קֶען בֶּאֱמֶת נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דִי מְלַמְדִים אוּן מְחַנְכִים, מַגִּידֵי שִׁיעוּר אוּן רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת - רֶעדְן נִישְׁט אָפְן צוּ דִי קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים, זֵיי זָאלְן וִויסְן וָואס זֵיי טָארְן נִישְׁט טוּן, דָאס וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט פַארְמַיידְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִין דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער אוֹיף מְלַמְדִים אוּן מְחַנְכִים פַארְוָואס זֵיי גְרֵייטְן נִישְׁט אָן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ**

אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זִינְקֶען אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן, בְּשַׁעַת וָואס אַלֶע צַדִּיקִים פוּן פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר - וּבִפְרַט הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִסַּאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - הָאבְּן מַזְהִיר גֶעוֶוען דִי מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אָפֶענֶע דִיבּוּרִים פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית.

**עֶס** זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעוִויסֶע בַּיי דִי אֲסִיפַת הַמְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעְנָה'עֶט אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, מִיטְן טַעְנָה, 'אַז מֶען וֶועט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי וִויסְן וְכוּ'', הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִסַּאטְמֶער גֶעקְלַאפְּט אִין טִישׁ אוּן גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף יָא רֶעדְן, אוּן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט וֵוייסְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער בִּכְלַל פוּן וָואס זִיךְ צוּ הִיטְן.

**בַּיי** יֶענֶע אֲסִיפָה הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ (רַבָּא, פֶּרֶק יח) אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: אִיךְ הָאבּ אַמָאל אָנְגֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ תַּלְמִידִים - בְּעֵרֶךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים; נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט פוּן דֶעם מְלַמֵּד, וֶוען אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם מְלַמֵּד זִיךְ צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן מִיט אִים הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן צוּזַאמֶען מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעשְׁטָארְבְּן. הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען פַארְוָואס דֶער מְלַמֵּד מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי תַּלְמִידִים, זֶענֶען אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְּן, בִּיז

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן מִיךְ גֶעפְרֶעגְט: "אֵלִיָהוּ, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט, "צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן...?!" הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "וֵוייל נִישְׁט אֵלִיָהוּ, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, זֵיי הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג"; הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמֶער אוֹיסְגֶעפִירְט פַאר דִי מְלַמְדִים: "דָא זֶעט מֶען דֶער חִיוּב וָואס מְלַמְדִים הָאבְּן צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן".

**עֶס** לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף עֶלְטֶערְן צוּ רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּהִיטְן, נִישְׁט אָנְרִירְן בַּיים בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוּן זִיכֶער זָאלְן זֵיי אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מְגֻלִּים אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט טוּן מִיט זֵיי מַעֲשֵׂי תּוֹעֵבָה; עֶס אִיז אַ וֵוייטָאג צוּ הֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן וְוִי זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ אִין זֵייעֶר לֶעבְּן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְויסְט וְוִי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז.

**אוֹיף** דֶעם וָואס דַיין מֹחַ אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ'; טוּ דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, זָאג אִים וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע טוּט מִיט דִיר אוּן וְוִי שְׁטַארְק דוּ וְוילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דוּרְכְדֶעם וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִיר אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ צוּ אוֹיסְוַואשְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס בְּרֶענְגְט אַ נַייעֶר נְשָׁמָה אוּן אַ נַייעֶ מֹחַ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תרעד

### וָואס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאלְטְן וֶועגְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְּן אַ בִּיאוּר אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן נט; לִקּוּטֵי עֵצוֹת עֶרֶךְ בָּנִים סִימָן טו): "מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים שֶׁיִּתְקַיְּמוּ אֶצְלוֹ לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם, דְּהַיְנוּ לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם הַרְבֵּה וּלְשַׁעֲשֵׁעַ אִתָּם בְּכָל פַּעַם. רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם, רַק מַה שֶּׁצְּרִיכִים לְחַנְּכָם בַּעֲבוֹדַת ה' כְּשֶׁמַּתְחִילִין לְהִתְגַּדֵּל, אֲבָל לֹא לְהִשְׁתַּעֲשֵׁעַ בָּהֶם הַרְבֵּה", עֶס אִיז בֶּעסֶער פַאר דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ זַיין צוּ נָאנְט צוּ זֵיי, נִישְׁט צוּפִיל פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי, עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זֵיי, נָאר זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין צוּ עֲבוֹדַת ה' וֶוען זֵיי הוֹיבְּן אָן צוּ אוּנְטֶערְוַואקְסְן.

הַיינְט רֶעדְט מֶען אַזוֹיפִיל ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַוֶועקְגֶעבְּן אַסַאךְ צַייט פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְהֶערְן אוּן זֵיי גֶעבְּן אַסַאךְ אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. ווִי אַזוֹי שְׁטִימְט דָאס מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ תְּשׁוּבָה פַאר דַיין שְׁאֵלָה אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל (אִידִישׁ חֵלֶק ב, מִכְתָּב רסט), וואו מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָא הָאסְטוּ דֶעם בְּרִיוו גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ מוֹהֲרָא"שׁ אִין אִידִישׁ:

**בְּעֶזְרַת** הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מַסְעֵי, כ"ז תַּמּוּז ה'תשע"א.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וָואס מֵיינְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"ט) "מְסוּגָּל יוֹתֵר לְבָנִים, לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם, לִבְלִי לִהְיוֹת דָבוּק בָּהֶם לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם, רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלַל"; דָאס הֵייסְט עֶס אִיז זֵייעֶר מְסוּגָּל פַאר קִינְדֶער אַז מֶען לֶעטְשְׁקֶעט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי אַזוֹי וְכוּ', אוּן מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי וְכוּ'.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, עֶס אִיז דָא אַ כְּלַל, אוּן עֶס אִיז דָא אַ יוֹצֵא מִן הַכְּלַל. אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי דַארְף מֶען קִינְדֶער מְקַרֵב זַיין, וּבִפְרַט אִין הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס דִי גַאסְן זֶענֶען הֶפְקֵר, אוּן עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם לֵיידִיג-גֵייעֶרְס, פִּיסְטֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ קַיין שׁוּם תּוֹכָן נִישְׁט, דַארְף דֶער

טאַטֶע זֶען אָנְצוּבּוּנְדְן מִיט זַיין זוּן אַ פְּנִימִיוּת'דִיגֶער קֶשֶׁר וָואס דֶער קִינְד זָאל הָאבְּן צוּטְרוֹי צוּם טַאטְן, אוּן זָאל זִיךְ קֶענֶען מִיט אִים דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן יֶעדֶע זַאךְ, דָאס הֵייסְט מִיט אַ קִינְד דַארְף מֶען רֶעדְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט מִיט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער, אוּן דָאס הָאט אַ קִינְד לִיבּ, אַז מֶען בּוֹיעֶט אִים אוֹיף, אוּן מֶען בַּאנֶעמְט זִיךְ מִיט אִים אוּן מֶען פִּירְט זִיךְ אוֹיף מִיט אִים פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מִיט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער, דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף דֶעם קִינְד, אוּן עֶר וֶוערְט זֶעלְבְּסְשְׁטֶענְדִיג, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר הַצְלָחָה אִין זַיין צוּקוּנְפְטֶער לֶעבְּן, מַה שֶׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען טְשַׁאטְשְׁקֶעט זִיךְ מִיטְן קִינְד וְכוּ', אַזוֹי וִוי מִיט אַ בֶּעבִּי, אוּן מֶען קוּשְׁט אִים אַלְץ אוּן מֶען הַאלְזְט אִים אַלְץ, אוּן מֶען בַּאנֶעמְט זִיךְ מִיט אִים וִוי מִיט אַ קְלֵיין קִינְד, בְּלַייבְּט עֶר מִיט אַ קְלֵיינֶעם שֵׂכֶל.

אוּן דָאס אִיז דֶער כְּלַל, אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט קוּשְׁן אוּן הַאלְזְן דָאס קִינְד, אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים לִיבּ, דָאס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מִיט אַ קוּשׁ אָדֶער מִיט אַ גְלֶעט הָאט מֶען אִים לִיבּ, אַדְרַבָּה מֶען מַאכְט אִים עֶר זָאל בְּלַייבְּן אַ בֶּעבִּי, אַ שֵׂכֶל פוּן אַ קְלֵיין קִינְד. דֶער יוֹצֵא מִן הַכְּלַל אִיז אַז מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט אַ קִינְד אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט מִיט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶעם אוּן אִים מַסְבִּיר זַיין יֶעדֶע זַאךְ אַזוֹי וִוי מֶען אִיז מַסְבִּיר אַ גְרוֹיסְן פַארְשְׁטֶענְדְלִיכְן מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף דֶעם שֵׂכֶל פוּן קִינְד.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן הָרַב הַחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר זַ"ל וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אִין אוּמַאן

אויף דִי שִׂיחָה דֶעם לָשׁוֹן, "מֶען קוּשְׁט נִישְׁט און מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט", אַ קִינְד, און עֶר הָאט עֶרְקְלֶערְט דֶעם מֵיינוּנְג פוּן דִי וֶוערְטֶער, דָאס אַז מֶען קוּשְׁט צוּפִיל אַ קִינְד וֶוערְט עֶר צֶעוּוילְדֶעוֶועט און מֶען דַארְף אִים נָאכְדֶעם שְׁלָאגְן עֶר זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי ווילְד.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען לְכַתְּחִילָּה נִישְׁט קוּשְׁן, וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין ווילְד, עֶר וֶועט הָאבְּן יִרְאָה און פַּחַד פוּן טַאטְן, און מֶען וֶועט אִים נִישְׁט דַארְפְן שְׁלָאגְן.

**דָא** הָאסְטוּ אַ קְלָארֶע הֶסְבֵּר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט קִינְדֶער.

**מַאךְ** זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דָארְט וֶועסְטוּ טְרֶעפְן תֵּירוּצִים אויף אַלֶע דַיינֶע שְׁאֵלוֹת און סְפֵיקוֹת; עֶס וֶועט דִיר קְלָאר וֶוערְן אַ וֶועג פַארְן לֶעבְּן אִין יֶעדֶע הִינְזִיכְט, הֵן אִין שָׁלוֹם בַּיִת און אַזוֹי אויךְ אִין חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, ווי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין מִיט עֶלְטֶערְן וְכוּ' וְכוּ'.

**אוֹיבּ** עֶס אִיז דִיר גְרִינְגֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין אִידִישׁ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִין אִידִישׁ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַכְט הוּנְדֶערְט בְּרִיוו אִין אִידִישׁ פַאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תרעה

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין טַאטֶע ווִיל אַנְדֶערְשׁ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיז מִיר מְחַיֶּ' יֶעדְן טָאג. אִין דֶעם זְכוּת זָאג אִיךְ יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים.

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אוּן אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן[יט] אַז אַ מֵיידְל זָאל נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט מִיט הוֹיזְן ווַייל עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת; וָואס טוּ אִיךְ אָבֶּער אַז מַיין טַאטֶע ווִיל דַוְקָא אַז אִיךְ זָאל יָא אַזוֹי טוּן? עֶר צְווִינְגְט מִיר נִישְׁט עֶס צוּ טוּן, אָבֶּער עֶר ווִיל עֶנְדֶערְשׁ אַז אִיךְ זָאל יָא שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט אוֹיךְ מִיט הוֹיזְן, וָואס דַארְף אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**זַייט ווַייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט** (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפה)**: "אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אַז מֶען זָאגְט, אִיז אַזוֹי ווִי אַ פָּאנְטְשׁ";**

---

יט. פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תרכו.

גֶעוֶועְנְלִיךְ הַאלְט אַ מֶענְטְשׁ מִיט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג טְרִינְקֶען אַז אוֹיב עֶר וֶועט זַיין דָארְשְׁטִיג - זָאל עֶר הָאבְּן עֶפֶּעס צוּ טְרִינְקֶען, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים כְּדֵי צוּ גֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען פַאר זַיין נְשָׁמָה.

**וואוֹיל** אִיז דֶעם וָואס זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן עֶנְדִיגְן סֵפֶר תְּהִלִּים יֶעדֶע וָואךְ, אַזוֹי פִירְן זִיךְ אוֹיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי פָּשׁוּט'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים. הָרַב הַקָדוֹשׁ מִסַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם שִׂיחָה אִין סֵפֶר וַיוֹאֶל מֹשֶׁה (מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ) אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי אַלֶע עֶרְלִיכֶע פָּשׁוּט'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

**בְּנוֹגֵעַ** גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת וְכוּ' וֶוען אַייעֶר טַאטֶע ווִיל אִיר זָאלְט דַוְקָא גֵיין מִיט הוֹיזְן, אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיר זָאלְט טוּן; עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם, וַוייל פוּן אֵיין זַייט אִיז כִּיבּוּד אָב וָאֵם זֵייעֶר אַ חָשׁוּב'עֶ מִצְוָה, אַזוֹי ווִייט אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א) אַז דָאס אִיז חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת, דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְווֹת וָואס אִיז דָא, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז צְנִיעוּת אוֹיךְ זֵייעֶר אַ חָשׁוּב'עֶ זַאךְ, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן ווִי אַזוֹי דִי תּוֹרָה הֵייסְט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידוּשִׁין פֶּרֶק א, הֲלָכָה ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי אוֹמֵר, גָּדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי זָאגְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע מֶער ווִי מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס; זָאלְט אִיר ווַייטֶער מְכַבֵּד זַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן אִיר זָאלְט זָאגְן פַאר אַייעֶר טַאטֶע, מֶען הָאט אַייךְ גֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת פַאר אַ מֵיידְל צוּ גֵיין מִיט הוֹיזְן, וֶועט עֶר הָאבְן נַחַת פוּן אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תרעו

### מַיין לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק צָרוֹת, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי וֶוערְטֶער זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא דָאס גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן פַאר אַייעֶר גֶעטְרֵיישַׁאפְט צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס אוּן עֶר וֶועט אַייךְ זִיכֶער בַּאצָאלְן.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל פוּן זֵייעֶר אַ צֶעפָּארֶענֶע צֶעפְּרַאסְקֶעטֶע שְׁטוּבּ. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁלוֹם בַּיִת, מִיר הָאבְּן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט אִין שְׁטוּבּ.

מַיין מַאמֶע שְׁרַייט אַסַאךְ אוֹיף מִיר אִין פָּארְנְט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר גֶעוָואלְט שְׁלֶעכְטְס טוּן, מַיינֶע בְּרִידֶער שְׁלָאגְן מִיךְ כְּסֵדֶר, יֶעדֶע פָּאר טֶעג דַארְף אִיךְ אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּב אוּן צוּ דֶעם אַלֶעם אִיז מַיין טַאטֶע לֶעצְטְנְס קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן לִיגְט אִין שְׁפִּיטָאל. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין זַיידֶע בַּאבֶּע צוּ וֶועמֶען אִיךְ קֶען גֵיין, מַיין סֶעמִינַאר הָאט זִיךְ פַארְמַאכְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע פְּלַאץ וואו צוּ זַיין אוּן מַיין לֶעבְּן אִיז אִינְגַאנְצְן חָרוּב. שַׁבָּת דַארְף אִיךְ זִיךְ אַלֵיינְס צוּשְׁטֶעלְן אוּן נִיטְאַמָאל עֶסְן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט.

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵק מִיט אַ זַאךְ וָואס אֵיינֶער הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁלָאגְט נִישְׁט צְוֵויי מָאל, אוּן אוֹיבּ לַייד אִיךְ אַזוֹיפִיל צָרוֹת אַלְס מֵיידְל - וֶועט מִיר מִסְתָמָא גֵיין גוּט נָאךְ דִי חֲתוּנָה. אִיךְ בִּין אָבֶּער נִישְׁט זִיכֶער אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע אֱמֶת, וַוייל לְמַעֲשֶׂה וַוייסְן מִיר דָאךְ אַז יֶעדֶער דַארְף לַיידְן, אוּן אֶפְשַׁר וֶועל אִיךְ וַוייטֶער הָאבְּן צָרוֹת נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוֹיךְ?

אִיךְ מוּז הָאבְּן חִיזּוּק זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, מַיין הַארְץ אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוַואךְ פוּן אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן יְסוּרִים טָאג טֶעגְלִיךְ; אִיךְ הָאף זֵייעֶר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קצד): **"אַחַר כָּל הַיִּסּוּרִים, אַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵטִיב עִמָּנוּ",**

נָאךְ אַלֶע יִסּוּרִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְש - גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, "רַק שֶׁאֵין אָנוּ רוֹצִים לְהַקְטִין אֶת הַיִּסּוּרִים", נָאר דֶער מֶענְטְש אַלֵיינְס וִויל זִיךְ נִישְׁט גְרִינְגֶער מַאכְן מִיטְן אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים.

**אֲפִילוּ** מֶען גֵייט אַרִיבֶּער בֶּאֱמֶת שְׁוָוערֶע בִּיטֶערֶע יִסּוּרִים, "אֲבָל נֶגֶד דְבֵקוּת אֶחָד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַה שֶּׁזּוֹכִין לְאֵיזֶה בְּחִינָה שֶׁל דְּבֵקוּת בְּמַחֲשָׁבָה אוֹ בִּבְחִינָה אַחֶרֶת", אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְש וֶוערְט נֶענְטֶער דוּרְךְ דֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כָּל הַיִּסּוּרִים אֵינָם כְּלוּם נֶגֶד זֶה", אִיז אַלֶע יִסּוּרִים גָארְנִישְׁט אַנְטְקֶעגְן דֶעם, "וְעַל יָדָם בְּעַצְמָם מִתְקָרְבִים וּמִתְדַּבְּקִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", וַוייל דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט אַ מֶענְטְש נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "כִּי נוֹטְלִין מִמֶּנִּי הַבְּרִיאוּת גּוּפִי, מִי נוֹטֵל מִמֶּנִּי הַבְּרִיאוּת, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אִם כֵּן אֲנִי נִדְבָּק בּוֹ יִתְבָּרַךְ", מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין 'וֶוער מַאכְט מִיר דִי אַלֶע וֵוייטָאג? וֶוער נֶעמְט מִיר אַוֶועק מַיין גֶעזוּנְט? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס בְּרֶענְגְט מִיר דָאךְ דִי יִסּוּרִים, אוֹיב אַזוֹי וֶוער אִיךְ נֶענְטֶער צוּ אִים'. "וְכֵן כְּשֶׁלּוֹקֵחַ חַס וְשָׁלוֹם, אֵיזֶה בֵּן. מִי לוֹקֵחַ, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אִם כֵּן אַדְּרַבָּא עַתָּה הוּא סָמוּךְ יוֹתֵר אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בָּעוֹלָם הַבָּא סְמוּכִין יוֹתֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם מֶען פַארְלִירְט אַ קִינְד אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין 'וֶוער הָאט דָאס מִיר אַוֶועק גֶענוּמֶען? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוֹיב אַזוֹי וֶוער אִיךְ דָאךְ נֶענְטֶער צוּ אִים'; עַיֵּין שָׁם.

**אַז** אִיר ווילְט אַבִּיסְל חִיזוּק זָאלְט אִיר אַרייְנְקוּקְן אִין צַוָאַת מוֹהֲרָא"ש, וֶועט אִיר אַנְדֶערְש רֶעדְן אוּן טְרַאכְטְן. אִיךְ בְּרֶענְג אַייךְ אַרָאפּ אַ שְׁטִיקְל וואוּ מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט וֶועגְן זַיינֶע יִסוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיי אוּנְז אַלֶע מִיר זָאלְן אָנְנֶעמֶען בְּאַהֲבָה וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז יִסוּרִים.

**צַוָאַת** מוֹהֲרָא"ש, אוֹת יד:

"מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וויפִיל יִסוּרִים אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קַיין שׁוּם גֻזְמָא. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט פוּן דִי פִילֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן אַלֶע זַייטְן, פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם אַז בָּרוּךְ ה' אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵויים אַז אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן אִיךְ בִּין נָאר אַנְטְלָאפְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז וָואס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיבֶּערְקוּמֶען מַיינֶע פִילֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

**דֶערִיבֶּער** זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְקְט וָואס דִי חֲזַ"ל

זָאגְן (תַּנְחוּמָא, תֵּצֵא): 'צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחֲזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָּה? שֶׁהַיִּסוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא' - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שִׁיקְט אִים יִסוּרִים. פַארְוָואס? וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סִפְרִי, וָאֶתְחַנַּן): 'יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסּוּרִין יוֹתֵר מִן הַטּוֹבָה, שֶׁאִילוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחַל לוֹ עָווֹן שֶׁבְּיָדוֹ, וּבְיִסּוּרִין נִמְחָל לוֹ' - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט וִוי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט יִסוּרִים וֶועט דָאס יָא אָפְּמֶעקְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת".

**נָאךְ** אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער קוּקְט מֶען שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט; מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען וָואס מוֹהֲרַא"שׁ אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעמֶען הָאט עֶר זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אִין אוּנְז אַ גֵייסְט מִיר זָאלְן וֶועלְן לֶעבְּן אוּן מִיר זָאלְן מַאכְן אַנֶדערֶע זָאלְן לֶעבְּן. מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶר הָאט דָאס אַלֶעס גֶעקֶענְט טוּן נָאר וַוייל עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶעריבֶּער** אַז אִיר ווילְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייעֶרֶע צָרוֹת זָאלְט אִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת,

גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ צוּ אוּיסְשְׁמוּעֶסְן אַייעֶר הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**זוּכְט** אוּיף דָאס גוּטְס פוּן אַייעֶר לֶעבְּן; הוֹיבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּיף דָאס גוּטְס וָואס אִיר הָאט, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן דָאס לֶעבְּן, אֵיינְמָאל אִיר וֶועט אַרייִנְנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶרע פְּרָאבְּלֶעמֶען - וֶועט אַלֶעם זַיין גְרִינְגֶער. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט נָאכְן בַּאגְלֵייטְן זַיין זוּן הָרַב הַצַדִיק רֶבִּי מֵאִיר נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַ קְלַאפּ אִין רוּקְן אוּן וֶוען עֶר דְרֵייְדְט זִיךְ אוּיס זֶעט עֶר אַז זַיין לִיבֶּער חַבֵר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם קְלַאפּ - טוּט עֶס נִישְׁט וֵויי, מֶען נֶעמְט דָאס וִוי אַ פְּרַיינְדְלִיכֶע בַּאגְרִיסוּנְג, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אוּיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ, מַיין זוּן אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי יוּנְג, אָבֶּער אִיךְ גֶעבּ אַ קוּק: 'וֶוער קְלַאפְּט מִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס', דֶערְפַאר טוּט עֶס נִישְׁט וֵויי".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרעז

## אִיז טַאקֶע נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי חֲבֵרִים?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט כְּסֵדֶר אִין דִי שִׁיעוּרִים אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי חֲבֵרִים. דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, וַוייל מִיר גֶעפִינֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אִין דִי תּוֹרָה אוּן אִין חֲזַ"ל אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הָאבְּן חֲבֵרִים. צוּם בֵּיישְׁפִּיל "אַהֲבַת דָוִד וִיהוֹנָתָן" (אָבוֹת ה, טז), "נוֹשֵׂא בְּעוֹל עִם חֲבֵירוֹ" (שָׁם ו, ו), "דִּיבּוּק חֲבֵרִים" (שָׁם; לְפִי כַּמָּה גִרְסָאוֹת), אוּן אִין דִי גְמָרָא מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת (דַף טז:): "וְתַקְנֵינוּ בְּחָבֵר טוֹב בְּעוֹלָמְךָ".

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאקַאנְט פוּן אַסַאךְ חֲסִידִי'שֶׁע סְפָרִים אַז אִידְן מוּזְן זִיךְ אַלֶעמָאל הַאלְטְן צוּזַאמֶען, זַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אֵיינֶער פַארְן צְוֵוייטְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ. חֲזַ"ל זָאגְן שׁוֹין (אָבוֹת ה, י): "שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ וְשֶׁלְּךָ שֶׁלִּי", אוּן אִין סֵפֶר יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל (פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי) טַייטְשְׁט עֶר דֶעם פָּסוּק (מִשְׁלֵי יח, א): "לְתַאֲוָה יְבַקֵּשׁ נִרְדָּף", אַז וֶוער עֶס טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּן חֲבֵרִים גֵייט נָאךְ זַיינֶע תַּאֲווֹת.

דֶערִיבֶּער פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיר קֶענְט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי חֲבֵרִים".

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַוַדַאי** דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ט): "אֵיזוֹהִי

דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם", וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פִירְן? "רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר, חָבֵר טוֹב", רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט מֶען זָאל זִיךְ נֶעמֶען אַ גוּטֶער חַבֶר; ווייל אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶער חַבֶר קֶען מֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְווייטְן. נָאךְ גֶעפוּנֶען מִיר אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית כג.): "אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא", אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גוּטֶער חַבֶר אִיז מֶען ווִי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ.

**דוּרְךְ** אַ גוּטֶער חַבֶר קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין פוּנֶעם צַדִיק אַסַאךְ מֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לד) דוּרְךְ אַ חַבֶר קֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער'חַזֶר'ן אַלֶע תּוֹרוֹת פוּנֶעם צַדִיק, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן אַ חַבֶר מֶער ווִיפִיל מֶען לֶערְנְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן. אַזוֹי ווִי רֶבִּי חֲנִינָא הָאט גֶעזָאגְט (תַּעֲנִית ז.): "הַרְבֵּה לָמַדְתִּי מֵרַבּוֹתַי, וּמֵחֲבֵרַי יוֹתֵר מֵרַבּוֹתַי", אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה פוּן מַיינֶע רֶבִּי'ס אוּן פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט נָאךְ מֶער ווִי פוּן מַיינֶע רֶבִּי'ס.

**אָבֶּער** פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען זִיךְ זַייעֶר הִיטְן פוּן מֶענְטְשְׁן, ווייל רֻבָּם כְּכוּלָּם מֵיינֶען דִי אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעס. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז כְּסֵדֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן, מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט דָאס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ב, ג): "הֱווּ זְהִירִין בָּרָשׁוּת, שֶׁאֵין מְקָרְבִין לוֹ לָאָדָם אֶלָּא לְצֹרֶךְ עַצְמָן. נִרְאִין כְּאוֹהֲבִין בִּשְׁעַת הֲנָאָתָן, וְאֵין עוֹמְדִין לוֹ לָאָדָם בִּשְׁעַת דָּחֳקוֹ"; אַ

מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן סְתַּם זַאכְן וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דְבָרִים שֶׁל רְשׁוּת, דָאס הֵייסְט "הֱווּ זְהִירִין בָּרָשׁוּת" - מֶען זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן זִיךְ ווִי חֲבֵרִים, "שֶׁאֵין מְקָרְבִין לוֹ לָאָדָם אֶלָּא לְצֹרֶךְ עַצְמָן" - דָאס וָואס זֵיי זֶענֶען דִיךְ מְקַרֵב אוּן זֵיי מַאכְן זִיךְ ווִי חֲבֵרִים - דָאס טוּעֶן זֵיי כָּל זְמַן זֵיי קֶענֶען הָאבְן אַ טוֹבַת הֲנָאָה פוּן דִיר, דָאס טוּעֶן זֵיי פַאר זֵייעֶר אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעס, "נִרְאִין כְּאוֹהֲבִין בִּשְׁעַת הֲנָאָתָן" - ווִי לַאנְג זֵיי קֶענֶען אַרוֹיסְהָאבְן פוּן דִיר אַן הֲנָאָה מַאכְן זֵיי זִיךְ ווִי זֵיי הָאבְן דִיךְ לִיבּ אוּן ווען זֵיי זֶעעֶן אַז זֵיי קֶענֶען מֶער גָארְנִישְׁט הָאבְן פוּן דִיר - דֶעמָאלְט וַוארְפְן זֵיי דִיךְ אַוֶועק, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן: "וְאֵין עוֹמְדִין לוֹ לָאָדָם בִּשְׁעַת דָּחֳקוֹ" - זֵיי הֶעלְפְן נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז אִין אַ צָרָה; דָאס אִיז אַ סִימָן אַז זֵיי זֶענֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין חֲבֵרִים, ווייל אַן אֱמֶת'עֶר חָבֵר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט הָאבְן אַ טוֹבַת הֲנָאָה פוּן אִים (אָבוֹת ב, ג).

דֶערִיבֶּער פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש אוּנְז שְׁטֶענְדִיג אָנְזָאגְן מִיר זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְן פוּן חֲבֵרִים אוּן פוּן פְרֵיינְט, אוּן דָאס זָאג אִיךְ שְׁטֶענְדִיג פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים, זַיי זָאלְן נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען זֵייעֶרֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט חֲבֵרִים, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ. ווייל דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע חָבֵר וָואס אִיז דָא - אִיז דֶער מַאן פַאר זַיין ווייבּ אוּן דִי ווייבּ פַאר אִיר מַאן, זֵיי בְּלַייבְּן שְׁטֶענְדִיג אִינְאֵיינֶעם (אוֹיבּ זֵיי הָאבְן שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן).

**עֶס** אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט מְעַיֵּין זַיין אִין צַוָּאַת מוֹהֲרָא"ש (אוֹת ט) וואוּ מוֹהֲרָא"ש רֶעדְט פוּן חֲבֵרִים, אִיךְ בִּין דִיר מַעְתִּיק דֶעם חֵלֶק צַוָּאָה:

**"אִיךְ** בֶּעט אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ'עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

**פַארְקֶערְט,** דָאס וֶועט אַייךְ נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, יֶענֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹיִשְׁט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט פוּן דֶעם. אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אָבֶּער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז זֵייעֶר מַצְלִיחַ אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, וַוייל עֶר חַנְפְ'עֶט נִישְׁט קֵיינֶעם, אוּן הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, אוּן לֶעבְּט זִיךְ זַיין אֵייגֶענֶעם לֶעבְּן".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרעה

## צִי פֶּעלְט אוֹיס צוּ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פְּרֶעגְן אוֹיב מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוֹיפְצוּצִיעֶן דִי קִינְדֶער, צִי פֶּעלְט אוֹיס צוּ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער? מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל, פַּארְוָואס זֶעט מֶען בַּיי חֲסִידִים אַז זֵיי הָאבְּן אַזוֹיפִיל קִינְדֶער?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בָּלָק, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי נֶגַע צָרַעַת פוּן נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער רַחְמָנָא לִצְלָן; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מֵסִית וּמֵדִיחַ אַנְדֶערֶע נִישְׁט צוּ הָאבְּן קִינְדֶער מִיטְן אוֹיסְרֵייד: "הַיינְט אִיז אַ סַכָּנָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער", "עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער", אָדֶער אַנְדֶערֶע נַארִישֶׁע סְבָרוֹת, ווִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "אוֹיף וֶועמֶענְס חֶשְׁבּוֹן הָאסְטוּ קִינְדֶער?" "וָואס וֶועט זַיין מִיט פַּרְנָסָה?" אוּן דָאס גְלַייכְן - וֶוען פְּרִיָה וּרְבִיָה אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן (בְּרֵאשִׁית א, כח):

"פְּרוּ וּרְבוּ וּמִלְאוּ אֶת הָאָרֶץ וְכִבְשֻׁהָ", מֶען זָאל הָאבְּן קִינְדֶער אָנְצוּפוּלְן דִי וֶועלְט, "וְכִבְשֻׁהָ", אוּן מִיט קִינְדֶער וֶועט מִיר אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט; ווִי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַיין דִי וֶועלְט? אַז דִי וֶועלְט וֶוערְט בַּאזֶעצְט מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס פִירְן זִיךְ ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין - מִיט דֶעם נֶעמְט מֶען אַיין דִי וֶועלְט.

**דָאס** אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל וָואס מִיט דֶעם הָאט מֶען מְקַיֵּם גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָּה וּרְבִיָּה; אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת יא, ו): "בַּבֹּקֶר זְרַע אֶת זַרְעֶךָ וְלָעֶרֶב אַל תַּנַּח יָדֶךָ", אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'עֶנֶען אוֹיף דֶעם (יְבָמוֹת סב:): "הָיוּ לוֹ בָּנִים בְּיַלְדוּתוֹ יִהְיוּ לוֹ בָּנִים בְּזִקְנוּתוֹ", עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן הָאבְּן נָאךְ אוּן נָאךְ קִינְדֶער; אוּן אַזוֹי פַּסְקְ'נְט דֶער רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק טו מֵהִלְכוֹת אִישׁוּת, הֲלָכָה טז): "אַף עַל פִּי שֶׁקִּיֵּם אָדָם מִצְוַת פְּרִיָּה וּרְבִיָּה, הֲרֵי הוּא מְצֻוֶּה מִדִּבְרֵי סוֹפְרִים שֶׁלֹּא יִבָּטֵל מִלִּפְרוֹת וְלִרְבּוֹת כָּל זְמַן שֶׁיֵּשׁ בּוֹ כֹּחַ. שֶׁכָּל הַמּוֹסִיף נֶפֶשׁ אַחַת בְּיִשְׂרָאֵל כְּאִלּוּ בָּנָה עוֹלָם", אֲפִילוּ מֶען הָאט שׁוֹין מְקַיֵּם גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָּה וְרִבְיָּה אִיז אַ מִצְוָה צוּ בְּרֶענְגֶען נָאךְ קִינְדֶער ווַייל מִיט דֶעם בּוֹיט מֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

דִי וָואס זָאגְן אַז הַיינְט אִיז אַ סַכָּנָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער ווַייל מֶען זֶעט דָאךְ אַז אַזוֹיפִיל פַאלְן אַוֶועק וְכוּ'; דָאס אִיז נִישְׁט אַ סִבָּה אוֹיף נִישְׁט צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, ווַייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַסאךְ קִינְדֶער, אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער

וֶועלְן אויסְוַואקְסְן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין - זָאל עֶר וַוייטֶער בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער, וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען און צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע פַארְוָוארְפֶענֶע נְשָׁמוֹת, עֶר וֶועט מְתַקֵן זַיין און פַארְרֶעכְטְן אַלֶע דוֹרוֹת".

**אוֹיךְ** אִיז נַארִישׁ זִיךְ אָפְּצוּהַאלְטְן פוּן קִינְדֶער וֶועגְן פַּרְנָסָה. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ג): "אֵין צָרִיךְ לָאָדָם לִדְאֹג עַל פַּרְנָסַת בָּנָיו, כִּי כְּשֶׁהֵם גְּדֵלִים, גְּדֵלָה פַּרְנָסָתָם עִמָּהֶם", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט זָארְגְן וֶועגְן פַּרְנָסָה, וִוי אַזוֹי זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה, וַוייל וֶוען זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן - וֶועלְן זֵיי הָאבְּן פַּרְנָסָה; און אוֹיךְ דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה, וַוייל קִינְדֶער אִיז אַ בְּרָכָה. בַּיי אִידְן אִיז קִינְדֶער אַ בְּרָכָה, דֶערִיבֶּער וֶועסְטוּ זֶען וִוי בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן זֶענֶען דָא פְּרוּכְטְבַּארֶע פַאמִילְיֶעס, גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּבֶּער.

דִי וָואס פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּן אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ און וַוייבְּלֶעךְ אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער גְלַייךְ וְכוּ' וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַן אֱמֶת'עֶר קֶשֶׁר צְווִישְׁן מַאן און וַוייבּ - דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל קַיין שׁוּם זַאךְ בּוֹיט נִישְׁט אוֹיף אַזַא שְׁטַארְקֶע קֶשֶׁר וִוי קִינְדֶער; מִיט יֶעדֶע קִינְד וָואס מֶען הָאט - בּוֹיט זִיךְ אוֹיף אַ נֶענְטֶערֶע קֶשֶׁר.

**צַדִיקִים** זָאגְן אַז קִינְדֶער בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם בַּיִת, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן אַ סוֹטָה; וֶוען אַ מַאן און וַוייבּ קְרִיגְן זִיךְ בִּיז עֶס קוּמְט דֶערְצוּ אַז דֶער מַאן בְּרֶענְגְט

זַיין וַוייבּ צוּם כֹּהֵן און עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז זִי אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי - זָאגְט דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, כח): "וְנִקְּתָה וְנִזְרְעָה זָרַע", זִי וֶועט וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט קִינְדֶער און דִי קִינְדֶער וֶועלְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי אֱמֶת'עֶ לִיבְּשַׁאפְט און פַארְשְׁטַאנְד אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן.

**אַז** עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער אוֹיפְצוּצִיעֶן דִי קִינְדֶער - זָאלְט אִיר מַקְפִּיד זַיין פוּן הַיינְט און וַוייטֶער אוֹיף טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה; מַאכְט אַייךְ אַ שִׁיעוּר צוּ אִיבֶּערְ'חַזֶר'ן דִי הֲלָכוֹת, און אִיר זָאלְט הָאבְּן קֶשֶׁר מִיט אַ רָב וֶועם אִיר זָאלְט פְרֶעגְן יֶעדֶע שְׁאֵלָה, נִישְׁט זִיךְ אַלֵיינְס מוֹרֶה הֶיתֵּר זַיין, דוּרְכְדֶעם וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְג אוֹיפְצוּצִיעֶן דִי קִינְדֶער. אַז מֶען הִיט טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה הָאט מֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער און כֹּחַ זֵיי צוּ מְגַדֵּל זַיין, אָבֶּער אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען הִיט נִישְׁט קַיין הֲלָכוֹת אִין שְׁטוּבּ דֶעמָאלְט קוּמֶען קְרַאנְקֶע קִינְדֶער און מֶען פַארְלִירְט דִי כֹּחַ צוּ דִי קִינְדֶער הַשֵּׁם יְרַחֵם.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז אַז דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי פְּרוּכְטְבַּארֶע מִשְׁפָּחוֹת (יְבָמוֹת סג:): "אֵין בֶּן דָּוִד בָּא עַד שֶׁיִּכְלוּ כָּל הַנְּשָׁמוֹת שֶׁבַּגּוּף"; קוּמְט אוֹיס אַז מִיט יֶעדֶע קִינְד וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אוֹיף דִי וֶועלְט אַיילְט מֶען צוּ אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען בִּמְהֵרָה בְיָמֵנוּ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרעט

## ווי אַזוֹי וֶוער אִיךְ פָּטוּר פוּן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעבְּט מִיר חִיזוּק אוֹיף אַ גַאנְצְן טָאג.

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, עֶטְלִיכֶע יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, מִיט עֶטְלִיכֶע זִיסֶע קִינְדֶערְלֶעךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, עֶס אִיז גֶעפִילְטֶערְט אוּן אִיךְ נוּץ עֶס נָאר אִין שְׁטוּבּ. אוֹיךְ מַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן דֶערְמִיט צוּ קוּקְן נַייעֶס אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיךְ גֶענוּצְט נָאר פַאר דֶעם, צוּ קוּקְן נַייעֶס.

דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּקְרוֹיזְן דֶעם פִילְטֶער אוּן אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע מָאוִוים, אוּן אִיךְ פַאל לֵיידֶער אַסַאךְ דוּרְךְ.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיר גֵייט מִיר זָאגְן אִיךְ זָאל אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם פָאוֹן, אָבֶּער קוֹדֶם אִיז עֶס נִישְׁט גְרִינְג צוּ טוּן סְתָּם אַזוֹי, אוּן צְוֵוייטְנְס וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן פַאר מַיין וַוייבּ; 'פַארְוָואס ווִיל אִיךְ עֶס אַוֶועקְוַוארְפְן?' זָאל אִיךְ אִיר דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען זִי אִיז נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ נוּץ אִיךְ עֶס פַאר דִי עֶרְגְסְטֶע, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּ פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן?! זִי וֵוייסְט דָאךְ אַז עֶס אִיז גֶעפִילְטֶערְט!

דָאס עֶרְגְסְטֶע אִיז, אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן מִיר דִי לִיבְּשַׁאפְט צוּ מַיין וַוייבּ; בִּיטֶע רַאטֶעוֶועט מִיר!

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר אַ בִּיטֶערֶע צָרָה וָואס רוּפְט זִיךְ "אִינְטֶערְנֶעט"; דָאס הָאט שׁוֹין חָרוּב גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן. זֵייעֶר אַסַאךְ זֶענֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה דוּרְךְ דִי צָרָה, אוּן אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶער זֶענֶען צֶעפַאלְן פוּן דֶעם, וַוייל ווִי נָאר מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען אִיז מְטַמֵּא דִי אוֹיגְן - בְּרֶענְגְט דָאס אַז מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת.

אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן פַארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה, מֶען הוֹיבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ט:): "שִׁמְשׁוֹן הָלַךְ אַחַר עֵינָיו", שִׁמְשׁוֹן הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן, "לְפִיכָךְ נִקְּרוּ פְּלִשְׁתִּים אֶת עֵינָיו", דֶערְפַאר הָאבְּן דִי פְּלִשְׁתִּים, דִי אַרָאבֶּער - אוֹיסְגֶעשְׁטָאכְן זַיינֶע אוֹיגְן; וֶוען מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן - וֶוערְן דִי אוֹיגְן אוֹיסְגֶעשְׁטָאכְן פוּן דִי קְלִפּוֹת. זֵיי פַארְשְׁטֶעלְן דֶעם אֱלֹקוּת אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט מֶער קַיין גֶעטְלִיכְקֵייט, עֶס וֶוערְט טוּנְקְל אִין דִי אוֹיגְן אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם רַחְמָנָא לִצְלָן.

זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דַיין פְּרַאגֶע; דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן מִיט דַיין טֶעלֶעפָאן וָואס אִיז אָפְן

צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ? וָואס אִיז דַיין פְּרַאגֶע בִּכְלַל?! דוּ אַלֵיינְס שְׁרַייבְּסְט דָאךְ אַז זַייט דוּ קוּקְסְט עֲבֵירוֹת שַׁאדְט דָאס צוּ דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן דִי רֵיינְקֵייט אִין שְׁטוּב, דַיין קָאפּ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ רַחְמָנָא לִצְלָן, דֶעמָאלְט וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין שְׁאֵלָה? פַאְרוָואס זָאלְסְטוּ הַאלְטְן אִין טַאשׁ אַ זַאךְ וָואס מַאכְט קַאלְיֶע דַיין אֵייבִּיגֶע לֶעבְּן, דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, דַיין פַּרְנָסָה וְכוּ'? אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער קוּקְן עֲבֵירוֹת וֶועסְטוּ אַלֶעס פַאְרלִירְן, דוּ וֶועסְט זִיךְ גֶטְ'ן אוּן בְּלַייבְּן אָן גָארְנִישְׁט.

מִיר דַארְפְן וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר זָאל קוּקְן וואוּ מֶען לִיגְט אוּן וָואס מֶען קוּקְט רַחְמָנָא לִצְלָן. יֶעדֶע נַאכְט בַּיי חֲצוֹת וֵויינֶען מִיר אוֹיפְן חוּרְבָּן (אֵיכָה א, טז): "עַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּה", אוֹיף דֶעם וֵויין אִיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, "עֵינִי עֵינִי יֹרְדָה מַּיִם", אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן וָואס אִיךְ הִיט נִישְׁט; אִיךְ קוּק עֲבֵירוֹת, וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם: "כִּי רָחַק מִמֶּנִּי מְנַחֵם מֵשִׁיב נַפְשִׁי", אַז אִיךְ זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם צַדִּיק וָואס עֶר אִיז: "מֵשִׁיב נַפְשִׁי", אוּן אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית. "הָיוּ בָנַי שׁוֹמֵמִים", אִיךְ זִינְדִיג בְּהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, "כִּי גָבַר אוֹיֵב", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף מִיר; אַלֶעס צוּלִיבּ: "עֵינִי עֵינִי", אַז מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען נִישְׁט רֵיין.

וֶוען דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים וָואלְטְן דָאס גֶעהַאט אִין זֵייעֶר דוֹר וָואלְטְן זֵיי דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן; דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן

אִידִישֶׁע קִינְדֶער גְרִינְגֶערְהֵייט; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן טָאג און נַאכְט זֵיי צוּ שְׁלֶעפְּן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְלֶעצֶער - הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג, מֶען שַׁאפְט זִיךְ אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה לָזֶה און מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ. מֶען זִיצְט בַּיי זִיךְ בַּאהַאלְטְן און מֶען קוּקְט אָפּ אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט רַחְמָנָא לִצְלַן - אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אִין אָנְהוֹיבּ זֶעט עֶס אוֹיס זֵייעֶר גוּט, עֶס צִיט זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶס גְלַאנְצְט און עֶס שְׁמֵייכְלְט צוּם מֶענְטְשׁ, אָבֶער וֶוען מֶען בַּייסְט אַרַיין אִין דֶעם, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט און צֶעבְּרָאכְן, וַוייל פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ דֶעפְּרֶעסְט און מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג.

**וַוארְף** אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאן וִוי פְרִיעֶר; וָואס מֵיינְסְטוּ, דַיין וַוייבּ אִיז טַאקֶע אַזַא נַאר? דוּ מֵיינְסְט אַז זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דוּ קוּקְסְט? זִי וֵוייסְט זֵייעֶר גוּט וֶוער דוּ בִּיסְט, זִי שְׁפִּילְט מִיט דִיר אַ שְׁפִּיל, זִי שְׁטֶעלְט אַ פָּנִים וִוי זִי וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, וֶוען בֶּאֱמֶת וֵוייסְט זִי גָאר גוּט וֶוער דוּ בִּיסְט; עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס קֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי גוּט וִוי דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ.

**הַדָּבָר** הָרִאשׁוֹן זָאלְסְטוּ עֶס אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ, בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין קַיין כְּלֵי שׁוֹפְכִין אִין שְׁטוּבּ. צְוֵוייטְנְס, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת און אַ גְמָרָא, הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט אוֹיפְן קוֹל פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און דַפִּים גְמָרָא, גְמָרָא הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס פַארְבְּרֶענְט

אַלֶע קְלִפּוֹת. אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רי"ד): "'תַּלְמוּד' בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְּמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר די קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית.

**זָאג** פַאר דַיין ווייבּ אַז דוּ ווילְסְט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערִיבֶּער הָאסְטוּ אָפְּגֶעמַאכְט אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט מֶער נִישְׁט אַרַיין אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִין שְׁטוּבּ; דוּ הָאסְט זִיךְ בַּארֶעכְנְט צוּ פָאלְגְן וָואס די רַבָּנִים זָאגְן.

**מֵיין** נִישְׁט אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן וַוייטֶער די נִסָּיוֹן; עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג זִיךְ אַרוֹיס צוּ רַייסְן פוּן דֶעם, בִּפְרַט וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶען וְכוּ' וְכוּ' - דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט מֶען כְּסֵדֶר ווי מֶען וויל צוּרִיק לוֹיפְן צוּ דֶעם, זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה וֶועט דִיר דָאס הִיטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין ל.): "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַ רְפוּאָה פַארְן יֵצֶר הָרַע, דָאס אִיז די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִיז אַ מֶעדִיצִין קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, "וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען תּוֹרָה פַאלְט מֶען נִישְׁט אַרַיין אִין זַיינֶע הֶענְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרפ

## ווִי אַזוֹי הָאט אִיר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל אַייךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע חִיזוּק אוּן דְרָשׁוֹת, עֶס אִיז מִיךְ מְחַיֶ' שׁוֹין פַאר אַסַאךְ יָארְן, אוּן נִישְׁט נָאר מִיךְ נָאר נָאךְ פִילֶע טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ שְׁטֵיי אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ ווִי אַזוֹי אִיר הָאט גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן דָאס וָואס אִיר הָאט בַּאוִויזְן. וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף צוּרִיק דִי שִׂנְאָה אוּן הֶעצֶע וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן גַאס קֶעגְן אַייעֶר מְהַלֵּךְ, קֶען מֶען מַמָשׁ שְׁטוֹינֶען ווִי אַזוֹי דִי וֶועלְט הָאט זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעדְרֵייְדְט. וֶוען הַיינְט זֶעט שׁוֹין כִּמְעַט יֶעדֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, ווִיפִיל אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' אוּן שֶׁעפְּן עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן דִי עֵצוֹת אוּן דְרָשׁוֹת. וּבִפְרַט אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן מַאכְן בִּילִיגֶע שִׂמְחוֹת, קוּקְט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרוֹיף אוֹיף אַייךְ.

אִיךְ ווִיל אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי אִיר הָאט גֶעהַאט דִי כּוֹחוֹת הַנֶּפֶשׁ דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן זִיךְ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן אַזוֹי שְׁטַארְק, פִירְן פַארְצְוַוייגְטֶע מוֹסְדוֹת, גֶעבְּן אַזוֹיפִיל דְרָשׁוֹת אוּן חִיזוּק - טְרָאץ דִי אַלֶע הִתְנַגְדוּת וָואס אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן אַייךְ. אִיךְ טְרַאכְט אַז אוֹיבּ אִיר וֶועט אַרוֹיסְגֶעבְּן פוּן וואוּ אִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ הָאט גֶענוּמֶען דִי חִיזוּק אוּן כֹּחַ נִישְׁט צוּ צֶעפַאלְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זְמַנִּים - וֶועלְן אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ קֶענֶען נֶעמֶען חִיזוּק פוּן דֶעם וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אִין זֵייעֶרֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט אַייעֶר הֵייִלִיגֶע אַרְבֶּעט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**ווילְסְט** וויסְן דֶער סוֹד ווי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן אָנְגֶיין אֲפִילוּ אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן? דֶער סוֹד אִיז ׳לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל׳ וָואס עֶנְטְהַאלְט וואוּנְדֶערְלִיכֶע בְּרִיוְון וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְכְאוֹיס זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

**וֶוען** מֶען לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר בּוֹיט זִיךְ אוֹיף אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה; מֶען הוֹיבְּט אָן קוּקְן אוֹיף דִי וֶועלְט ווי אַלֶעס אִיז אַיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען וֶוערְט נִישְׁט מְיוּאָשׁ וֶוען מֶען הָאט שְׁוֶוערֶע צַייטְן, וַוייל מֶען וֵוייסְט קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּנְטֶער אַלֶעס.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אִין אַלֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אָבֶּער בְּעִקָּר חִיזּוּק הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שְׁ'ס סְפָרִים; דֶער סֵפֶר אִיז דֶער בֶּעסְטֶער חַבֵר וָואס אִיז שַׁיָּךְ, וַוייל דֶעם סֵפֶר קֶענְסְטוּ נֶעמֶען מִיט זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

**וֶוען** מֶען אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אַ צְוֵוייטְן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף וֶועם מֶען אִיז

אָנְגֶעהָאנְגֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין גְרֵייט פַאר דִיר וֶוען אִימֶער דו דַארְפְסְט חִיזוּק וְכַדוֹמֶה, יֶענֶער דַארְף דָאךְ עֶסְן, שְׁלָאפְן און עוֹסֵק זַיין אִין זַיינֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, עֶר אִיז דָאךְ אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ; קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיב דוּ וַוארְטְסְט צוּ בַּאקוּמֶען חִיזוּק און דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט גְרֵייט פַאר דִיר - וָואס קֶענְסְטוּ טוּן? אָבֶער אַז דוּ הָאסְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִיק, דֶער סֵפֶר פוּנֶעם צַדִיק - דָאס קֶענְסְטוּ נֶעמֶען מִיט זִיךְ טָאג און נַאכְט, נַאכְט און טָאג, און דָאס הָאט מִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען אִין אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער. (דִי שְׁוֶועריקַייטְן וָואס דוּ ווייסְט און אוֹיךְ דִי אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס אִיז דִיר נִישְׁט בַּאקַאנְט, ווייל נָאךְ אַסַאךְ מֶער שְׁוֶועריקַייטְן בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער פְּרִיוַואט וְכוּ' וְכוּ'), און דָאס אִיז מִיר נָאךְ יֶעצְט וַוייטֶער מְחַזֵק.

**אַז** דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין ווִי מֶען קֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן אֲפִילוּ אַלֶע שְׁפֶּעטְן פוּן דִיר און אַלֶע מַאכְן חוֹזֵק וְכוּ' וְכוּ'; מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס. מֶען הָאט אַמָאל אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט פַאר רֶבִּי נָתָן דֶעם סֵפֶר שְׁנֵי לוּחוֹת הַבְּרִית פוּנֶעם שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דָאס אִיז מַמָשׁ אַ כָּל בּוֹ, ווייל עֶס פַארְמָאגְט אִין זִיךְ אַלֶעס: דְרוּשׁ, חֲסִידוּת וְכוּ'; הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף זַיינֶע סְפָרִים לִקוּטֵי הֲלָכוֹת: "מַיינֶע סְפָרִים אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס גַן עֵדֶן", ווייל וֶוען מֶען לֶערְנְט לִקוּטֵי הֲלָכוֹת וֶוערְט מֶען אַזוֹי מְחוּזָק אַז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין יֶעצְט ווִי מֶען אִיז אִין גַן עֵדֶן; און מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט לְגַבֵּי דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל: "דֶער סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

אַלֵיינְס", וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ סֵפֶר וָואס זָאל זַיין אַ שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט, אַזוֹי ווִי דֶער סֵפֶר; וואוּ מֶען עֶפְנְט נָאר אוֹיף דֶעם סֵפֶר, יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע בְּרִיוו - זֶעט מֶען דִי לוֹיטֶעֶרֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**זָאלְסְטוּ** זִיךְ אוֹיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, "הֲפָךְ בָּהּ וַהֲפָךְ בָּהּ, דְּכֹלָּא בָהּ (אָבוֹת ה, כב)"; לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל. אַז דוּ וֶועסְט דָאס לֶערְנֶען - וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן קַיין שׁוּם חִיזּוּק אוּן קֵיינֶער וֶועט דִיר נִישְׁט קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן, דוּ וֶועסְט לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תרפא

**וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין נָאנְטְשַׁאפְט צוּם מַאן?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁיעוּרִים, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּט לֶעבְן, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער נִישְׁט אַ נָאנְטְשַׁאפְט צוּ מַיין מַאן, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט בִּכְלַל אַז עֶס פֶעלְט מִיר אוֹיס צוּ הָאבְן אַ מַאן, וָואס קֶען מֶען טוּן דֶערְצוּ?

אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מַיין מַאן וָואס עֶר דַארְף יָא הָאבְּן אַ פְרוֹי. און אֶפְשָׁר וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מוּט אוּן גֶעדוּלְד צוּ אִים, דֶערִיבֶּער קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן אוֹיפְן גַאס; אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ גֵיי צוּזַאמֶען מִיט אִים אוֹיפְן גַאס קֶען עֶר נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואו עֶר קוּקְט.

ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ שְׁפִּיר בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נֵייגוּנְג צוּ אַ מַאן? נָאר מַמָּשׁ אַמָאל אִין אַ שְׁטִיק צַייט וָואס אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף אִים הָאבְּן? אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת רַחְמָנוּת אוֹיף אִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): "אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה, כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ", וֶוער אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי? אַ פְרוֹי וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַארְן מַאן וְכוּ'; דָא רֶעדְט מֶען פוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט קֶעגְן אִיר אֵייגֶענֶע ווילְן אַבִּי צוּ טוּן דִי רָצוֹן פוּן אִיר מַאן.

וֶוען אַ פְרוֹי שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּ צוּ אִיר מַאן נָאר וֶוען עֶס אִיז גוּט פַאר אִיר, נָאר וֶוען זִי הָאט הֲנָאָה פוּן דֶעם אוּן נָאר וֶוען עֶס קוּמְט אִיר אוֹיס גוּט וְכוּ' וְכוּ' - בַּאקוּמְט זִי נָאכְנִישְׁט דֶעם טִיטְל: "אִשָּׁה כְּשֵׁרָה הָעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ",

וַוייל זִי טוּט נִישְׁט רְצוֹן בַּעְלָהּ, נָאר זִי טוּט אִיר אֵייגֶענֶע ווִילְן, זִי אַלֵיינְס ווִיל לֶעבְּן מִיט אִים וְכוּ'; אָבֶּער וֶוען אַ פְּרוֹי קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זִיךְ אוּן טְרַאכְט נִישְׁט פוּן זִיךְ, נָאר זִי גֵייט קֶעגְן אִיר ווִילְן אַבִּי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אִיר מַאן, זִי טְרַאכְט: 'ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין גְרֵייט פַאר מַיין מַאן וְכוּ'?' דַאן אִיז זִי אַן 'אִשָּׁה כְּשֵׁרָה'.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן וָואס גֶעבְּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי גֶעבְּן אַוֶועק זֵייעֶר לֶעבְּן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע דוֹרוֹת מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ, אִין זֵייעֶר זְכוּת אִיז מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן אִין זֵייעֶר זְכוּת וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם לַאנְגְן גָלוּת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי תְּהִלִּים, סִימָן תשצה) בִּזְכוּת דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען דִי אִידְן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם; וֶוען פַּרְעֹה הָאט גֶעמַאכְט דִי אִידְן אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער בִּשְׁעַת מֶען אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁקְלַאפְט אוּן פַארְפְּלָאגְט אוּנְטֶער דִי מִצְרִיִּים, מֶען הָאט גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער אוּן דִי מֶענֶער זֶענֶען נִישְׁט אַהֵיים גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער, וָואס הָאבְּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן גֶעטוּן? זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוֹיפְן פֶעלְד דָארְט וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט אוּן גֶעבְּרֶענְגְט פַאר זֵייעֶרֶע מֶענֶער וַואסֶער מִיט קְלֵיינֶע פִישׁ, זֵיי הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעוַואשְׁן וְכוּ', אוּן יֶעדֶע פְרוֹי הָאט גֶערֶעדְט שֵׁיין צוּ אִיר מַאן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן זִיךְ שֵׁיין גֶעמַאכְט פַאר אִים וְכוּ' - אַזוֹי אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי גַאנְצֶע אִידִישֶׁע פָאלְק וָואס

זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יַלְקוּט רוּת, רֶמֶז ד): "אֵין הַדּוֹרוֹת נִגְאָלִין אֶלָּא בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת שֶׁבַּדּוֹר", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן פוּנֶעם דוֹר; נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה יא:): "בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת נִגְאֲלוּ אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם, וּבִזְכוּתָן עֲתִידִין לְהִגָּאֵל", אִין דִי זְכוּת פוּן דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן מִצְרַיִם אוּן בִּזְכוּת זֵיי וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת; דִי פְרוֹיעֶן וָואס לֵייגְן אַלֶעס אִין דֶער זַייט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן רָצוֹן ה', זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוּן צִיעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער - אִין זֵייעֶר זְכוּת וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ אַז עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַייךְ, וַוייל מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פוֹעֵל'ן. אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַייעֶר מַאן; עֶס וואוּנְדֶערְט מִיר פַארְוָואס אִיר זָארְגְט נִישְׁט אוֹיף אַייךְ, דִי רַחְמָנוּת אִיז אוֹיף אַייךְ, אִיר דַארְפְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס אַז אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן וֶועלְן לֶעבְּן מִיט אַ מַאן אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן אַזוֹי ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לֶעבְּט. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ אַז עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אַ לִיבְּשַׁאפְט אִין אַייךְ צוּ אַייעֶר מַאן, אִיר זָאלְט שְׁפִּירְן ווִי אִיר זֶענְט אֵיין מֶענְטְשׁ. מַאן אוּן ווַייבּ דַארְפְן שְׁפִּירְן צְווִישְׁן זִיךְ ווִי מֶען אִיז אֵיין מֶענְטְשׁ, אוּן

אַזוֹי ווי עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּךְ דִי רֶעכְטֶע הַאנְט זָאל זִיךְ גְרוֹיסְן אוֹיף דִי לִינְקֶע הַאנְט אוּן דִי לִינְקֶע הַאנְט זָאל זִיךְ גְרוֹיסְן אוֹיף דִי רֶעכְטֶע הַאנְט, אוּן אַזוֹי ווִי דִי רֶעכְטֶע הַאנְט זָאגְט נִישְׁט: 'אִיךְ דַארְף נִישְׁט מַיין לִינְקֶע הַאנְט וְכוּ', אַזוֹי אִיז נִישְׁט שַׁיָּךְ אַז מַאן אוּן ווַייבּ זָאלְן זִיךְ גְרוֹיסְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְווֵייטְן.

**אַז** אִיר וֶועט לֶעבְּן מִיט אֵייעֶר מַאן אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט אוּן אִיר וֶועט זַיין שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִים - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים צַדִּיקִים, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּן זֶענֶען מַבְטִיחַ פַאר אַ פְרוֹי וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִיר מַאן; נִישְׁט נָאר זִי דְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן אִים מִיט תֵּירוּצִים וְכוּ' נָאר זִי ווִיל זַיין מִיטְן מַאן וְכוּ' - וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע וואוּילֶע קִינְדֶער, וָואס אֲפִילוּ אִין דִי צַייטְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע צַדִּיקִים (עִירוּבִין ק:).

## תרפב

### קֶען מֶען עֶסְן פְלֵייש אִין דִי נַיין טֶעג, וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען גֶענְצְלִיךְ דָאס לֶערְנֶען?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ מַזָל טוֹב צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן אֵייעֶר זוּן, אוּן נָאךְ אַ מַזָל טוֹב פַארְן נֵיי גֶעבּוֹירֶענֶעם קִינְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ נַחַת מִיט הַשְׁפָּעוֹת לָרוֹב, וְכָל מִילֵי דְמֵיטַב.

אִין אַייעֶר זְכוּת אוּן אִין זְכוּת פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וֶוער עֶס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט דֶעם גֶעשְׁמַאקְן טַעַם - אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא וָואס צוּ רֶעדְן מִיט אִים. אֵיידֶער מֶען הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד זֶעט עֶס אוֹיס וִוי אַ קִינְדֶער שְׁפִּיל, וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָבֶּער אָן צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, הוֹיבְּט מֶען פְּלוּצְלוּנְג אָן צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען שְׁפִּירְט אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַהֲבַת הַשֵּׁם. אוּן נָאכְדֶעם אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא וָואס זִיךְ צוּ טַעְנָה'ן אִיבֶּער דֶעם בִּכְלַל.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אוֹיבּ מֶען עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אוּן מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען נָאר פּוּנְקְט פְּרָאצֶענְט פוּן דִי גְמָרָא, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט פַאר אַ גֶעהֶעריגֶע סִיוּם אַז מֶען זָאל קֶענֶען דוּרְכְדֶעם עֶסְן פְלֵייש אִין דִי נַיין טֶעג?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַלֶעס גוּטְס אִין לֶעבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט, בֶּעפָאר מֶען הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד** (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן

עו) זֶעט אוּיס דָאס זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא פַארְן מֶענְטְשׁ ווִי אַ קִינְדֶער שְׁפִּיל, אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג - וֶוערְט מַמָשׁ בִּיטוּל הַבְּחִירָה; מֶען וֶוערְט צוּוֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי תּוֹרָה, מֶען בַּאקוּמְט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַהֲבַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס): "וֶוער עֶס הָאט טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין - דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּ'ן, ווִי נָאר מֶען הוֹיבְּט אָן טוֹעֵם זַיין פוּן דֶעם סֵדֶר אִין לֶערְנֶען; מֶען הוֹיבְּט אָן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בְּלִימוּד גְמָרָא, מֶען הוֹיבְּט אָן גוֹרֵס זַיין בְּלֶעטֶער גְמָרָא - דֶעם מֶענְטְשׁ קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט שׁוֹין פַארְזוּכְט פוּנֶעם יַיִן הַמְשֻׁמָר, אַזַא מֶענְטְשׁ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין רְאָיוֹת אוּן הוֹכָחוֹת צִי דָאס הֵייסְט גֶעלֶערְנְט אָדֶער נִישְׁט; צִי עֶס אִיז יָא דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אָדֶער נִישְׁט, דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְטֶערֶעסִירְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט, עֶר ווִיל לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

אוֹיף דַיין שְׁאֵלָה צִי מֶען קֶען מַאכְן אַ סִיוּם אִין דִי נַיין טֶעג אוּן עֶסְן פְלֵייש אוֹיב מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, מֶען הָאט גוֹרֵס גֶעוֶוען גְמָרָא אוּן פַארְשְׁטַאנֶען נָאר פוּפְצִיג פְּרָאצֶענְט; אַוַדַאי הֵייסְט דָאס אַ סִיוּם אוּן אַוַדַאי הֵייסְט דָאס גֶעלֶערְנְט, אָבֶּער עֶסְן פְלֵייש אִין דִי נַיין טֶעג אִיז נִישְׁט כְּדַאי, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז מְסַיֵים אַ מַסֶכְתָּא אוּן מֶען

פַּארְשְׁטֵייט דָאס הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "כְּדַאי הוּא בֵּית אֱלֹקֵינוּ נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין פְלֵייש אִין דִי נַיין טֶעג"; אָבֶּער מֶען קֶען דָאס נוּצְן פַאר אַ סִיוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְזֶער גָלוּת בִּכְלָלִיוּת, וּבִפְרָטִיוּת - יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת, אוּן מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג. דֶעמָאלְט וֶועט זַיין: "כְּאִילוּ נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ", אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לג.): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה כְּאִילוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו"; אָמֵן.

## תרפג

### וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין טַאטֶע מַאכְט זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק וָואס גֶעבְּן מִיר מַמָּשׁ לֶעבְּן, וּבִפְרַט דִי שִׁיעוּרִים פוּן זוּמֶער אִין קֶעמְפּ, וָואס זֶענֶען גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ וַוארְט אַ גַאנְץ יָאר דֶערוֹיף. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

מַיין טַאטֶע מִיט מַיינֶע בְּרִידֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַסַאךְ כּוֹחוֹת אוּן גֶעלְט אַז דֶער שַׁבָּת זָאל זַיין שֵׁיין אוּן גֶעלוּנְגֶען, יֶעדֶער זָאל זַיין זֵייעֶר צוּפְרִידְן. לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער אוֹיסְגֶעלָאזְט זֵייעֶר נִישְׁט גוּט, מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נֶערְוֶועז

דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת. יֶעדֶע מִינוּט הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אַ צְוֵייטְן קִינְד און וִויפִיל אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער בַּיים טִישׁ - הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין שְׁרֵייעֶן און מַאכְן אָנְגֶעצוֹיגְן דִי לוּפְט.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַלֶעמָאל אִיז עֶר גֶערֶעכְט מִיט זַיינֶע טַעֲנוֹת און וָואס אִיךְ טוּ אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גוּט, אַזוֹי אִיז אַלְץ דִי שַׁבָּתִים, אוֹיךְ בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים; אַלְץ אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן און נֶערְוֶועז.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז צִי אִיךְ דַארְף נָאךְ גֵיין צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּתִים, אַז מַיין וַוייבּ און מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן צוּזֶען זַיין שַׁבָּת טִישׁ מִיט כַּעַס און נֶערְוְון. עֶר פַארְלַאנְגְט אַז מִיר מוּזְן קוּמֶען יֶעדֶע פָּאר וָואכְן, וָואס דַארְפְן מִיר טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל אוֹיף אַלֶעם

## תְשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וֶוער עֶס הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת און הִתְחַזְּקוּת - וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען הוֹיבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען און דַאוְונֶען, און דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן.

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין טַאטֶע וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע מִצְוָה מְקַיֵּם צוּ זַיין. אָבֶּער וֶוער

עֶס אִיז נִזְהָר אִין דִי מִצְוָה - אִיז זוֹכֶה אַז זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אִים צוּ מְכַבֵּד זַיין, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט; אוֹיב מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ אוֹיךְ פִירְן מִיט חוּצְפָּה.

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה (סֵפֶר בֶּן יְהוֹיָדָע עַל מַסֶכֶת בָּבָא מְצִיעָא דַף לג). עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר וָואס הָאט גֶעהַאט אַן אַלְטְן טַאטְן אַן אָרֶעמַאן, דֶער גְבִיר הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין טַאטֶע, עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְּן פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט שְׁלָאפְן אִין גַאס מִיט אַנְדֶערֶע אָרֶעמֶעלַייט. וַיְהִי הַיוֹם, עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן וִוינְטֶער, זֵייעֶר אַ קַאלְטֶע טָאג, וֶוען דֶער אַלְטֶער טַאטֶע אִיז גֶעזִיצְן אִין גַאס פְרִירְנְדִיג פַאר קֶעלְט, אִיז דָארְט אַרִיבֶּער זַיין אֵיינִיקְל - אַ זוּן פוּן דֶעם גְבִיר, הָאט דֶער זֵיידֶע גֶעבֶּעטְן זַיין אֵיינִיקְל: "אִיךְ בֶּעט דִיר, גֵיי בֶּעט דַיין טַאטֶע זָאל אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן מִיר שִׁיקְן אַ וַוארֶעמֶע מַלְבּוּשׁ אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר קֶעלְט דָא אִין גַאס". דֶער אֵיינִיקְל אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוּן גֶעבֶּעטְן: "טַאטֶע, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיידִי; זֵיידִי בֶּעט אַ וַוארֶעמֶע קְלֵייד", הָאט דֶער גְבִיר גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "גֵיי אַרוֹיף אוֹיבְן אִין בוֹידֶעם, דָארְט הָאבּ אִיךְ אַן אַלְטֶע קְלֵייד וָואס אִיךְ דַארְף סַיי וִוי נִישְׁט, דָאס קֶענְסְטוּ טְרָאגְן פַארְן זֵיידְן"; דֶער זוּן אִיז אַרוֹיף אִין בוֹידֶעם אוּן גֶעטְרָאפְן אַן אַלְטֶע קְלֵייד, פוּל מִיט רִיסְן אוּן גְרוֹיסֶע לֶעכֶער. עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ שֶׁערְל,

אַיינְגֶעקְנֵייטְשְׁט דֶעם קְלֵייד אוּן דָאס צֶעשְׁנִיטְן אִין הַאלְבּ. וֶוען זַיין טַאטֶע - דֶער גְבִיר - הָאט גֶעזֶען אַז דֶער זוּן קוּמְט נָאכְבִּישְׁט אַרָאפּ, הָאט עֶר אַרוֹיפְגֶעשְׁרִיגְן צוּם בּוֹידֶעם: "וָואס טוּסְטוּ אַזוֹי לַאנְג אִין בּוֹידֶעם? גֵיי שׁוֹין מִיט דֶעם קְלֵייד צוּ מַיין טַאטֶע!" דֶער זוּן הָאט זִיךְ אָבֶּער וַוייטֶער פַּארְזוֹימְט, עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט שְׁנַיידְן דֶעם קְלֵייד אוֹיף צְוַויי שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ זַיין טַאטֶע מִיט אֵיין שְׁטִיקְל קְלֵייד, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט: "פַּארְוָואס הָאסְטוּ צֶעשְׁנִיטְן דֶעם קְלֵייד אוֹיף צְוַויי שְׁטִיקְלֶעךְ?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין טַאטֶע: "אֵיין שְׁטִיקְל לֵייג אִיךְ אַוֶועק פַאר דִיר, וֶוען דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן אַלְטֶער מֶענְטְשׁ וֶועל אִיךְ דִיךְ אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען ווינְטֶער אוּן דוּ וֶועסְט זַיין קַאלְט - וֶועל אִיךְ דִיר שִׁיקְן דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם קְלֵייד. ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין תַּנְחוּמָא לֶךְ לְךָ, ט): 'מַעֲשֵׂה אָבוֹת, סִימָן לַבָּנִים', וִוי אַזוֹי דִי פִּירְסְט זִיךְ מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועל אִיךְ זִיךְ פִּירְן מִיט דִיר"; הָאט דֶער טַאטֶע זִיךְ גֶעכַאפְּט בַּיים קָאפּ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט אַהֵיים גֶערוּפְן זַיין אַלְטְן טַאטְן, עֶר הָאט אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן.

**עֶס** אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי עֶר בְּרֶענְגְט דָאס, מֶער בַּאֲרִיכוּת.

**נָאכְן** לֵיינֶען דִי מַעֲשֶׂה וֶועסְטוּ שׁוֹין ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִּירְן מִיט דַיין טַאטֶע; אֲפִילוּ דַיין טַאטֶע שְׁרֵייט אוּן

הַאלְט דִיךְ פָאר וְכוּ' וְכוּ' - וֶועסְטוּ אִים וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין און וַוייזְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער ווי אַזוֹי אַ אִיד פִירְט זִיךְ מִיט אַ טַאטֶע. דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעם גוּטְס.

**שְׁרַייבּ** מִיר נָאךְ, וֶועל אִיךְ דִיךְ מַדְרִיךְ זַיין אוֹיפְן זִיכְן וֶועג וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְז; דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ חַיִים טוֹבִים, אַ לֶעבְּן פוּן גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

**אַ** גוּט שַׁבָּת.

## תרפד

**מַיין וַוייבּ אִיז מִיר גֶעוָוארְן מַיין פָּאלִיצִיַאנְט,**
**ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, עֶס הָאט מַמָשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם זַייעֶנְדִיג זִיבֶּעצְן יָאר אַלְט. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַסַאךְ גֶעמוּטְשֶׁעט אַלְס בָּחוּר אַלֵיין, בִּיז אִיךְ בִּין עֶנְדְלִיךְ אַ חָתָן גֶעוָוארְן בַּיי דִי צְוֵויי און צְוָואנְצִיג, און אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז מַיין וַוייבּ אִיז מִיר גֶעוָוארְן מַמָשׁ ווִי מַיין מַאמֶע, זִי שְׁטֵייט אוֹיף מַיין קָאפּ ווִי אַ פָּאלִיצִיַאנְט און לָאזְט מִיךְ מַמָשׁ נִישְׁט אָטֶעמֶען. זִי פָּאלְגְט מִיךְ נָאךְ אַ גַאנְצְן צַייט, און דָאס נֶעמְט מִיר צוּ דִי יִשּׁוּב הַדַּעַת און דִי סִיפּוּק פוּן לֶעבְּן.

איך בין שוין גֶעוֶוען בַּיי אַסאך מֶענטשן, אָבֶער קֵיינֶער הָאט מִיר נִישט גֶעקֶענט הֶעלפן. עֶס אִיז מִיר בֶּאֱמֶת זֵייעֶר שְׁוֶוער, און אִיך דַארְף אויך חִיזוּק אויף אֱמוּנָה און בִּטָחוֹן, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶע פְרִישֶׁע פָּארְפָאלְק קְרִיגְן זִיךְ אִין אָנְהוֹיבּ; עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַ פָּארְפָאלְק וָואס זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין אָנְהוֹיבּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה. גְלַייךְ וֶוען דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין דִי עֶרְשְׁטֶע פָּארְפָאלְק - אָדָם און חַוָּה - גֶעקְרִיגְט, וֶוען חַוָּה הָאט גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת הָאט זִי שׁוֹין גֶעגֶעבְּן פַאר אָדָם הָרִאשׁוֹן פוּן דֶעם סַם הַמָּוֶת. אַזוֹי אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר בַּיי שָׂרָה אִמֵּנוּ אַז זִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַבְרָהָם (בְּרֵאשִׁית טז, ה): "חֲמָסִי עָלֶיךָ" וְגוֹ'; און פוּן דֶעמָאלְט אִיז דָא קְרִיגֶערֵייעֶן צְווִישְׁן מַאן און וַוייבּ.

רָחֵל אִמֵּנוּ הָאט פָארְגֶעהַאלְטְן יַעֲקֹב אָבִינוּ, זִי הָאט גֶעשְׂרִיגְן אוֹיף אִים (בְּרֵאשִׁית ל, א-ב): "הָבָה לִי בָנִים וְאִם אַיִן מֵתָה אָנֹכִי", אוּן יַעֲקֹב הָאט אִיר גֶענְטְפֶערְט: "הֲתַחַת אֱלֹקִים אָנֹכִי אֲשֶׁר מָנַע מִמֵּךְ פְּרִי בָטֶן וְגוֹ'"; אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ ווִי עֶר הָאט גֶעלִיטְן בִּזְיוֹנוֹת פוּן זַיין ווַייב, זִי הָאט אִים מְבַזֶּה גֶעוֶוען וְכוּ' (עַיֵּין שְׁמוּאֵל-ב ו, טז-כב), מִיט דֶעם אַלֶעם הָאבְּן זֵיי ווַייטֶער גֶעלֶעבְּט מִיט אַ דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעקוּקְט מִיט אַ גוּט אוֹיג אוֹיף דִי ווַייבּ אוּן שְׁטֶענְדִיג דַן גֶעוֶוען דִי ווַייבּ לְכַף זְכוּת.

דוּ פוּן דַיין זַייט זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן צוּ דַיין ווַייבּ מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ אַזוֹי ווִי אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד פִּירְט זִיךְ; רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין - וֶועט זִי זִיךְ טוֹישְׁן אוּן זִי וֶועט אוֹיךְ רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִיר. ווַייז אִיר אַז דוּ טְרַאכְטְסְט פוּן אִיר, וֶועט זִי זִיךְ אוֹיטָאמַאטִישׁ טוֹישְׁן. אוּן אֲפִילוּ זִי אִיז דִיךְ מְצַעֵר - זָאלְסְטוּ אִיר ווַייטֶער מְכַבֵּד זַיין.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רַבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבֵיתְהוּ", רַבִּי חִיָּיא'ס ווַייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין; מִיט דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ ווָאס זִי הָאט לִיבּ, "צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ, וּמַיְיתֵי נִיהֲלֵהּ", פְלֶעגְט עֶר עֶס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר אִיר.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת ווָאס עֶר הָאט גֶעטוּן, אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים נא, ה): "כִּי

פְּשָׁעַי אֲנִי אֵדָע וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד"; מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן: וְחַ'טָּאתִי נֶ'גְדִּי תָ'מִיד - אִיז חָתָ"ן; אוֹיבּ אַ חָתָן גֵייט צוּ דִי חֲתוּנָּה גֶעדֶענְקֶענְדִיג שְׁטֶענְדִיג וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִין לֶעבְּן - וֶועט עֶר הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס, עֶס וֶועט זַיין: כִּ'י לַ'ה' הַ'מְּלוּכָה, וָואס אִיז נוֹטְרִיקוֹן כַּלָ"ה; וֶוען דֶער חָתָן גֶעדֶענְקְט שְׁטֶענְדִיג וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, זַיי מִיר מוֹחֵל וְכוּ' וְכוּ'", דֶעמָאלְט וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גוּטֶע כַּלָּה אוּן אַלֶעס וֶועט זַיין מְסוּדָּר - כִּי לַה' הַמְּלוּכָה.

דוּ פְרֶעגְסְט צִי אִיךְ קֶען דִיר הֶעלְפְן; אִיךְ קֶען דִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן זָאגְן וָואס אִיךְ טוּ וֶוען אִיךְ דַארְף הִילְף. אִיךְ גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בֶּעט אִים אוֹיף וָואס אִיךְ דַארְף אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מִיר. אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן, גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ ווִינְקְל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; קוֹדֶם דַאנְק אִים פַאר דַיין לֶעבְּן, פַּאר דַיין וַוייבּ אוּן פַּאר אַלֶעס, אוּן בֶּעט אִים עֶס זָאל זַיין צְווִישְׁן עֶנְק פַארְשְׁטַאנְד אוּן לִיבְּשַׁאפְט - וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרפה

**וָואס טוּט מֶען אַז נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט מֶען וַוייטֶער נִסְיוֹנוֹת?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי חַיוּת אוּן חִיזוּק וָואס אִיךְ שֶׁעפּ שׁוֹין דִי לֶעצְטֶע פִינְף יָאר פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק מִיט אַ לִיכְטִיגֶע אֵשֶׁת חַיִל, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר מַמָשׁ ווִי אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם גֶעלֶערְנְט חָתָן שִׁיעוּרִים בַּיי אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָתָן רֶבִּי [וָואס בֶּעט נִישְׁט קַיין גֶעלְט], אוּן אִיךְ וֵוייס זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן פְּרִישׁוּת, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער דִי גֶעווִיסֶע צֵייטְן וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ וֶוער צוּרִיק אַ בָּחוּר אוּן אִיךְ פַאל יֶעדֶעס מָאל דוּרְךְ רַחְמָנָא לִצְלָן; אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז נִישְׁטָא מֶער קַיין נִסְיוֹנוֹת, אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס אִיךְ טוּ נִישְׁט גוּט?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט הָאבְּן אַן עֵצָה פַאר מִיר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוער עֶס הִיט זִיךְ נִישְׁט פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה וֶוערְט צוּם סוֹף**

מְשוּגָע... דִי עֲבֵירָה רַייסְט אוּיס דֶעם מֶענְטְש אוּן עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים דִי גַאנְצֶע שֵׂכֶל.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לו) רוֹב מְשוּגָעִים וֶוערְן מְשוּגָע פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אוּן אַלֶע צָרוֹת וָואס מֶען לַיידְט קוּמְט פוּן פְּגַם הַבְּרִית, פוּן מוֹצִיא זַיין זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן. דִי עֲבֵירָה מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְש זָאל אַלֶעס פַארְלִירְן.

**אַז** דוּ ווִילְסְט זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע, נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א): "עִקַּר הַכְנָעָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרָע, הוּא עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", דֶער עִקָּר עֵצָה ווִי אַזוֹי מֶען קֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אִיז דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, "וְהַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת וָי"ו", אוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי ווִי דִי פָּארֶעם פוּנֶעם אוֹת ו', ווַייל דִי לוּחוֹת אִיז גֶעוֶוען בְּרֵייט זֶעקְס טְפָחִים אוּן לַאנְג זֶעקְס טְפָחִים, "וְהַוָּי"ו הוּא צוּרַת מַקֵּל", אוּן דֶער אוֹת ו' זֶעט אוּיס ווִי אַ שְׁטֶעקְן, "כִּי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה מַכְנִיעַ אֶת הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֶת הָאָדָם מְשׁוּגָע מַמָּשׁ חַס וְשָׁלוֹם", קוּמְט אוּיס אַז דִי תּוֹרָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ אַ שְׁטֶעקְן, פּוּנְקְט ווִי אַ מְשוּגֶעגֶער פַארְשְׁטֵייט נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אִים מִיט אַ שְׁטֶעקְן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער מֶענְטְש וָואס זִינְדִיגְט, וָואס עֶר אִיז אוֹיךְ אַ מְשוּגֶעגֶער - פַארְשְׁטֵייט אוֹיךְ נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אִים מִיט דִי תּוֹרָה; מִיט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָאס אִיז דֶער וָא"ו, נָאר דִי תּוֹרָה הָאט דִי כֹּחַ צוּ מַאכְן אַ מֶענְטְש אוֹיפְהֶערְן זִינְדִיגְן.

**אַז** דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן עֶס פְּלַאקֶערְט אִין דִיר וַוייטֶער דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן צוּלִיבּ דַיין רְגִילוּת פוּן דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זָאגְן אַסַאך מִשְׁנַיוֹת. עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאך אַ זַאך וָואס זָאל אוֹיסְרַייסְן דָאס שְׁלֶעכְטְס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וִוי לִימוּד מִשְׁנַיוֹת. וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוִויסְט וָואס מִשְׁנַיוֹת טוּט פַארְן מֶענְטְשׁ - וָואלְטְן זִיך אַלֶע גֶעפְלַייסְט אִין דֶעם, מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ סְגוּלָה אַז עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה אוּן עֶס נֶעמְט אַרָאפּ פוּן אִיר אַלֶע פְלֶעקְן.

**אִיך** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, וַוייל חוּץ וָואס דוּ בְּרֶענְגְסְט אַ שָׁאדְן אוֹיף דַיין נְשָׁמָה - וֶועסְטוּ אוֹיך הָאבְּן אַ שָׁאדְן אוֹיף דַיין גוּף. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּך (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רמ, סְעִיף יד) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - "זִקְנָה קוֹפֶצֶת עָלָיו", וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן פַארְעֶלְטֶערְט, אוּן עֶר פַארְלִירְט דִי כֹּחוֹת. אַזוֹי אוֹיך וֶוערְן אִים דִי אוֹיגְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, עֶס הוֹיבְּט אָן גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּך פוּן זַיין מוֹיל; "וְשַׂעַר רֹאשׁוֹ וְגַבּוֹת עֵינָיו וְרִיסֵי עֵינָיו נוֹשְׁרִים וְכוּ'", דִי הָאר פוּן קָאפּ אוּן פוּן דִי אוֹיגְן בְּרֶעמֶען פַאלְן אַרוֹיס, "וְהַרְבֵּה כְּאֵבִים חוּץ מֵאֵלּוּ בָּאִים עָלָיו", אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אוֹיף אִים נָאך אַסַאך וֵוייטָאגְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

# תרפו

## אַז אִיךְ הַאלְט מִיט פוּן דֶערְוַוייטְנְס, בִּין אִיךְ אוֹיךְ אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין קָרוֹב צוּ אַ יָאר וָואס אִיךְ פַּארְפֶעל נִישְׁט קַיין אֵיין שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף דִי "קוֹל בְּרֶסְלֶב" הַאטְלַיין אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ מְקַיֵּם זַיין וָואס אִיךְ הֶער. אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ לֶערְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן נָאךְ שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ בִּין מְכַבֵּד מַיין ווייבּ; אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז דִי תַּלְמִידִים זָאלְן זֶען צוּ קוּמֶען כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אִין קֶעמְפּ, זִיךְ צוּ טוֹבֵל'ן אִין דִי מִקְוֶה פוּן אֱמוּנָה. וויל אִיךְ וויסְן אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַזַא אֵיינֶער ווִי מִיר וָואס אִיז אַ תַּלְמִיד נָאר פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, אָדֶער נָאר פַאר וֶוער עֶס אִיז אָפִיצְיֶעל אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן דְרֵיידְט זִיךְ דָארְט פִּיזִישׁ?

אוֹיךְ וויל אִיךְ וויסְן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען קוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דֶעם סִיּוּם הַשַּׁ"ס מִיט דִי קְהִלָּה, קוּמֶענְדִיגְן יָאר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען זִיךְ אַרַיינְשְׁטֶעקְן דֶעם קָאפּ אוּן זַיין אַ חֵלֶק פוּן חֲבוּרַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ,

זִיךְ אָנְזֶעטִיגְן מִיט דִי גוּטֶע עֶסְן וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז. מְזוֹנָא דְנִשְׁמָתָא (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח), שְׁפַּייז פַאר דִי נְשָׁמָה; דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה וָואס אִיז מְחַזֵק אוּנְזֶערֶע נְשָׁמוֹת.

**שְׁפִּיר** נִישְׁט ווִי דוּ בִּיסְט צְוֵוייט קְלַאסִיג וְכוּ'; מֵיין נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זַיין אִין אַ גֶעווִיסֶער מָקוֹם צוּ זַיין אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, כְּאִילוּ נָאר דִי וָואס דַאוֶוענֶען דָארְט אוּן דָארְט, אוּן נָאר דִי וָואס גֶעפוּנֶען זִיךְ דָארְט אוּן דָארְט - דִי זֶענֶען בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים אוּן דִי אֱמֶת'עֶ תַּלְמִידִים. עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי; בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידוּת אִיז נִישְׁט מְצֻמְצָם אִין קַיין שׁוּם פְּלַאץ, נָאר וואוּ אִימֶער דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפוּנְט זִיךְ, אוֹיבּ פָאלְגְט עֶר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, עֶר לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ מְקַיֵּם זַיין וָואס שְׁטֵייט דָארְט - דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן.

**אַלֶע** פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים הָאבְּן דֶעם גֶעפִיל אַז זֵיי זֶענֶען נָאכְנִישְׁט פוּן דִי רִיכְטִיגֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר; זֵיי קוּקְן אוֹיף דִי אַלְטֶע מְקוֹרָבִים מִיט קִנְאָה - ווִי זֵיי זֶענֶען דִי וָואס זֶענֶען נֶענְטֶער צוּם רֶבִּי'ן. אָבֶּער ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים: לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן סֵפֶר הַמִּדּוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ה): "וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד"; אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מְקַיֵּם זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת - הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן. עֶס קֶענֶען זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין יָארְן אִין בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער אוֹיבּ זֵיי לֶערְנֶען

נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים זֶענֶען זֵיי נִישְׁט קַיין תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן, ווִידֶער קֶען זַיין אַ פְּרִישֶׁער מְקוֹרָב וָואס אוֹיבּ עֶר בַּאפְלַייסְט זִיךְ אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן פָאלְגְט דִי עֵצוֹת - אִיז עֶר מֶער מְקוֹרָב ווִי אַנְדֶערֶע.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ (טְרֶעמְפּ) מִיט אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק; אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג זָאגְט עֶר פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן", אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אִים מְקַנֵא גֶעוֶוען. וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אִיד יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט נִישְׁט 'גֶעקֶענְט' דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט 'גֶעזֶען' דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ 'קֶענְסְט' דֶעם רֶבִּי'ן, ווַייל דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; קוּמְט אוֹיס אַז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דֶער קֶען דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן.

אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה, קוּם אַרוֹיס אִין קֶעמְפּ, זַיין אַ חֵלֶק פוּן אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' וּמְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אוּן אַלֶע וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים - "אֶת אֲשֶׁר יֶשְׁנוֹ פֹּה עִמָּנוּ, וְאֵת

אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ עוֹמֵד עִמָּנוּ", נָאר זַיי זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' פוּן דֶערְוַוייטְנְס - זֶענֶען גֶעלַאדְנְט צוּ קוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דֶעם סִיּוּם הַשַּׁ"ס אוּן זַיין אַ חֵלֶק פוּן דֶעם פְּלַאץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תרפז

### וֶוען וֶועט שׁוֹין מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ קוּמֶען?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ שְׁאֵלוֹת צוּ פְרֶעגְן, אָבֶּער מֶער פוּן אַלֶעם הָאבּ אִיךְ אֵיין גְרוֹיסֶע שְׁאֵלָה; ווִי לַאנְג נָאךְ וֶועלְן מִיר זִיךְ מוּטְשֶׁען אִין דֶעם בִּיטֶערְן שְׁוֶוערְן רוּחְנִיּוּת'דִיגְן גָלוּת? וֶוען קוּמְט שׁוֹין מָשִׁיחַ אוּן עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין וּמָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה'?

עֶס וֶוערְט שְׁוֶוערֶער אוּן שְׁוֶוערֶער צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דִי דוֹרוֹת פַאלְן מִיט אַזַא שְׁנֶעלֶע טֶעמְפָּא, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן ווִי פְלִיגְן; נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט רֶבִּי יוֹחָנָן גֶעזָאגְט: "יֵיתֵי וְלָא אִיחְמִינֵיהּ" (סַנְהֶדְרִין צח:), עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיטְהַאלְטְן בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ, וַוייל עֶר הָאט גֶעוִוסְט ווִי שְׁלֶעכְט דֶער דוֹר וֶועט דֶעמָאלְט אוֹיסְזֶען.

מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, פַארְוָואס זָאל מֶען אָבֶּער נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי וֶועלְט אַז אִידְן זָאלְן אַיינְרַייסְן מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט מֶען שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וֶוער** רֶעדְט נִישְׁט פוּן בִּיאַת מָשִׁיחַ? אַלֶעס וָואס מִיר רֶעדְן און מִיר טוּעֶן אִיז נָאר כְּדֵי מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן גָלוּת.

**אַז** דוּ ווִילְסְט טוּן עֶפֶּעס פַאר בִּיאַת מָשִׁיחַ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת - וֶועסְטוּ מְקָרֵב זַיין דִי גְאוּלָה. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת; און דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (בְּנֵי יִשָּׂשכָר חוֹדֶשׁ תַּמּוּז אָב - מַאֲמָרֵי חָדְשֵׁי תַּמּוּז אָב, מַאֲמָר ב): "סַךְ כָּל הַשָּׁעוֹת מִן הכ"ב יָמִים הֵם תקכ"ח", דִי שָׁעוֹת פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן אִיז סַךְ הַכֹּל פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט און צְוָואנְצִיג, "עַל כֵּן יֵשׁ בַּמִּשְׁנָיוֹת תקכ"ח פְּרָקִים מִנְיַן מַפְתֵּ"חַ", דֶערְפַאר אִיז דָא אִין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט און צְוָואנְצִיג פְּרָקִים, "כְּמִנְיַן מַפְתֵּחַ הַגְּאֻלָּה", ווַייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסֶל מִיר זָאלְן דוּרְכְדֶעם אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת, וָואס דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט און צְוָואנְצִיג שָׁעָה פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין הַגָּלֻיּוֹת מִתְכַּנְּסוֹת

אֶלָּא בִּזְכוּת הַמִּשְׁנָיוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר אִינֶעם זְכוּת פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, "וּכְשֶׁמְּדַבְּרִין וְשׁוֹנִין בְּמוֹ פִּינוּ הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אֲזַי נִפְתַּח הַסָּתוּם", אוּן וֶוען מֶען חַזֶר'ט מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט גֶעעֶפְנְט דִי פַארְמַאכְטְקֵייט פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (הוֹשֵׁעַ ח, י): "'גַּם כִּי יִתְנוּ בַגּוֹיִם עַתָּה אֲקַבְּצֵם', לָשׁוֹן מַתְנִיתִין", 'יִתְנוּ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מִשְׁנַיוֹת, אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אִין גָלוּת, "עַתָּה אֲקַבְּצֵם", וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְלֵייזְן; זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לִימוּד מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זִיךְ יֶעדְן טָאג מִתְבּוֹדֵד זַיין; הוֹיבּ אָן שׁוֹין יֶעצְט צוּ לֶעבְּן מִיט דֶער לִימוּד וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶער לִימוּד פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִילָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ב): "עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה", מָשִׁיחַ'ס גֶעוֶוער וֶועט זַיין תְּפִילָה, "וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכִּבִּישׁוֹת שֶׁיִּכְבּשׁ, הַכֹּל מִשָּׁם", אַלֶע מִלְחָמוֹת אוּן אַלֶעם וָואס עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען - וֶועט זַיין נָאר דוּרְךְ תְּפִילָה; מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי וֶועלְט, יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים. מֶען וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר דַארְף, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'"; אוּן יֶעדֶער וֶועט זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נב, ח): "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן".

**אַלֶע** דיבּוּרים וָואס מִיר רֶעדְן אִיז פוּן דִי לִימוּדִים וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרײַנבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): "צְוִוישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁטָא קַיין חִילוּק, נָאר אֵיין חִילוּק אִיז דָא, בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה אוּן יֶעצְט אִיז נָאךְ דָא דִי בְּחִירָה"; דָאס טוּט שׁוֹין דֶער רֶבִּי יֶעצְט מִיט אוּנְז, עֶר בְּרֶענְגְט אַרײַן אִין אוּנְז אַזַא גֶעטְלִיכְקֵייט אוּן אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אַז מִיר שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז אוּן נֶעבְּן אוּנְז. אוּן אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הוֹיבְּט עֶר אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, עֶר גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן הוֹיבְּט אָן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר אַ גוּטֶער חָבֵר - אִיז עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ. בַּיי אִים וֶוערְט מְקוּיָּם דָאס וָואס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא כו, יב): "וְהִתְהַלַּכְתִּי בְּתוֹכְכֶם, וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹקִים וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי לְעָם", זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: "אֲטַיֵּיל עִמָּכֶם בְּגַן עֵדֶן כְּאַחַד מִכֶּם וְלֹא תִּהְיוּ מִזְדַּעְזְעִים מִמֶּנִּי", מֶען שְׁפַּאצִירְט כִּבְיָכוֹל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט צוּ אִים שְׁפַּאצִירְנְדִיג, אַה! מַמָּשׁ גַּן עֵדֶן אַלֵיינְס!

**עֶס** אִיז נִישְׁטָא קַיין זִיסֶערֶע זַאךְ ווִי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים; עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶס אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ אוּן עֶר

רֶעדְט מִיט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ פָּנִים אֶל פָּנִים. וואוּיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוּיל אִיז אִים לָעוֹלָם הַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תרפח

### קֶען מֶען לְכַתְּחִלָּה נוּצְן אַ סְווימִינְג פּוּל פַאר אַ מִקְוֶה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אוֹיף אַ שִׁיעוּר אַז אַ סְווימִינְג פּוּל [שְׁווִים בַּאסֵיין] אִיז אוֹיךְ גוּט פַאר אַ מִקְוֶה, אוּן אַז אַ שְׁווִים קְלֵייד אִיז נִישְׁט קַיין חֲצִיצָה. ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ מֶען מֶעג דָאס טַאקֶע נוּצְן לְכַתְּחִלָּה פַאר אַ מִקְוֶה, אָדֶער נָאר וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעהֶעריגֶע מִקְוֶה? וַוייל אִיךְ גֵיי יֶעדְן טָאג אִין דְזְשִׁים אִין אַ סְווימִינְג פּוּל; קֶען אִיךְ דָאס נוּצְן פַאר אַ מִקְוֶה?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי אִין מִקְוֶה, וַוייל וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דָאס עֶרְשְׁטֶע תִּיקוּן אִיז מִקְוֶה" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא); וַוייל מִקְוֶה וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, מְמֵילָא דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי גֵייט מֶען אִין מִקְוֶה.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן אַן אֵיינִיקְל פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז דֶער קַאפְּל קְלֶעבְּט אִים נִישְׁט צוּם קָאפּ פַארְן מִקְוֶה; עֶר אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם אָנְצוּהוֹיבְּן דֶעם טָאג אָן אַ מִקְוֶה.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מִקְוֶה טוּט פַארְן מֶענְטְשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט אַ מִצְוָה, אָבֶּער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְּרֶענְגֶען קֶען קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה צוּבְּרֶענְגֶען".

זַיי מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג; מֶען קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן צוּ גֵיין אִין אַ סְווימִינְג פּוּל וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה - נָאר אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט אַז דִי סְווימִינְג פּוּל אִיז גוּט פַארְמַאכְט אוּן עֶס פַארְלִירְט נִישְׁט קַיין וַואסֶער וְכוּ', דֶעמָאלְט הֶעלְפְט עֶס אוֹיךְ נָאר פַאר תּוֹסֶפֶת טָהֳרָה אוּן נִישְׁט פַאר טְבִילָה דְאוֹרַיְיתָא, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען קֶען הָאבְּן אַ מִקְוֶה מִיט מֵי גְשָׁמִים - אִיז זִיכֶער כְּדַאי צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תרפט

### וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, גְלַייךְ נָאךְ אוּנְזֶער שֶׁבַע בְּרָכוֹת הָאבּ אִיךְ צוּלִיבּ גֶעטוּן פַאר מַיין מַאן אוּן גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען נֶעבְּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וָואס אִיז וַוייט פוּן דִי שְׁטָאט וואוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן וואוֹינֶען. מִיר פְּרוּבִּירְן זִיךְ מְכַבֵּד זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

בַּיי מַיין שְׁווִיגֶער אִינְדֶערְהֵיים אִיז נִישְׁטָא קֵיין שָׁלוֹם בַּיִת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מַיין מַאן אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ שָׁלוֹם בַּיִת שִׁיעוּרִים אוּן דֶערִיבֶּער ווייסְט עֶר נָאר וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען בַּיי זַיינֶע עֶלְטֶערְן, עֶר מֵיינְט זִיכֶער נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער אַסַאךְ מָאל קֶען עֶר מִיר זֵייעֶר מְצַעֵר זַיין אוּן עֶר כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס עֶר טוּט.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מִישְׁט זִיךְ מַיין שְׁווִיגֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרַיין אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן, זִי הֵייסְט אוּנְז פִּינְקְטְלִיךְ וָואס מִיר דַארְפְן טוּן אוּן זִי פַארְלַאנְגְט מִיר זָאלְן כְּסֵדֶר קוּמֶען צוּ אִיר. וֶוען מִיר גֵייעֶן צוּ אִיר אִיז מַיין מַאן נָאר פַארְנוּמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט זַיין מַאמֶע אוּן קוּקְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף מַיין זַייט, אֲפִילוּ אִינְמִיטְן דִי וָואךְ גֵייט עֶר אַסַאךְ צוּ זַיין מַאמֶע אוּן עֶר בְּלַייבְּט דָארְט שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט. אִיךְ

בִּין אִינְדֶערְהֵיים און אִיךְ וַוארְט עֶר זָאל שׁוֹין אַהֵיימְקוּמֶען, אָבֶּער אִיךְ מוּז גֵיין שְׁלָאפְן וַוייל עֶס וֶוערְט שְׁפֶּעט, און וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אַהֵיים אַזוֹי שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ אִים.

אַיין קָרוֹב הָאבּ אִיךְ אִין דֶעם שְׁטָאט, מִיר גֵייעֶן אַמָאל צוּ יֶענֶעם און וֶוען מַיין שְׁוִויגֶער וֶוערְט גֶעוואוּיר דֶערְפוּן הוֹיבְּט זִי אָן צוּ פַּארְפִירְן פַּארְוָואס מִיר קוּמֶען נִישְׁט עֶנְגֶערְשׁ צוּ אִיר.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת? וָואס קֶען אִיךְ טוּן וֶועגְן מַיינֶע שְׁוִויגֶער-עֶלְטֶערְן וָואס מִישְׁן זִיךְ אַזוֹיפִיל אַרַיין? אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אוֹיף מַיין צוּקוּנְפְט, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**זְויסְן** זָאלְט אִיר אַז עֶס נֶעמְט צַייט פַאר אַ פְרִישֶׁע פָּארְפָאלְק צוּ לֶעבְן בְּאַהֲבָה וְאַחְוָה, נָאכְדֶעם וָואס דֶער מַאן קוּמְט פוּן זַיין וֶועלְט און דִי וַוייבּ קוּמְט פוּן אַ צְוֵוייטֶע וֶועלְט. און זֵיי דַארְפְן אַרְבֶּעטְן צְווִישְׁן זִיךְ צוּ קוּמֶען נֶענְטֶער און נֶענְטֶער און זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן; אַז מֶען הָאט סַבְלָנוּת און מֶען וַוארְט אוֹיס - אִיז מֶען זוֹכֶה נָאכְדֶעם צוּ אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן.

**דָאס** אַז אַייעֶר מַאן לוֹיפְט שְׁטֶענְדִיג צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ'; דָאס פַּאסִירְט זֵייעֶר אַסַאךְ בַּיי אַ יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק.

אַסַאךְ מָאל אִיז דֶער מַאן דֶער וָואס לוֹיפְט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּ דִי עֶלְטֶערְן, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ דָארְט בֶּעסֶער, אוּן אַסַאךְ מָאל אִיז דִי וַוייבּ דִי וָואס לוֹיפְט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן וַוייל דָארְט שְׁפִּירְט זִי מֶער בַּאקְוֶועם וְכוּ'; עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּ בַּאקֶענֶען אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן אַן אָפֶּענֶעם לֶעבְּן.

**אַז** אַייעֶר מַאן אִיז אַייךְ מְצַעֵר דַארְפְט אִיר זַיין אָפְן מִיט אִים אוּן אִים זָאגְן אַייעֶר וֵוייטָאג. דִי שְׁלִיסְל פַּאר שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צוּ זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, אַז אַייעֶר מַאן טוּט אַייךְ וֵויי, עֶר אִיז אַייךְ מְצַעֵר - זָאלְט אִיר אִים שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן ווִי שְׁטַארְק עֶס בַּאדֶערְט אַייךְ דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן. זָאגְט אִים ווִי שְׁטַארְק אִיר הָאט אִים לִיבּ אוּן ווִי שְׁטַארְק אִיר ווִילְט זַיין מִיט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אָנְהוֹיבְּן אַהֵיימְקוּמֶען צַייטְלִיךְ. זָאגְט אִים ווִי שְׁטַארְק אִיר שֶׁעצְט זַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אַז עֶר רֶעדְט מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן עֶר גֵייט צוּ זֵיי; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאלְט אִיר אִים שֵׁיינֶערְהֵייט בֶּעטְן עֶר זָאל אַהֵיימְקוּמֶען צַייטְלִיךְ, זָאגְט אִים אַז אִיר ווִילְט נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אַלֵיינְס, אִיר ווִילְט עֶר זָאל אַהֵיימְקוּמֶען אִין צַייט, וֶועט עֶר זִיכֶער קוּמֶען צוּ אַייךְ אוּן זַיין מִיט אַייךְ.

**פְּרוּבִּירְט** מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁטֶענְדִיג זָאלְט אִיר זַיין גְרֵייט פַאר אַייעֶר מַאן.

אִיר זָאלְט אִים שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְנֶעמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶועט זַיין "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם" (מִשְׁלֵי כז, יט),

אַזוֹי ווי וֶוען מֶען קוּקְט אִין וַואסֶער שְׁפִּיגְלְט מֶען זִיךְ דֶערִין - וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט זֶעט מֶען אַ שְׁמֵייכְל אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹיעֶר זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע בִּילְד, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער לֶעבְּן; אוֹיבּ מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ שְׁפִּיגְל זֶעט מֶען ווי אֵיינֶער שְׁמֵייכְלְט צוּרִיק, אוּן אוֹיבּ מֶען וַוייזְט אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים צוּם שְׁפִּיגְל זֶעט מֶען צוּרִיק אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים.

**וְעַל** כּוּלָּם נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; רֶעדְט זִיךְ אוּיס אַייעֶר הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אַייךְ. בֶּעטְס אִים עֶס זָאל זַיין לִיבְשַׁאפְט פוּן אַייךְ צוּ אַייעֶר מַאן אוּן פוּן אִים צוּ אַייךְ, וֶועט אִיר זֶען ווי אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תרצ

### קֶען אַ מַאמֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַנְשְׁטָאט אִיר קִינְד?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' דֶערְמִיט, אוּן בָאטְשׁ וָואס אִיךְ פְלֶעג אַלְץ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ, אַז יֶעדֶע אִידִישֶׁע פְרוֹי רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט קֵיין בְּרֶסְלֶב'עֶר; אָבֶּער דִי שִׁיעוּרִים

און דְּרָשׁוֹת גֶעבְּן מִיר פִיל מֶער חִיזּוּק זִיךְ מֶער צוּ שְׁטַארְקְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין בָּחוּר לֶערְנְט אִין אַ יְשִׁיבָה, אָבֶּער עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ שְׁטַארְק בְּרוּחְנִיּוּת, עֶר פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מַיין הַארְץ בְּלוּטִיגְט אוֹיף דֶעם, אִיךְ וֵויין אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, דֶער בָּחוּר אַלֵיין שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז עֶפֶּעס פֶּעלְט אִים, עֶר מֵיינְט אַז עֶר ווִיל פָּשׁוּט הֲנָאָה הָאבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, און עֶר כַאפְּט נִישְׁט וִוי עֶר גֵייט אוֹיפְן וֶועג אַרָאפּ צוּם שְׁאוֹל תַּחְתִּית, און עֶר וֶועט נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק כַאפְּן. אִיז דִי שְׁאֵלָה צִי אִיךְ קֶען עֶס טוּן אַנְשְׁטָאט אִים; אִיךְ זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִים אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק שְׁטֶעלְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעהַאנְדְלְט צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן און צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אִיךְ בֶּעט אַנְשְׁטָאט אִים? וֶועט דָאס הֶעלְפְן דִי זֶעלְבֶּע וִוי וֶוען עֶר אַלֵיינְס וָואלְט וֶוען גֶעבֶּעטְן פַאר זִיךְ?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

### וָואס אִיז בִּכְלַל דִי הַוָה אֲמִינָא צִי עֶס הֶעלְפְּט תְּפִילּוֹת פוּן אַ מַאמֶע פַאר אִירֶע קִינְדֶער?! אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים

וָואס הָאבְּן בַּאלויכְטְן דִי וֶועלְט איז נָאר וַוייל זֵייעֶרע מַאמֶעס פְלֶעגְן וֵויינֶען צום אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן בַּאשַׁיינֶען דִי וֶועלְט.

**מוֹהֲרָא"ש** פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אויף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אויפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט און דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד, און אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואו זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

**זָאלְט** אִיר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף אַלֶע קִינְדֶער - וֶועט אִיר זֶען פִיל נַחַת בַּיי אַלֶע פוּן זֵיי, בִּפְרַט וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; בֶּעטְס פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן, פַאר דֶעם קִינְד וָואס פַאלְט וְכוּ', פַאר אַלֶע אַייעֶרע קִינְדֶער און פַאר אַלֶע אִידְן. בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע נִיסִים.

**רֶבִּי** נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ און זַיינֶע טֶעכְטֶער, וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד אָן דִי לִיכְט, אַזוֹי זָאל אָנְגֶעצִינְדְן וֶוערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִיכְט אִין אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער"; אַזוֹי אויךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן בַּיי דִי לִיכְט: "רִבּוֹנוֹ

שֶׁל עוֹלָם, הֶער אוּים מַיין גֶעבֶּעט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיךְ דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט, בִּפְרַט מַיין זוּן הַבָּחוּר ..., הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִים אוּן עֶפְן אִים זַיין הַארְץ עֶר זָאל נָאר דִיךְ וֶועלְן, עֶר זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן, עֶר זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן נִישְׁט קוּקְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֵי וִוי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְסְטוּ אִים לִיכְטִיג מַאכְן זַיין לֶעבְּן, עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין אִים אַ רֵיינֶע גֵייסְט, אַ הֵיילִיגְקֵייט. מַאךְ אוּנְז לִיכְטִיג אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּן מַאךְ לִיכְטִיג פַּאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן דִיר אוּן אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. צִינְד אָן ...'ס הַארְץ עֶר זָאל דִיךְ דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן צִינְד אָן דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער".

אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ שְׁטֵיין קֶענְט אִיר זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן, אוּן אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט הַאלְטְן דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים פַאר לַאנְג - קֶענְט אִיר פָּשׁוּט זִיצְן בַּיי דִי לִיכְט אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעטְס אוּן בֶּעטְס אוּן שְׁפָּארְט נִישְׁט קַיין טְרֶערְן, וַוייל יֶעדֶע טְרֶער אִיז נָאךְ אַ טְרָאפּ וַואסֶער וָואס וֶועט שְׁפַּאלְטְן דִי הֶערְצֶער פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף אִים; זוּכְט אוֹיף גוּטֶע נְקוּדוֹת אִין אַייעֶר זוּן נֵרוֹ יָאִיר אוּן מַאכְט דֶערְפוּן אַן עֵסֶק. וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ זוּכְט מֶען אַלְץ חֶסְרוֹנוֹת אִינֶעם קִינְד; וֶוען מֶען זֶעט עֶפֶּעס וָואס דֶער קִינְד

דַארְף פַארְרֶעכְטְן הַאלְט מֶען אִים פָאר, אָבֶּער וֶוען דֶער קִינְד טוּט גוּטְס - דֶעמָאלְט זָאגְט מֶען גָארְנִישְׁט; דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט קַיין וֶועג, קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן מַאכְן פוּן יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה אַן עֵסֶק.

**אַז** אִיר וֶועט קוּקְן גוּט אוֹיף אִים וֶועט אִיר אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִינְגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַריינְגֶעצוֹיגְן קַיין מַארְמָארָאשׁ וואוּ עֶס הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי וֶועט דֶער רֶבִּי קֶענֶען פוֹעֵלְ'ן בַּיי דִי מַארְמָארָאשֶׁער אִידְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין?" הָאט זֵיי דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל זֵיי אַזוֹי לִיבּ הָאבְּן, בִּיז זֵיי וֶועלְן פָאלְגְן וָואס אִיךְ לֶערְן זֵיי אוּן וָואס אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן זֵיי"; זֶעט מֶען אַז מִיט לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אַלֶעס פוֹעֵלְ'ן.

**שְׁטַארְקְט** אַייךְ אִין תְּפִלָּה, זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט אַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת - וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

# תרצא

## אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי חִיזּוּק שִׁיעוּרִים

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן פַּארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ גֶעבְּן דִי שִׁיעוּרִים טָאג טֶעגְלִיךְ, אִיךְ מוּז דָאס הָאבְּן צוּם לֶעבְּן בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דִי שִׁיעוּרִים גֶעבְּן דִיר לֶעבְּן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין זַיין זַאק, דַארְפְסְטוּ יֶעצְט זֶען זִיךְ צוּצוּבִּינְדְן אִינֶעם זַאק צוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אַמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ הָאבּ דִיךְ שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין מַיין זַאק", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, בִּינְדְט מִיר צוּ אִינֶעם זַאק אִיךְ זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין".

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעקִילְט פוּנֶעם הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אָפְּקִילְן פוּן רֶבִּי'ן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו יָארְן צוּרִיק אִיךְ זָאל מִתְפַּלֵל זַיין יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ; דָאס טוּ אִיךְ יֶעדְן טָאג. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעזֶען פַאר אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן מוֹהֲרָא"שׁ וָואס לֶערְנְט מִיט אוּנְז דִי לִימוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ (הוּבָא בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "דֶערְמַאנְט אַייךְ אִיטְלִיכֶער וִוי אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעפוּנֶען"; דֶער רֶבִּי בֶּעט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶען וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד" (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) - וֶוערְט מֶען אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג - וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דִי צַייט פַארְגֶעסְט מֶען וִוי אַזוֹי מֶען הָאט אוֹיסְגֶעזֶען פַאר דֶעם.

דֶער עִקָר זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה; יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט

(חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵיידְט צוּם טִיר, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# תרצב

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּי'ן אִין מַיין שְׁטוּבּ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן צוּבִּיסְלִיךְ הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ ה' אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; אִין צְוֵויי וָואכְן אַרוּם וֶוערְט גַאנְצֶע צְוֵויי יָאר פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ"י. דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיךְ לֶערְנֶען גְּמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, בִּיז, הַיינְט לֶערְן אִיךְ שׁוֹין בָּרוּךְ ה' פִינְף שָׁעָה אַ טָאג, נָאךְ מַיין פַּארְמִיטָאג אַרְבֶּעט אַלְס מְלַמֵּד.

מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת; עֶס אִיז אַזוֹיפִיל בֶּעסֶער גֶעוָוארְן אִין שְׁלוֹם בַּיִת, אִין פַּרְנָסָה, אִין חִינוּךְ אוּן אִין אַלֶע זַאכְן, אוּן אַלֶעס אִיז נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי חִיזוּק אוּן שִׁיעוּרִים פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה אִיבֶּער מַיין טָאכְטֶער. זִי זֶעט בַּיי דִי אַרוּמִיגֶע מִשְׁפָּחָה אַז יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין רֶבִּי, מֶען הַאלְט מִיט טִישְׁן מִיט דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וָואס אִיז דָא בַּיי יֶעדֶע חֲסִידוּת אוּן זִי פְרֶעגְט מִיךְ פַארְוָואס מִיר הָאבְּן דָאס נִישְׁט. אִיךְ פְּרוּבִּיר אִיר צוּ עֶרְקְלֶערְן אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי, מִיר גֵייעֶן אִין זַיינֶע וֶועגְן אוּן מִיר פְרֶעגְן אִים יֶעדֶע זַאךְ, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה זֶעט זִי נִישְׁט בַּיי אוּנְז דֶער מַצָּב וָואס מֶען זֶעט בַּיי אַנְדֶערֶע רֶבִּי'ס אוּן חֲסִידוּת'ן.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין מַיין שְׁטוּבּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן', וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא", דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְּלַאם אוּן מִיט אַ פְּלַאקֶער; אַז מִיר זָאלְן צוּאָווִיסְן טוּן פַּאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט יֶעדְן אִיד אוּן וֶוער עֶס פָאלְגְט זַיינֶע עֵצוֹת קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מַדְרֵיגָה. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אֲפִילוּ אַ צַדִּיק גָמוּר אַ גַאנְץ לֶעבְּן - אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", וֶוער עֶס וֶועט מִיךְ פָאלְגְן אוּן טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס, וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק - זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

**אַז** דוּ ווִילְסְט דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן - זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי'ן; ווִי דֶער רֶבִּי הָאט

זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט): "וְעִקַּר הַחִדּוּשִׁים וְהַמּוֹפְתִים הַנּוֹרָאִים שֶׁרָאִינוּ מִמֶּנּוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הוּא רַק בְּעִנְיַן הִתְקָרְבוּת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם", דֶער עִקָּר מוֹפְתִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען נָאר אִינֶעם עִנְיָן פוּן מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁנִּכְנַס אֶחָד אֶצְלוֹ וְרָצָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, תֵּכֶף נֶהְפַּךְ מִיָּד לְאִישׁ אַחֵר מַמָּשׁ", יֶעדֶעס מָאל וֶוען אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאט מֶען גֶעזֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ ווֶוערְט אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכז): "שֶׁיְּסַפְּרוּ כַּמָּה מַעֲשִׂיּוֹת מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ", עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, "וּמִכָּל אֶחָד וְאֶחָד יִהְיוּ כַּמָּה מַעֲשִׂיּוֹת", פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם וֶועט זַיין שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן; זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֶפָּצָה, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ווִי זֵיי זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, מִיט בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכַת דָמִים. ווִי מֶענְטְשְׁן קוּמֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים - וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה אוּן אִין הֶפָּצָה, זֵיי וֶועלְן שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן קַיין טִישְׁן וְכוּ' וְכוּ'.

**אַמָאל** פְלֶעגְט מֶען טְשֶׁעפֶּען בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים אוּן זֵיי אָנְרוּפְן מִיטְן שְׁפֶּעט נָאמֶען: "טוּיטֶע חֲסִידִים", וַוייל מִיר פָאְרן צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ רֶבִּי; הַיינְט צוּ טָאגְס וֵוייסְן שׁוֹין אַלֶע וֶוער עֶס זֶענֶען טוּיטֶע חֲסִידִים אוּן וֶוער עֶס זֶענֶען דִי לֶעבֶּעדִיגֶע. אַלֶע חֲסִידוּת'ן זֶענֶען הַיינְט צוּ טָאגְס מְקַנֵא בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים אוּן אַלֶע וֵוייסְן הַיינְט וֶוער דִי "טוּיטֶע חֲסִידִים" זֶענֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלה): "הַאִם לֹא הָיִיתִי יָכוֹל לִהְיוֹת מְפֻרְסָם וּמַנְהִיג שֶׁקּוֹרִין (גוּטֶער יוּד) כְּמוֹ כָּל הַמַּנְהִיגִים שֶׁנּוֹסְעִים הַחֲסִידִים אֲלֵיהֶם וְאֵינָם יוֹדְעִים עַל מָה נוֹסְעִים, וְחוֹזְרִים וְשָׁבִים וּבָאִים וְאֵינָם יוֹדְעִים מַה בָּאִים", וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין וִוי אַנְדֶערֶע רֶבִּים וָואס דִי חֲסִידִים קוּמֶען צוּ זֵיי אוּן וֵוייסְן נִישְׁט פַארְוָואס זֵיי קוּמֶען, אוּן וֶוען זֵיי גֵייעֶן אַהֵיים מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט אוּן קוּמֶען נָאכְאַמָאל צוּרִיק - וֵוייסְן זֵיי נָאכְאַמָאל נִישְׁט פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען?! "אֲבָל אֲנִי לֹא רָצִיתִי בְּכָל זֶה, רַק לָקַחְתִּי עַצְמִי לַעֲסֹק בָּזֶה לְהַחֲזִיר אֶתְכֶם לְמוּטָב", אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט, נָאר אִיךְ הָאבּ אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַבִּי אִיר זָאלְט זַיין גוּטֶע אִידְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרצג

**איין מִינוּט בִּין אִיךְ גוּט און אֵיין מִינוּט שְׁלֶעכְט, וָואס טוּט מֶען?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ בִּין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. פוּן אֵיין זַייט טְרַאכְט אִיךְ אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און פוּן תַּכְלִית הַנִּצְחִי, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה שְׁפִּיר אִיךְ ווִי אַ מְעוּרָב טוֹב וָרַע, ווִיבַּאלְד וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֵייען אִין גַאס קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע, אִיךְ מוּז קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, און צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט קֶען אִיךְ וַוייטֶער טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווִי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס? אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר דָאס פַארְעֶנְטְפֶערְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ג' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן דִי בִּלְבּוּלִים וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵין קִיצוּר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הַשָּׁלֵם חֵלֶק א', סִימָן ו): "הָעִקָּר מַה שֶּׁקּוֹרִין 'זִיךְ דֶערְהַאלְטְן'"; דָאס אִיז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד, אַז עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אִים נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶר קְרִיכְט אַרוֹיס פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. פַארְקֶערְט, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר וֶוערְט נָאר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאךְ גֵייט עֶר וַוייטֶער אָן מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; מִיט תּוֹרָה, תְּפִילָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד זַיין סִיפּוּר הִתְקַרְבוּת (יֶעדֶער בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד הָאט זַיין מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן), אַז וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אוּן עֶס אִיז אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען שָׁבוּר וְרָצוּץ - אִיז עֶר אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר שְׁטִיבְּל אִין וַוארְשֶׁע. פּוּנְקְט וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער זָאגְט פַארְן צְוֵוייטְן אוֹיפְן קוֹל, בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "בְּרוּדֶער, בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן? הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען פַאלְט - דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן"; הָאט דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא"ש: "וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער אִיז דָאס אַרַיין אִין מִיר מִיט אַזַא שְׁטַארְקֵייט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט 'דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ וָואס אִיךְ דַארְף הֶערְן', פַאר דִי וֶוערְטֶער הָאט זִיךְ מִיר גֶעלוֹינְט צוּ קוּמֶען אַהֶער", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן.

**שְׁטַארְק** זִיךְ וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם אַז דוּ הָאלְסְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם לִבְלִי לְהָנִיחַ אֶת מְקוֹמוֹ, דְּהַיְנוּ מְעַט מִקְצָת עֲבוֹדָתוֹ שֶׁהִתְחִיל, אַף אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - סֵיי אִין תּוֹרָה סֵיי אִין תְּפִילָּה, "וּזְכֹר דָּבָר זֶה הֵיטֵב, כִּי תִּצְטָרֵךְ לָזֶה מְאֹד כְּשֶׁתַּתְחִיל קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", גֶעדֶענְק גוּט וָואס אִיךְ זָאג דִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - וַוייל וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ דָאס דַארְפְן גוּט וִויסְן, "כִּי צָרִיךְ עַקְשָׁנוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לִהְיוֹת חָזָק וְאַמִּיץ, לֶאֱחֹז עַצְמוֹ לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ", וַוייל מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער סְפֵיקוֹת און בִּלְבּוּלִים וְכוּ' וְכוּ', מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת; לֶערְן דוּרְךְ דֶעם גַאנְצְן תּוֹרָה וֶועסְטוּ הָאבְּן שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תרצד

## וָואס טוּט מֶען וֶוען מַחֲשָׁבוֹת פוּן לִיבְּשַׁאפְט פַּיינִיגְן אִין מֹחַ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל וָואס זוּכְט שׁוֹין לַאנְג אַ פְּלַאץ, פוּן וואוּ אִיךְ זָאל קֶענֶען נֶעמֶען חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אִין לֶעבְן, אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בִּין אִיךְ לֶעצְטְנְס גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי דְרָשׁוֹת אוּן שִׁיעוּרִים אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דֶעם, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס אִיךְ פַּיינִיג זִיךְ אוּן אִיךְ וֵויים נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ הֶעלְפְן. עֶס מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל בַּיי מִיר אַז אִיךְ בַּאקוּם אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, מַיין מֹחַ וֶוערְט מְקוּשָׁר זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ יֶענֶעם, בִּיז אִיךְ קֶען שׁוֹין מַמָּשׁ נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז דָאס צוּ מֶענֶער, אָבֶּער אַמָאל אוֹיךְ צוּ פְרוֹיעֶן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט עוֹבֵר אוֹיף גִּדְרֵי הַצְּנִיעוּת, אוּן דֶערִיבֶּער קֶען אִיךְ גָארְנִישְׁט טוּן מִיט דִי גֶעפִילְן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִין מֹחַ אוּן אִין הַארְץ דְרוּקְט עֶס מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, בִּיז עֶס נֶעמְט מִיר מַמָּשׁ צוּ מַיין גֶעזוּנְט.

לֶעצְטְנְס אִיז עֶס מִיר גֶעשֶׁען צוּ אַ מֵיידְל, אִיךְ וֵויים נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ פְּלוּצְלוּנְג בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִיר; דָאס מַאכְט מִיר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לַחַץ אוּן דְרוּק אוּן אִיךְ וֵויים בֶּאֱמֶת נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

דַארְף אִיךְ עֶפֶּעס טוּן צוּ דֶעם? אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס אִיךְ קֶען טוּן צוּ דֶעם? וֶועט עֶס אַוֶועקְגֵיין נָאךְ מַיין חֲתוּנָה?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער אוּן הַדְרָכָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייך גֶעבְּן גֶעזוּנְט אוּן לֶעבְּן מִיט אַסַאך הַצְלָחָה אִין אַייעֶר עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ג' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**נָאךְ** אַבִּיסְל וֶועט אִיר טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ, דֶעמָאלְט וֶועט אַלֶעס וֶוערְן מְסוּדָר.

**זֶעט** מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ; הֶערְט אַסַאךְ מוּזִיק פוּן פְּרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים וֶועט אִיר וֶוערְן פְּרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן יד): "עַל יְדֵי זֶמֶר תָּבוֹא לִידֵי שִׂמְחָה וְהִתְלַהֲבוּת", דוּרְךְ זִינְגֶען וֶוערְט מֶען פְּרֵיילִיךְ אוּן לֶעבֶּעדִיג; אוּן אַז אִיר וֶועט זַיין פְּרֵיילִיךְ - וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער דָאס לֶעבְּן, אִיר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין דְרוּק.

**בַּיי** אוּנְז אִין סְקוּל - בֵּית פֵיגָא - הָאבְּן מִיר אַיינְגֶעפִירְט צוּ טַאנְצְן יֶעדְן טָאג; גְלַייךְ נָאךְ תְּפִילַת שַׁחֲרִית צִינְדְט מֶען אָן מוּזִיק, אוּן דִי גַאנְצֶע סְקוּל, אַלֶע מֵיידְלֶעךְ - פוּן דִי קְלֶענְסְטֶע בִּיז דִי גְרֶעסְטֶע - גֵייעֶן אַרוֹיס אִין אַ טַאנְץ, דָאס מַאכְט זֵיי פְּרֵיילִיךְ, אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען פַאלְן אַוֶועק. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ח): "עַל יְדֵי הָרִקּוּדִין וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁאַתָּה עוֹשֶׂה בַּגּוּף, נִתְעוֹרֵר לְךָ שִׂמְחָה", דוּרְךְ טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען

וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַלֶעס גוּט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.

זַייט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער, דָאס אַלֶעס וֶועט אַוֶועקְגֵיין וֶוען אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַייעֶר זִיווּג בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תרצה

### וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען פִילְט זִיךְ לֵיידִיג?

**שְׁאֵלָה:**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען פִילְט זִיךְ לֵיידִיג, מֶען שְׁפִּירְט דִי נְשָׁמָה אִיז לֵיידִיג, אוּן מֶען פִילְט דֶעם טוּיט?

דָאס הָאט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְן מְצִיאוּת, עֶס קֶען זַיין גֶעשְׁמַאקֶע אָנְגֶעפִילְטֶע טֶעג מִיט אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, אָדֶער פָּשׁוּטֶ'ע נָארְמַאלֶע גֶעוֶוענְלִיכֶע טֶעג, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג אִין הַארְץ שְׁפִּירְט מֶען אַן הַרְגָשָׁה פוּן לֵיידִיגְקֵייט, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם סִיפּוּק הַנֶּפֶשׁ אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס הַרְגֶ'עט מַמָּשׁ אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס פַּאסִירְט בַּיי מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ אוּן אִיךְ קֶען עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט נֶעמֶען, אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס אִיךְ קֶען טוּן צוּ דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, אוּן אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסהֶעלְפְן

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת דְּבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** דֶערְמַאנְסְט מִיר אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אַ אִיד אִין דִי אַכְצִיגֶער יָארְן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעוֵויינְט: "רֶבִּי, עֶס אִיז מִיר נִמְאָס דָאס לֶעבְּן, אִיךְ וִויל שְׁטַארְבְּן!" הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער גֶעזָאגְט: "דוּ טִיפֵּשׁ וָואס דוּ בִּיסְט, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ לֶעבְּן אַכְצִיג יָאר אַבִּי צוּ לֵייגְן תְּפִילִין אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן, אוּן דוּ ווִילְסְט שְׁטַארְבְּן?!" דוּ קֶענְסְט דָאךְ לֵייגְן תְּפִילִין נָאךְ אַ טָאג, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אֵייבִּיגֶע גוּטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ לֵיידִיג אוּן פּוּסְט, דוּ שְׁפִּירְסְט דֶעם טוֹיט - דָאס קוּמְט פוּן עֲבֵירוֹת. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט, עֶר הִיט נִישְׁט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן עֶר קוּקְט עֲבֵירוֹת, בִּיז עֶר פַאלְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן - דִי עֲבֵירָה מַאכְט אִים דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ): "וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶנִישׁ, רַחְמָנָא לִצְלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עֲצָמוֹת שֶׁל אָדָם", פוּן דִי עֲבֵירָה קוּמְט דִי מַחֲלָה וָואס הֵייסְט 'בְּרֶעכֶענִישׁ' - דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן.

דִי עֵצָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דֶעם שְׁלֶעכְטְן גֶעוואוֹינְהֵייט - אִיז תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען דַארְף שְׂרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה.

נָאךְ אַן עֵצָה הָאב אִיךְ פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע וָואס זוּכְן צוּ הָאבְּן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, אַ גֶעשְׁמַאק אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכֶע לֶעבְּן - זָאלְסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). נֶעם הַיינְט אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הוֹיבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת; גֵיי כְּסִדְרָן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאג דִי וֶוערְטֶער אוֹיפְן קוֹל. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִיטְאַמָאל דִי פְּשׁוּט'ע טַייטְשׁ - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, נָאכְדֶעם גֵיי צוּ דִי קוּמֶענְדִיגֶע מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ סֵדֶר, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ סֵדֶר - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנָיוֹת וְכוּ' וְכוּ'; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן מִיט גְמָרָא; הוֹיבּ אָן שַׁ"ס כְּסִדְרָן דַיְקָא. נֶעם מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן הוֹיבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; זָאג אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן מַסֶכֶת שַׁבָּת, אַזוֹי זָאלְסְטוּ גֵיין כְּסִדְרָן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס. אֲפִילוּ אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דָאךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין; זָאג

דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, דָאס וֶועט אַרַיינְבְּלָאזְן אִין דִיר אַ פְרִישֶׁע חִיוּת אוּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תרצו

**מִיר ווילְן שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, וָואס טוּט מֶען?**

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, מִיר בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם פִיל חִיזּוּק אוֹיף אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן.

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין אַפָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן מִיר זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, אוּן דָאס אִיז אוּנְז זֵייעֶר שְׁוֶוער. מַיין וַוייבְ'ס חַבֶר'טֶעס הָאבְּן שׁוֹין אַלֶע עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער, אוּן דָאס מַאכְט אוּנְז נָאךְ מֶער צֶעבְּרָאכְן. אֵיינֶער וָואס הָאט בָּרוּךְ ה' קִינְדֶער וֶועט אוּנְז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס זָאל אוּנְז מְחַזֵּק זַיין.

אוֹיסֶער דֶעם דַארְפְן מִיר חִיזּוּק אוֹיף אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן. נָאכְן מִתְפַּלֵּל זַיין אַזוֹיפִיל אוֹיף דֶעם, טוּן אַזוֹיפִיל סְגוּלוֹת אוֹיף דֶעם אוּן נָאכְאַלְץ נִישְׁט זֶען קַיין יְשׁוּעָה - דַארְפְן מִיר חִיזּוּק אַז דִי תְּפִלּוֹת זֶענֶען נִישְׁט אוּמְזִיסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן פִיל נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אִין זְכוּת פוּן דִי פִילֶע טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס אִיר זֶענְט מְחַזֵּק. אוּן בִּיטֶע זַייט אוּנְז אוֹיךְ מְחַזֵּק, אוּן זַייט מִתְפַּלֵּל פַאר אוּנְז אַז מִיר זָאלְן שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת דְּבָרִים, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** דוּ ווילְסְט גֶעהָאלְפְן װֶערְן מִיט קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ גֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן פְרֵייליךְ מַאכְן דַיין ווַייבּ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י:): "מַה יַעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיוּ לוֹ בָּנִים זְכָרִים", וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער זְכָרִים? רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט: "יְפַזֵר מָעוֹתָיו לַעֲנִיִּים", עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט: "יְשַׂמַּח אִשְׁתּוֹ לִדְבַר מִצְוָה", עֶר זָאל פְרֵייליךְ מַאכְן זַיין ווַייבּ.

**מַאךְ** פְרֵייליךְ דַיין ווַייבּ; פְּרוּבִיר מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זֶען זִי זָאל זַיין פְרֵייליךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין לד:): "אִשָּׁה, בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְרֵייליךְ צוּ מַאכְן דִי ווַייבּ; ווַייל דִי טֶבַע פוּן פְרוֹיעֶן אִיז צוּ זַיין בְּעַצְבוּת, בִּפְרַט אַ פְרוֹי וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער - אִיז שְׁטֶענְדִיג זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, דַארְף דֶער מַאן אִיר מְחַזֵק זַיין, אִיר שְׁטַארְקְן אוּן פְרֵייליךְ מַאכְן; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער.

**גֶעבּ** זֵייעֶר אַכְטוּנְג אִיר נִישְׁט צוּ מְצַעֵר זַיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין ווַייבּ אִיר נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען, ווַייל אַ פְרוֹי ווַיינְט שְׁנֶעלֶער ווִי אַ מַאן, אוּן אַז מֶען אִיז אִיר מְצַעֵר אוּן

זִי וֵויינְט בַּאקוּמְט מֶען נָאכְדֶעם זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ רַחְמָנָא לִצְלָן.

**אוֹיב** דו קֶענְסְט מִיר שִׁיקְן דַיין נָאמֶען אוּן דַיין וַוייבְּ׳ס נָאמֶען, וֶועל אִיךְ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אַייךְ בִּיז אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט בְּקָרוֹב קֶענֶען מְבַשֵּׂר זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה.

## תרצז

### ווִיפִיל גֶעלְט מֶעג מֶען אוֹיסְגֶעבְן בַּיי אַ שִׂמְחָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

כְּלַל יִשְׂרָאֵל שְׁטוּרֶעמְט אוּן הָאט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי הִתְעוֹרְרוּת צוּ שְׁפָּארְן גֶעלְט בַּיי שִׂמְחוֹת; וְוִיפִיל צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלַארְן וֶוערְן פַארְשְׁוֶוענְדֶעט בַּיי חֲתוּנוֹת, וָואס פֶעלְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז בַּיי קְלֶענֶערֶע שִׂמְחוֹת, לְמָשָׁל בַּיי אַ וַואךְ נַאכְט אָדֶער קִידוּשׁ, מֶעג מֶען צוּשְׁטֶעלְן אַ נָארְמַאלֶע שִׂמְחָה פַאר אַפָּאר הוּנְדֶערְט דָאלֶער, אַז דִי אִידְן וָואס קוּמֶען אַרִיבֶּער ווּאוּנְטְשְׁן מַזָל טוֹב, זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן?

אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן אֵיינֶער וָואס וִויל זִיךְ אוֹיפְרַייסְן אוּן פַארְשְׁוֶוענְדְן טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פַאר כָּבוֹד הַמְדוּמֶה, אִיךְ רֶעד פָּשׁוּט פוּן אַ שֵׁיינֶע נָארְמַאלֶע שִׂמְחָה וָואס קָאסְט אַפָּאר הוּנְדֶערְט דָאלֶער.

אִיךְ פְרֶעג ווייל אִין מַיין גֶעגְנְט אִיז דָא אַ בְּרֶסְלֶב'ער שְׁטִיבְּל, און וֶוען אִיךְ גֵיי אַהִין צוּ שִׂמְחוֹת, זָאגְט מֶען מִיר אַז אַ קִידוּשׁ טָאר נִישְׁט קָאסְטְן מֶער ווי פוּפְצִיג אָדֶער הוּנְדֶערְט דָאלֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט, און גֶעשְׁרִיבְּן אָן אַ שִׁיעוּר - אִיבֶּער דֶעם אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר שִׂמְחוֹת וֶוען עֶס פֶעלְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס. אֲפִילוּ דִי וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשָׁאנְקֶען מִיט גֶעלְט - טָארְן אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, אָפְּגֶערֶעדְט דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, טָאר נִישְׁט בָּארְגְן גֶעלְט פַאר אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וָואס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס. און דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ צוּ מַאכְן פָּשׁוּט'עֶ שִׂמְחוֹת אָן קַיין מוֹתְרוֹת וְכוּ' אַזוֹי ווִי אַ אִידִישֶׁע שִׂמְחָה דַארְף אוֹיסְקוּקְן; מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, פוּל מִיט דַאנְק און לוֹיבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דִי שִׂמְחָה אִיז אַ גַאנְצֶע שִׂמְחָה.

וֶוען מֶען מַאכְט אַ שִׂמְחָה דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ מַאכְן פוּן עִקָר טָפֵל און פוּן טָפֵל עִקָר, דֶער עִקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען צוּ דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט, אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וַוייטֶער.

**גֶעווֹאוֹין** זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ בֵּירוּר הַמְדַמֶה, דוּ וֶועסְט וִויסְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ טוּן. מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים אַז וֶוער עֶס הָאט גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ שְׁטַארְקֶע יִשׁוּב הַדַעַת אִין יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְן. עֶס קֶען זַיין אֲפִילוּ פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אוֹיבּ מֶען נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ - בַּאקוּמְט מֶען אַ סָארְט שֵׂכֶל וָואס מֶען גֶעפוּנְט נִישְׁט בַּיי גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תרצה

### פוּן וֶועלְכֶע עֶלְטֶער טָארְן אִינְגְלֶעךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט מֵיידְלֶעךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אִין אַ קָאנְטְרִי אִין דִי זוּמֶער, אוּן אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס אִיז דֶער גֶדֶר, פוּן וֶועלְכֶע עֶלְטֶער טָארְן נִישְׁט שְׁפִּילְן אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ צוּזַאמֶען? אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען מוּז זַיין שְׁטְרֶענְג צוּ דִי קִינְדֶער דֶערְבַּיי, אָדֶער קֶען מֶען פְּרוּבִּירְן אַבִּיסְל, אוּן דָאס אִיבְּרִיגֶע פַּארְקוּקְן?

אִיךְ וֵויים אַז עֶס אִיז ווִיכְטִיג אַז דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ זָאלְן זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט אוּן שְׁפִּילְן בַּאזוּנְדֶער, אָבֶער קוּים וָואס מֶען שְׁלָאפְּט אַבִּיסְל, אוּן וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אוּן מֶען קוּקְט אַרוֹיס פוּן פֶּענְסְטֶער זֶעט מֶען שׁוֹין דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן צוּזַאמֶען, ווִיפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר צוּ זָאגְן פַּאר קִינְדֶער?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווַאוִיל** אִיז דִיר אַז דוּ לֵייגְסְט אַרַיין קָאפּ אוּן מֹחַ ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין דַיינֶע קִינְדֶער, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

**חִינוּךְ** אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג - קֶען מֶען זֵיי חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן. ווִי יוּנְגֶער מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל - וֶועט מֶען הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵד אֶת הַתִּינוֹק דֶרֶךְ אֶרֶץ מִנְעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס קִינְד דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג.

**מֶען** דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען אִינְגְלֶעךְ פוּן וֶוען זֵיי וֶוערְן שׁוֹין אַבִּיסְל עֶלְטֶער, בַּיי דִי פִינְף זֶעקְס יָאר - אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט אִינְגְלֶעךְ, אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ - זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט מֵיידְלֶעךְ. מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן אַ גַאנְצְן

טָאג וְכוּ'; אַז מֶען זָאגְט דָאס אוֹיף אַ שֵׂכֶל'דִיגֶע וֶועג - גֵייט דָאס אַרַיין אִין דִי אוֹיעֶרְן פוּן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי פָּאלְגְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כט): "וֶוען מֶען רֶעדְט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, מֶען רֶעדְט מִיט שֵׂכֶל - דֶעמָאלְט וֶוערְן דִי וֶוערְטֶער אָנְגֶענוּמֶען"; זָאג פַאר דַיין זוּן כְּסֵדֶר שֵׁיינֶערְהֵייט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַ גְרוֹיס אִינְגְל, שְׁפִּיל מִיט אִינְגְלֶעךְ, וַוייל גְרוֹיסֶע אִינְגְלֶעךְ שְׁפִּילְן נָאר מִיט אִינְגְלֶעךְ, נָאר קְלֵיינֶע אִינְגְלֶעךְ שְׁפִּילְן מִיט מֵיידְלֶעךְ"; וֶוען מֶען זָאגְט דָאס שֵׁיינֶערְהֵייט גֵייט דָאס צוּבִּיסְלִיךְ אַרַיין אִין זֵיי.

מִיט אַלֶע עֵצוֹת אוּן מִיט אַלֶע חָכְמוֹת - דַארְף מֶען אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זָענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן?" פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְפֶערְן: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶערִיסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תרצט

**מַיין בָּחוּר אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן, זָאל אִיךְ לֶערְנֶען מִיט אִים?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ זוּן אַ בָּחוּר וָואס אִיז לֵיידֶער אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן דֶרֶךְ הַיָּשָׁר, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים בְּחַבְרוּתָא. לֶעצְטְנְס הָאט מִיר אָבֶּער אַ גֶעווִיסֶער מְחַנֵּךְ גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט אִים אַ שִׁיעוּר, ווייל דָאס גֶעבְּט אִים אַ תֵּירוּץ אוֹיף זַיינֶע מַעֲשִׂים, ווייל עֶר קְלַאפְּט זִיךְ אִין רוּקְן אַז עֶר לֶערְנְט שׁוֹין אוּן מֶער דַארְף עֶר גָארְנִישְׁט טוּן, עֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט זַיין עֶרְלִיךְ.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶּער אַז עֶס אִיז יָא גוּט עֶר זָאל כָאטְשׁ לֶערְנֶען עֶפֶּעס אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, ווייל דִי תּוֹרָה וֶועט אִים צוּם סוֹף רֵיינִיגְן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ הַאנְדְלֶען?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**הֶער** נִישְׁט אוֹיס דֶעם אַזוֹי גֶערוּפֶענֶעם מְחַנֵּךְ וָואס רֶעדְט צוּ דִיר קֶעגְן דִי תּוֹרָה וָואס הֵייסְט יֶעדֶע טַאטֶע לֶערְנֶען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער; אַז דַיין זוּן וִויל לֶערְנֶען מִיט דִיר - זָאלְסְטוּ

אַוַדַאי וַוייטֶער לֶערְנֶען מִיט אִים בִּיז דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה וֶועט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער עִקָר זָאלְסְטוּ זוּכְן אִין אִים גוּטֶע נְקוּדוֹת; עֶר הָאט זִיכֶער גוּטֶע מַעֲשִׂים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה כז:) אֲפִילוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְוֹת; אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אִין אִים גוּטֶע נְקוּדוֹת וֶועסְטוּ אִים אִינְגַאנְצְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ אִידִישְׁקֵייט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב) אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ רָשָׁע גָמוּר רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ קוּקְט מֶען אוֹיף אִים מִיט אַ גוּט אוֹיג אוּן מֶען זוּכְט אִין אִים גוּטֶע זַאכְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל טְרֶעפְן אִין אִים בְּלוֹיז אֵיין פִּינְטֶעלֶע גוּטְס, הֶעלְפְט מֶען אִים מִיט דֶעם אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס אוּן עֶר וֶוערְט אוֹיס רָשָׁע, עֶר וֶוערְט אַ צַדִיק. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, י): "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", אַז מֶען טְרֶעפְט 'וְעוֹד מְעַט' - אַ קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ, וָואס אִין דֶעם אִיז עֶר 'וְאֵין רָשָׁע', דָאס הֵייסְט אַז מִיט דִי זַאךְ אִיז עֶר גוּט, 'וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ' - נָאכְדֶעם וֶוען אִיךְ קוּק אוֹיף אִים, זֶע אִיךְ 'וְאֵינֶנּוּ' - נִישְׁטָא מֶער דָאס שְׁלֶעכְטְס, עֶר אִיז נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ פוּן פְּרִיעֶר, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ צַדִיק.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אוֹיפְן וֶועג מִיט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה,

דוּרְכְאוֹיס דֶעם וֶועג הָאט רֶבִּי נָתָן גֶע'חַזֶר'ט דִי תּוֹרָה פוּן אֲזַמְּרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב) אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט דָאס נָאכְגֶעבְּרוּמְט, הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "נַחְמָן! לַאךְ נִישְׁט; גְלֵייבּ מִיר, וֶוען מִיר וָואלְטְן גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעקוּקְט גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט".

**אַז** דוּ וֶועסְט אִים לִיבּ הָאבְּן וֶועט עֶר דָאס שְׁפִּירְן אוּן עֶס וֶועט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע וֶועג. עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג פַאר אַ טַאטֶע צוּ קוּקְן גוּט אוֹיפְן קִינְד וֶוען דֶער קִינְד טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער אַז מֶען נֵייגְט זִיךְ אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זֶען דָאס גוּטְס אִינֶעם קִינְד, שְׁפִּירְט דָאס דֶער קִינְד אוּן עֶס הֶעלְפְט אִים צוּרִיק צוּ קוּמֶען.

**זַיי** מַמְשִׁיךְ וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען מִיט דַיין זוּן, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים יֶעדְן טָאג אֲפִילוּ סְתַּם זַאכְן, נַייעֶס וְכַדוֹמֶה. אוּן בְּעִקָּר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אוֹיף אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט לוֹיט דִי תּוֹרָה, וֶועסְטוּ אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען לְמוּטָב.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תש

## מֶעג אַ פְרוֹי זִיךְ שֵׁיין מַאכְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ פְרוֹיעֶן מֶעגְן זִיךְ שְׁמִירְן דֶעם פָּנִים. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז וֶוען מֶען שְׁמִירְט זִיךְ אוֹיף אַן אוֹיפְפַאלְנְדֶע וֶועג, וָואס צִיט דָאס אוֹיג - אִיז דָאס זִיכֶער נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. אִיךְ ווִיל אָבֶער ווִיסְן, אוֹיבּ מֶען שְׁמִירְט זִיךְ אוֹיף אַ נָארְמַאלֶע וֶועג, אַז מֶען זָאל אוֹיסְקוּקְן נַאטוּרְלִיךְ שֵׁיין, נִישְׁט אוֹיפְפַאלְנְד, אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ פְרוֹי מֶעג זִיךְ שֵׁיין מַאכְן פַאר אִיר מַאן וְכוּ', אוּן וואוּיל אִיז פַאר אַ פְרוֹי וָואס הֶעלְפְט אִיר מַאן זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת. בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע טֶעג וֶוען דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס - דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיס שְׁמִירָה צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.) אִין זְכוּת וָואס דִי פְרוֹיעֶן וַוארְטְן אָפּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער און הִיטְן אוֹיף זֵייעֶרֶע מֶענֶער - וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ צְנִיעוּת; צְנִיעוּת אִיז אַ גֶעפִיל זַאךְ, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ סִימָן אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ וִוי אַזוֹי דִי קְלֵייד דַארְף אוֹיסְקוּקְן וְכוּ', נָאר עֶס אִיז אַ גֶעפִיל זַאךְ - אַן אֵיידֶעלֶע פְרוֹי טוּט זִיךְ אָן אֵיידְל. אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען גֵיין אָנְגֶעטוֹן שֵׁיין און נִישְׁט שְׁלַאבֶּערִיש, כְּדֵי מֶען זָאל זֶען אַז דִי עֶרְלִיכֶע אֵיידֶעלֶע פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אָנְגֶעטוֹן שֵׁיין צַאמְגֶענוּמֶען און זֵיי זֶענֶען אֵייבִּיג רֵיין און זוֹיבֶּער.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

## תשא

### מַיין לֶעבְּנְס שְׁטֵייגֶער אִיז פַארְדְרֵיידְט גֶעוָוארְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ חֲתוּנָה הָאבְּן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים און חִיזּוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א און אִיךְ מִיט מַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה דֶערְמִיט, אַ גְרוֹיסְן יְיָשֵׁר כֹּחַ.

אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט אַסַאךְ מִיט בָּחוּרִים, הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז אֶפְשָׁר וֶועט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין מַיין מַצָּב.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים, אָבֶּער לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אַ קָרוֹב מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט מִיךְ מְטַמֵא גֶעוֶוען. דָאס הָאט פַארְדֵיירְט מַיין לֶעבְּנְ'ס שְׁטֵייגֶער, אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אַנְדֶערֶע סָארְט תַּאֲווֹת אוּן נְטִיּוֹת, אַנְדֶערְשׁ פוּן גֶעוֶועגְלִיכֶע מֶענֶער אוּן צוּלִיבּ דֶעם אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי אִיךְ וֶועל קֶענֶען נָארְמַאל חֲתוּנָה הָאבְּן.

אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁטָא קַיין וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיין מַצָּב? דַארְף אִיךְ טַאקֶע חֲתוּנָה הָאבְּן בְּלוֹיז וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם גֶעפִיל דֶערְצוּ? וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר גֶעבְּן אַזַא שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן וָואס עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא קַיין לֶעזוּנְג דֶערְצוּ? פוּן אוֹיבְן אוֹיף לִיגְט דָאס בִּכְלַל נִישְׁט אִין מַיינֶע הֶענְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בְּחִירָה אִין דֶעם.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה וָואס צוּ טוּן וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב): ״אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן״, אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן זָאלְסְטוּ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן: ׳אִיךְ בִּין פַארְפַאלְן׳, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

נֶעם אַרַיין אִין דִיר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עח): ״אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָאר נִיט פַאר הַאנְדִין״; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת קֶען עֶר נָאכְאַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן - בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן, גֵיי אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפּוּנְט זִיךְ נִישְׁט אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; רֶעד צוּ אִים אַזוֹי ווִי דוּ רֶעדְסְט צוּ דַיינְ׳ס אַ חַבֵר. דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, דֶערְצֵייל אִים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר אִין דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, ווִי דֶער אַכְזָר הָרוֹצֵחַ - דַיין קָרוֹב מִשְׁפָּחָה - הָאט דִיךְ מְטַמֵּא גֶעמַאכְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דֶער רָשָׁע הָאט דִיךְ אוֹיסְגֶענוּצְט פַאר זַיינֶע תַּאֲוֹות רַחְמָנָא לִצְּלָן. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר! אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל ׳וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן׳ אוּן זַיין אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ. אִיךְ בִּין קְרַאנְק צוּ טוּן עֲבֵירוֹת,

וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁוֶועֶרֶע יוּגְנְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוְויסְט פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן. אֵיינֶער - אַ קָרוֹב מִשְׁפָּחָה - הָאט מִיךְ אוֹיסְגֶענוּצְט פַאר עֲבֵירוֹת בִּיז אִיךְ אַלֵיינְס בִּין שׁוֹין פַארְדֶערְבְּט מִיט דִי עֲבֵירוֹת אַז עֶס אִיז מִיר נִמְאָס דָאס לֶעבְּן, אִיךְ בִּין צֶעבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ טוּ. אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ אוּן אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַלֶעס פַארְגֶעסְן, פַארְמֶעק מַיין עֲבֵירָה; אִיךְ זָאל פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶועְן אוּן אָנְהוֹיבְּן אַ נַייעֶ לֶעבְּן".

לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת, קַארְג נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים - וֶועט עֶס אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִיר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ד) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְן דִי עֲבֵירוֹת אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לב, כז): "וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם עַל עַצְמוֹתָם", אוּן דָאס הַרְגְ'עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לד, כב): "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה", דָאס רִשְׁעוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ טוּט אִים הַרְגְ'עֶנֶען; אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, דוּרְכֶדֶעם גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער.

צְוֵוייטְנְס, זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי פָּאלִיצַיי דֶעם מְנֻוָּל וּמְשֻׁחָת וָואס הָאט דִיר גֶע'הַרְגְ'עֶט דַיין לֶעבְּן.

דורְכְדֶעם וֶועסְטוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן (דְבָרִים כא, כא): "וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ, וְכָל יִשְׂרָאֵל יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּ"; הָאב נִישְׁט קַיין שׁוּם רַחְמָנוּת אוֹיף אִים! אֵיינֶער וָואס טוּט עֲבֵירוֹת מִיט קִינְדֶער דַארְף מֶען אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה פַּארְן לֶעבְּן, אָן קַיין רַחְמָנוּת, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם לִימוּד זְכוּת אוֹיף דֶעם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף חֵלֶק ב׳, סִימָן ח): "אָסוּר לְלַמֵּד זְכוּת עַל זֶה שֶׁעָבַר עַל מִשְׁכַּב זָכָר", אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ טָאר מֶען נִישְׁט מְלַמֵּד זְכוּת זַיין; זֵיי דַארְף מֶען אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה פַּאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן אוּן דָארְט זָאלְן זֵיי אוֹיסְגֵיין.

בַּיי אַ מְנֻוָּל אִיז נִישְׁטָא קַיין רַחְמָנוּת אוּן מֶען טָאר אוֹיף זֵיי נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי שְׁמוּאֵל א׳ פֶּרֶק טו, סוֹף רֶמֶז קכא): "כָּל שֶׁהוּא רַחֲמָן עַל אַכְזָרִים, לַסּוֹף נַעֲשָׂה אַכְזָר עַל רַחְמָנִים", וֶוער עֶס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַכְזָרִים וֶועט צוּם סוֹף וֶוערְן אַן אַכְזָר אוֹיף וֶועם מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אַ שָׁאד אַז דִי רֶעגִירוּנְג גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף דֶעם קַיין טוֹיט שְׁטְרָאף", ווַייל דִי אַלֶע קִינְדֶער וָואס פַאלְן קָרְבְּנוֹת פַּאר דִי מְנֻוָּלִים ווַאקְסְן אוֹיף בַּעֲלֵי מוּמִים אוּן אַזוֹי פַּארְבְּלַייבְּן זֵיי בְּמֶשֶׁךְ זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם רְפוּאָה אוֹיף דֶעם; קַיין שׁוּם טֶערֶעפִּיסְט, דָאקְטֶער וְכַדוֹמֶה - קֶען דָאס נִישְׁט הֵיילְן, נָאר אַז מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

נָאךְ אַן עֵצָה אִיז דָא פוּן רֶבִּי׳ן אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי בְּלָאטֶע וואוּ דוּ לִיגְסְט נֶעבֶּעךְ, דָאס אִיז לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן

הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דֶער שִׂיחָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שִׂיחָה הַנַּ"ל - וִוי גְרוֹיס תּוֹרָה אִיז, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן "צִי דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי

גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תוֹרָה אִיז?! תוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, תוֹרָה אִיז בְּתִפְאֶרֶת אוּן בְּרִית אִיז בִּיְסוֹד", דָאס הֵייסְט, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְש וָואס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית, עֶר הָאט קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דֶעם יְסוֹד וְכוּ', אוֹיב וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה וָואס אִיז בְּתִפְאֶרֶת, וֶועט עֶר אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד! (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג).

**אוֹיב** דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי צְוֵויי עֵצוֹת מִיט אַן עֶרְנְסְטְקֵייט, דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג גֵיין אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אוֹיךְ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דַיין פַארְדְרֵייטֶע לֶעבְּנְסְשְׁטֵייגֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תשב

**מוּז מֶען גֵיין אִין פֶעלְד צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אָדֶער נִישְׁט?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַבִּיסְל צֶעמִישְׁט אִיבֶּער וָואס עֶס מֵיינְט הִתְבּוֹדְדוּת. פוּן אֵיין זַייט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט פָארְן צוּ "מַארִין פַּארְק"[כ] מַאכְן דָארְט הִתְבּוֹדְדוּת; זֶעט אוֹיס אַז מֶען

כ. אַ גְרוֹיסֶע פַּארְק בַּיי דִי בְּרֶעגֶעס פוּן בְּרוּקְלִין, נְיוּ יָארְק.

דַארְף בַּאשְׁטִימֶען אַ פְּלַאץ וואו צו מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מַאכְט מוֹהֲרָא"שׁ חוֹזֶק פוּן דִי וָואס דִינְגֶען אַ טֶעגְדֶער אַרוֹיסְצוּפָארְן אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, דָאנֶערְשְׁטָאג, צוּ גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ אוֹיסְדְרוּקְן: "אוּן וָואס וֶועט זַיין בִּיז דָאנֶערְשְׁטָאג?" אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אוֹיךְ כְּסֵדֶר אַז מֶען קֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת סַיי וואו אִימֶער מֶען אִיז.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דָאס אוֹיסְקְלָארְן? אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת דְּבָרִים, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נב) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ג, ד): "רַבִּי חֲנִינָא בֶּן חֲכִינַאי אוֹמֵר, הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה וְכוּ'" - מוֹרָא'דִיגֶע סוֹדוֹת וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס דֶעם גַאנְצְן מַאֲמָר אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת. "הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה", וֶוען מֶען אִיז אוֹיף בַּיינַאכְט, מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי", מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת בַּיינַאכְט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, וַוייל דֶער עִקָּר שְׁלֵמוּת פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז - אַז מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט, אוּן דָארְט זָאל

מֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן, אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן דֶערְצֵיילְן אַלֶעס פַאְרְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. "וּמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה", עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵל אִינְגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּן זַיינֶע זַאכְן, נָאר עֶר לֵיידִיגְט אוֹיס זַיין הַארְץ; דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען - "הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ", צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה, אַז עֶר וֶוערְט נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז אַ חִיוּב הַמְּצִיאוּת.

**דֶער** יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב אִיז הִתְבּוֹדְדוּת.

קֵיינֶער מַאכְט נִישְׁט חוֹזֶק פוּן גֵיין אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער פוּן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער. דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן אוֹיף פְּלֶעצֶער וואו מֶענְטְשְׁן קוּמֶען נִישְׁט אָן דָארְט".

**מוֹהֲרָא"שׁ** פְלֶעגְט אַוֶועק מַאכְן דָאס וָואס מֶען נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם חֲבֵרִים אוּן מֶען פָארְט צוּזַאמֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת וְכוּ'. וַוייל שְׁלֵמוּת הִתְבּוֹדְדוּת אִיז - וֶוען מֶען גֵייט אֵיינֶער אַלֵיין; קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וואו מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, מֶען גֵייט אַלֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען גֵייט צוּזַאמֶען - אִיז דָאס אַ שְׁפִּיל; דֶער שְׁרֵייט הוֹיךְ, קוּמְט דֶער צְוֵוייטֶער אוּן שְׁרֵייט נָאךְ הֶעכֶער, קוּמְט דֶער דְרִיטֶער וְכוּ'; אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער, מֶען וואוֹינְט אִין שְׁטָאט - זָאל מֶען נִישְׁט זוּכְן תֵּירוּצִים נִישְׁט צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן וַוארְטְן

אויף לֵיל שִׁישִׁי זיך צַאמְצוּמְנֶעמֶען וְכוּ', נָאר מֶען דַארְף זיך מִתְבּוֹדֵד זַיין וואו מֶען שְׁטֵייט און וואו מֶען גֵייט. אָבֶער אַז מֶען קֶען טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ וואו מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זיך נִישְׁט און דָארְט זיך מִתְבּוֹדֵד זַיין - אִיז נִישְׁט שַׁיָיך דָאס אַוֶועק צוּ מַאכְן.

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אַלְס בָּחוּר בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר, פְלֶעגְט עֶר אַסַאךְ גֵיין אִין פֶעלְדֶער און אִין וֶועלְדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן. אִין אָנְהוֹיבּ הָאט עֶר זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיינְס אִין וַואלְד, אוֹיךְ הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי חַיוֹת וְכוּ', און עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען, הָאט עֶר זיך אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם, פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער.

**דֶער** אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תשג

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין נִיכְטֶע אִיז מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְצַעֵר?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דֶעם עֶנְטְפֶער אִיבֶּער דִי שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט וֶועגְן מַיין נִיכְטֶע וָואס רֶעדְט מִיט מַיין מַאן[כא], אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וָואס אִיר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן בִּכְלַל דַארְף אִיךְ גֶעבְּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט, וָואס הָאט מִיר אַזוֹיפִיל מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעהָאלְפְן אִין אַזוֹיפִיל אַסְפֶּעקְטְן.

אִיךְ מֵיין אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג גוּט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט אִין מַיין פְרִיעֶרְדִיגֶע שְׁאֵלָה. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעֲנוֹת אוֹיף מַיין מַאן, עֶר אִיז זֵייעֶר וואוֹיל, עֶר פַארְשְׁטֵייט מַיין צַעַר אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט מִיר צוּ הֶעלְפְן דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מֶעגְלִיךְ. מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר מִיט מַיין נִיכְטֶע, וָואס רֶעדְט אוּן לַאכְט כְּסֵדֶר צוּ מַיין מַאן; כָאטְשׁ וָואס עֶר מַאכְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וִויסְנְדִיג פוּן אִיר.

בַּיי מַיין שְׁווִיגֶער הֵיים אִיךְ דִי סֶענְסֶעטִיוֶוע שְׁנוּר, דֶערִיבֶּער גֵייט קֵיינֶעם נִישְׁט אָן אַז דִי אֵיינִיקְל אִיז מִיר אַזוֹיפִיל מְצַעֵר. מַיין מַאן פַארְשְׁטֵייט מַיין צַעַר אוּן עֶס טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי, אָבֶּער דָאס מֶערְסְטֶע וָואס עֶר קֶען טוּן אִיז נָאר אִיר צוּ אִיגְנָארִירְן, אוּן אִיךְ פוּן מַיין זַייט קֶען נָאר טוּן דָאס מֶערְסְטֶע, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן.

דֶערְוַוייל גֵייט עֶס שׁוֹין אָבֶּער אָן אַזוֹי פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט עֶס זָאל עֶפֶּעס בֶּעסֶער וֶוערְן. אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס אַן עֵצָה וָואס אִיךְ קֶען טוּן דֶערְצוּ? אָדֶער דַארְף אִיךְ פָּשׁוּט מְקַבֵּל זַיין דִי גְזֵירָה בְּאַהֲבָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

---

כא. פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תרעב.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְּבָרִים-חֲזוֹן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט
לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אַז** אַייעֶר מַאן אִיז מִיט אַייךְ, עֶר אִיז וואוִיל צוּ אַייךְ אוּן עֶר הֶעלְפְט אַייךְ - זֶענְט אִיר דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע פְרוֹי וָואס אִיז פַארְהַאנֶען! וָואס דַארְף אַ פְרוֹי מֶער פוּן דֶעם אַז דֶער מַאן זָאל אִיר הֶעלְפְן אוּן זַיין גֶעטְרֵיי צוּ אִיר?

**דַאנְקְט** אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס הֶערְשְׁט שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, אוּן מֶער פוּן דֶעם זָאל אַייךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן. עֶס דַארְף אַייךְ נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס דִי מִשְׁפָּחָה הַאלְט פוּן אַייךְ; אַז אַייעֶר מַאן אִיז וואוִיל צוּ אַייךְ - זֶענְט אִיר אַ גֶעוואוּנֶער, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אֵיינְמָאל עֶס וֶועט אַייךְ נִישְׁט אָנְגֵיין - וֶועט מֶען אַייךְ מֶער נִישְׁט רוּפְן מִיט דֶעם טִיטְל וְכוּ'.

**אִיר** שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו אַז דָאס מֶערְסְטֶע וָואס אַייעֶר מַאן קֶען טוּן אִיז נָאר אִיגְנָארִירְן, אוּן אִיר פוּן אַייעֶר זַייט קֶענְט נָאר טוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אַייךְ הֶעלְפְן; עֶס בְּלַייבְּט אַייךְ אָבֶּער אוֹיךְ אִיבֶּער אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ צוּ טוּן, דָאס אִיז: "דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דָאס גוּטְס פוּן אַייעֶר לֶעבְּן אוּן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ". אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין גְזֵירָה וָואס אִיר

דַארְפְט מְקַבֵּל זַיין, אִיר דַארְפְט מְקַבֵּל זַיין דִי טוֹבוֹת אוּן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אַייךְ - בְּאַהֲבָה; ווִיפִיל פְּרוּיעֶן וָואלְטְן זִיךְ גֶעוָואלְט טוּישְׁן מִיט אַייעֶר גְזֵירָה פוּן הָאבְּן אַ גֶעטְרֵייעֶר מַאן וָואס הֶעלְפְּט אוּן אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן?! וָואס הָאט מֶען פוּן זַיין חָשׁוּב בַּיי דִי מִשְׁפָּחָה?

וָואס אִיז דָאס מַעְלָה אוּן וָואס אִיז דָאס מוֹרִיד?

**הוֹיבְּט** אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס אִיר הָאט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט אַייךְ נָאךְ גוּטְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעב אִים גוּטְס אוּן דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּק אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין זַיין לֶעבְּן אוּן דָאךְ אִיז עֶר אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט', אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע לֶעבְּן".

**מִיט** דֶעם טַייטְשְׁט מוֹהֲרָא"שׁ דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים עִם פֵּירוּשׁ תְּהִלּוֹת נָתָן, קַאפִּיטְל קלו): "הוֹדוּ לַה'" דַאנְקְטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי טוֹב", לוֹיבְּטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין גוּטְס, "כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ", - וֶועט עֶר מַאכְן נָאךְ גוּטְס אוֹיף אֵייבִּיג.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

# תשד

## ווען וועל איך שוין אַ חָתָן ווערן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך לערן טאקע אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבער איך בין אַ תַּלְמִיד אין אַייער יְשִׁיבָה, איך פְרֵיי זיך אַזוֹי שְׁטַארק מיט יעדן דיבור, מַעֲשֶׂה און שְׁמוּעֶס פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, איך בין מְקוּשָׁר צום הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

איך דאנק דעם אייבערשטן וואס האט מיר מְגַלֶּה געווען אַ נייע לעבן, יעדע שיעור פונעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּרֶענְגְט מיך נענטער צום אייבערשטן און פְרִישְׁט מיך אויף פונדאסני. דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווייסט גארנישט וויפיל טויזנטער תַּלְמִידִים ער פארמאגט איבער די וועלט וואס הערן די שיעורים און לעבן אויף די שיעורים.

איך בין אַ בָּחוּר פון ניינצן יאר אַלט און איך בין זייער צעבראכן אַז איך האב נאכנישט געטראפן מיין שידוך. רוב פון מיין שיעור אין יְשִׁיבָה האבן שוין חֲתוּנָה געהאט, און יעדעס מאל איך דערמאן זיך אַז איך בין נאך אַ בָּחוּר - ווער איך נאכאמאל צעבראכן.

איך בין געווען דעם פארגאנגענעם יאר חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אין יַבְנְאֵל, איך האב אויסגעזאגט גאנץ תְּהִלִּים ביים ציון פון מוֹהֲרָא"שׁ, דערווייל ווארט איך אָבער נאך אַז די הַבְטָחָה און יְשׁוּעָה זאל אנקומען.

איך דארף האבן חִיזּוּק און הַדְרָכָה ווי אַזוֹי זיך צו דערהאלטן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְּבָרִים-חֲזוֹן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן מְיוּאָשׁ; אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): ״עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהַגּוּנִים״, דוּרְךְ תְּפִילָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים; דָאס אִיז דִי עֵצָה סַיי פַאר אַ בָּחוּר אוּן סַיי פַאר אַ מֵיידְל וָואס וַוארְטְן אוֹיף זַייעֶר שִׁידוּךְ, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג״, וַוייל מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן.

**עֶס** אִיז דָא זַייעֶר שֵׁיינֶע תְּפִילוֹת פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אִינֶעם סֵפֶר: ״דַיין שִׁידוּךְ וֶועט אָנְקוּמֶען״ (אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט פוּנֶעם סֵפֶר ״מְצִיאַת הַזִּיווּג״), אִיךְ וֶועל דִיר דָא אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אַ שֵׁיינֶע תְּפִילָה וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעמַאכְט פַאר בָּחוּרִים מִתְפַּלֵל צוּ זַיין פַאר אַ שִׁידוּךְ, וָואס אוֹיבּ מֶען זָאגְט דִי תְּפִילָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דִי שִׁידוּךְ:

״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ

זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוּן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵויס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶער עוֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג?

פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! וִוי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה

זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינֶדְערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶטְ'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַותֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינֶדְערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעָן אוֹיפְן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרֵיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

סוֹד ה' לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם
זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

תִּקּוּן נוֹרָא וְנִפְלָא מְאֹד מְאֹד
לִכְלָלִיּוּת הַחֲטָאִים
וְהוּא פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִיצְלָן

וּמְסֻגָּל מְאֹד גַּם לְפַרְנָסָה וּלְהַצְלָחָה
בְּכָל הָעִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת
אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאמְרֵם בְּכָל יוֹם

יִסְּדוֹ תִּקְּנוֹ וְגִלּוֹ, וְצִוָּה לְפַרְסְמוֹ לְכָל יִשְׂרָאֵל
רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן
בּוּצִינָא קַדִּישָׁא עִלָּאָה, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
## זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

קרן הדפסה
היכל הקודש

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

טוב לומר זאת לפני אמירת העשרה מזמורים:

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ **נַחְמָן בֶּן פֵיגָא**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִירוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְהוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

קודם שיתחיל תהלים יאמר זה:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

## טז.

**מִכְתָּם** לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ: אָמַרְתְּ לַיהוָה אֲדֹנָי אָתָּה, טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ: לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־בָם: יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ, בַּל־אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם, וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי: יְהוָה מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי, אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי: חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים, אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי: אֲבָרֵךְ אֶת־יְהוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי, אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי: שִׁוִּיתִי יְהוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד, כִּי מִימִינִי בַּל־אֶמּוֹט: לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי, אַף־בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: כִּי לֹא־תַעֲזֹב

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל, לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

# לב.

לְדָוִד מַשְׂכִּיל, אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה: אַשְׁרֵי־אָדָם, לֹא יַחְשֹׁב יְהֹוָה לוֹ עָוֹן, וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה: כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי, בְּשַׁאֲגָתִי כָּל־הַיּוֹם: כִּי יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ, נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה: חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ, וַעֲוֹנִי לֹא־כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהֹוָה, וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה: עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל־חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא, רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ: אַתָּה סֵתֶר לִי*) מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: אַשְׂכִּילְךָ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי: אַל תִּהְיוּ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ: רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע, וְהַבּוֹטֵחַ בַּיהֹוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: שִׂמְחוּ בַיהֹוָה וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב:

# מא.

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהֹוָה: יְהֹוָה יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ, וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: יְהֹוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי. כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהֹוָה חָנֵּנִי, רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ: אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ: וְאִם־בָּא לִרְאוֹת,

---

אחר 'אתה סתר לי' - צריך להפסיק מעט (עיין בלקו"מ ח"א סי' רי"ג)

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

שָׁוְא יְדַבֵּר, לִבּוֹ יִקְבָּץ־אָוֶן לוֹ, יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: יַחַד עָלַי
יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי, עָלַי יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: דְּבַר־בְּלִיַּעַל יָצוּק
בּוֹ, וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם: גַּם־אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי
בוֹ, אוֹכֵל לַחְמִי, הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב: וְאַתָּה יְהֹוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי,
וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם: בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי, כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי
עָלָי: וַאֲנִי, בְּתֻמִּי, תָּמַכְתָּ בִּי, וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם: בָּרוּךְ
יְהֹוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

# מב.

לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח: כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם, כֵּן
נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים: צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים
לְאֵל חָי, מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים: הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי
לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם, אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: אֵלֶּה
אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי, כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ, אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית
אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה, הָמוֹן חוֹגֵג: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי
וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִלִי לֵאלֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו:
אֱלֹהַי, עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן,
וְחֶרְמוֹנִים, מֵהַר מִצְעָר: תְּהוֹם־אֶל־תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ,
כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: יוֹמָם יְצַוֶּה יְהֹוָה חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה
שִׁירֹה עִמִּי, תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: אוֹמְרָה לְאֵל סַלְעִי לָמָה
שְׁכַחְתָּנִי, לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ, בְּלַחַץ אוֹיֵב: בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי
חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי, בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: מַה־
תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד
אוֹדֶנּוּ, יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

## נט.

לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם, בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ
אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱלֹהָי, מִמִּתְקוֹמְמַי
תְּשַׂגְּבֵנִי: הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: כִּי הִנֵּה
אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים, לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־חַטָּאתִי יְהֹוָה:
בְּלִי־עָוֹן יְרֻצוּן וְיִכּוֹנָנוּ, עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה: וְאַתָּה יְהֹוָה־אֱלֹהִים
צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי
אָוֶן סֶלָה: יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הִנֵּה יַבִּיעוּן
בְּפִיהֶם, חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם, כִּי־מִי שֹׁמֵעַ: וְאַתָּה יְהֹוָה תִּשְׂחַק־
לָמוֹ, תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם: עֻזּוֹ, אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה, כִּי אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי:
אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: אַל־תַּהַרְגֵם פֶּן־יִשְׁכְּחוּ
עַמִּי, הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ, מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי: חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־
שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם, וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: כַּלֵּה בְחֵמָה,
כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב, לְאַפְסֵי הָאָרֶץ
סֶלָה: וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הֵמָּה יְנִיעוּן
לֶאֱכֹל, אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ, וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר
חַסְדֶּךָ, כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי, וּמָנוֹס, בְּיוֹם צַר־לִי: עֻזִּי אֵלֶיךָ
אֲזַמֵּרָה, כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי:

## עז.

לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: קוֹלִי*) אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה,
קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי: בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי,

---

*) באמרך 'אל אלהים' תכוון המילוי כזה: אל"ף למ"ד אל"ף למ"ד ה"י יו"ד מ"ם

יָדִי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי׃ אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה, אָשִׂיחָה, וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה׃ אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת עֵינָי, נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר׃ חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם, שְׁנוֹת עוֹלָמִים׃ אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם־לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי׃ הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד׃ הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ, גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר׃ הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל, אִם־קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה׃ וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא, שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן׃ אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי יָהּ, כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ׃ וְהָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה׃ אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ, מִי־אֵל גָּדוֹל כֵּאלֹהִים׃ אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ׃ גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ, בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה׃ רָאוּךָ מַּיִם אֱלֹהִים, רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת׃ זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים, אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ׃ קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל, הֵאִירוּ בְרָקִים תֵּבֵל, רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ׃ בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים, וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ׃ נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ, בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן׃

## צ.

תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר׃ בְּטֶרֶם הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל, וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל׃ תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא, וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם׃ כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר, וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה׃ זְרַמְתָּם, שֵׁנָה יִהְיוּ, בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף׃ בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף, לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ׃ כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ, וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ׃ שַׁתָּ עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ׃

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה: יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה, וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן, כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה: מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ, וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ: לִמְנוֹת יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע, וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: שׁוּבָה יְהֹוָה עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ: שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ: שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם: וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

# קה.

הוֹדוּ לַיהֹוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו: שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו: הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי יְהֹוָה: דִּרְשׁוּ יְהֹוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד: זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה, מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו: זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו: הוּא יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו: זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר: אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק: וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם: לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם: בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ: וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם אַחֵר: לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים: אַל תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ: וַיִּקְרָא רָעָב עַל־הָאָרֶץ כָּל מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר: שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף: עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ: עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ אִמְרַת יְהֹוָה צְרָפָתְהוּ: שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ

מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ: שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־קִנְיָנוֹ: לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם: וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ־חָם: וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו: הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו: שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ: שָׂמוּ־בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו, וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם: שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ: הָפַךְ אֶת מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם: שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם: אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל גְּבוּלָם: נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד, אֵשׁ לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם: וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם, וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם: אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה, וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר: וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם, וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם: וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם, רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם: וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל: שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם, כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם: פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ, וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה: שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם: פָּתַח צוּר וַיָּזוּבוּ מָיִם, הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר: כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ, אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ: וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן, בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו: וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם, וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ: בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, הַלְלוּיָהּ:

# קלז.

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ, גַּם־בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן: עַל עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ: כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי־שִׁיר, וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה, שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן: אֵיךְ נָשִׁיר אֶת־שִׁיר יְהֹוָה, עַל אַדְמַת נֵכָר: אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלַיִם תִּשְׁכַּח

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי, אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכֹר יְהוָה לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם, הָאֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה, אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם־לָךְ אֶת־גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי, שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

# קנ.

הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ, הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ: הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו, הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ: הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר: הַלְלוּהוּ בְּתֹף וּמָחוֹל, הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב: הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע, הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, הַלְלוּיָהּ:

**אחר שסיים תהלים, יאמר שלשה פסוקים אלו:**

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהוָה מָעוּזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְהוָה וַיְפַלְּטֵם, יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ:

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יעקב יוחנן איידליס**
וזוגתו
**רבקה מירל**
ובתם **חי' אסתר**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ישעי' אלכסנדר איידליס**
וזוגתו
**מרים ראציל,**
וילדיהם
**לאה, נחמן נתן, רייזל,**
**חי' פריידא, ישראל דוד**
הקדוש ברוך הוא ימלא את כל
משאלות לבם לטובה ויתברכו
מפי עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת
דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם יצחק**
**אייזנער**
וזוגתו
**בילא**
ובנם
**יואל**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יקותיאל יהודה איינהארן,**
וזוגתו **אידל לאה,**
וילדיהם **חנני' יום טוב ליפא,**
**חי' גנעסא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**משה מרדכי איינהארן,**
וזוגתו **בלומא יוכבד**, ובנם
**נחמן נתן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שאול חיים איינהארן,**
וזוגתו **מרים בריינא,**
וילדיהם **יואל יוסף** ומשפ',
**נתן נחום** ומשפ', **מאיר שלמה** ומשפ',
**יקותיאל יהודה** ומשפ', **שמעון** ומשפ',
**משה מרדכי** ומשפ', **נחמן יושע,**
**גנעסא חנה גאלדא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אשר דוב אינדארסקי**
וזוגתו **טויבא רבקה,**
וילדיהם **אליעזר שלמה,**
**שמעון, אדל, חיה דבורה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

רפואה שלימה

עבור

**יואל** בן **דבורה אסתר**

הקדוש ברוך הוא ישלח לו
רפואה שלימה לכל רמ"ח
איבריו ושס"ה גידיו,
ויאריך ימים בבריאות השלמה
בטוב ובנעימים.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנשה איצקאוויטש**

וזוגתו **חיה שבע,**

וילדיהם **שמואל דוד, ישראל יוסף,**

**רויזא בלומא, פיגא, צבי דוב**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

יזכור אלקים את נשמת אבי מורי
ר׳ **צבי דוב** בן ר׳ **אברהם משה הלוי**
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ראובן בירנבוים**

וזוגתו

**חיה חמשה**

וילדיהם

**מלכה, אליעזר שלמה,**
**שמואל, נחמן חיים, צפורה,**
**יואל, רייכל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יוסף ברילל**

וזוגתו

**אסתר**

וילדיהם

**ליבא, יוטל, אשר אנשיל,**
**טויבא לאה, שרה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**דוד דייטש**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

יזכור אלקים את נשמות
**ר׳ יעקב ישורון חיים בן ר׳ אלעזר**
עליו השלום
**ר׳ שלמה יוסף חיים בן ר׳ אברהם יעקב**
עליו השלום
**תהא נשמתם צרורה**
**בצרור החיים**

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מרדכי אהרן חיים
היילפרין
וזוגתו
יוטא פערל
וילדיהם
נתנאל, יחזקאל שרגא,
חי' אסתר, נחמן נתן
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

הלל ווייס
וזוגתו
שרה רבקה אסתר
וילדיהם
סאביל, נחמן נתן,
אליעזר שלמה
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

נח צבי ווייס
וזוגתו
רחל לאה
ובנם
נחמן נתן
הקדוש ברוך הוא ימלא את
כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי
ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות
רוב נחת דקדושה מכל יוצאי
חלציהם, אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

אברהם אליהו
זעלקאוויטש
וזוגתו
ריסא
ובתם
אדל
הקדוש ברוך הוא ימלא את
כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי
ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות
רוב נחת דקדושה מכל
יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יעקב יאקאבאוויטש**

וזוגתו

**ברכה פיגא**

וילדיהם

**חי' אסתר, הינדא רחל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,

אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**נחמן שמואל יאקאבאוויטש**

וזוגתו

**אסתר**

וילדיהם

**שלום יעקב, חיים מאיר, לאה, פיגא, הינדא רחל, אברהם יהודה, איידל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,

אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**הרוצה בעילום שמו**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבו לטובה ויתברך מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,

אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**זאב סרולאוויטש**

וזוגתו

**מרים**

וילדיהם

**חנה חי', מרדכי**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,

אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**משה יהודה עקשטיין**

וזוגתו

**רחל**

ובתם

**פיגא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שמעון זאב**

**פאללאק**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שמעון גרשון**

**פארטוגאל**

וזוגתו

**רבקה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**משולם נחמן פינטער**

וזוגתו

**תמר**

וילדיהם

**פיגא, אסתר, אדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**אהרן ישראל פיש**
וזוגתו
**חנה זיסל**
וילדיהם
**אליעזר שלמה, ישעי'**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**יעקב שאול פיש**
וזוגתו
**שרה**
וילדיהם
**אליעזר שלמה, מירל**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**ברוך משולם זושא**
**פריעדמאן**
וזוגתו
**חי' שרה**
וילדיהם
**אלעזר ישעי', שלום יעקב**
**יהושע, ישראל מנחם**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**אברהם אליהו פריעדריך**
וזוגתו
**שרה הענטשא**
וילדיהם
**ישראל, יוסף, חי' פיגא,**
**נחמן נתן**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אליהו ציג**

וזוגתו

**מלכה**

וילדיהם

**יכט, יוסף, שרה פיגא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק אייזיק קאהן**

וזוגתו

**ביילא מרים**

וילדיהם

**צבי אלימלך, אליעזר, אהרן,**
**נחמן נתן, יעקב יודא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם אליהו קנאלל**

וזוגתו

**פיגא**

וילדיהם

**מלכה, ישראל, אליעזר שלמה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**נחמן נתן קרויס**

וזוגתו

**מרים חי'**

וילדיהם

**אליעזר שלמה, אברהם**
**מאיר, פיגא, נעכא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל הכהן ראזענבערג**

וזוגתו

**לאה הענדל**

וילדיהם

**אלטא פיגא** ומשפ׳, **מרדכי**
**יהודה, רבקה, משה יצחק**
**דוב, שלמה, אליעזר**
**אהרן, יוסף פינחס, נפתלי**
**הירצקא, שמעון**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

---

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ישראל מנחם**
**ראזענבערג**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

---

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל שרגא פייבל**
**ראזענוואסער**

וזוגתו

**רבקה**

וילדיהם

**יוסף, משה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

---

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מרדכי ישראל משה**
**ראזענפעלד**

וזוגתו

**רויזא רבקה**

וילדיהם

**יוסף אשר, חנה, יקותיאל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**יהודה ארי' ראטה**

וזוגתו

**רחל**

ובנם

**יוסף**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**יצחק אייזיק ראטה**

וזוגתו

**ברכה ריזל**

ובנם

**יעקב יודא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**יואל אברהם ראטענבערג**

וזוגתו

**גאלדא**

וילדיהם

**ארי', נפתלי נטע**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**אלחנן חיים רוטה**

וזוגתו

**נחמה אסתר**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל
משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי
ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת
דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שלמה רוטה**
וזוגתו
**פריידא הענדל גיטל**
וילדיהם
**נחמן נתן, מלכה**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק רוטנער**
וזוגתו
**חיה טשארנא רייזל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל
משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון בבני חיי
ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק משה מתתיהו**
**רייך**
וזוגתו
**מלכה לאה**
וילדיהם
**פערל, אשר, אברהם, שפרה**
**ליבא, אסתר פריידא, אליעזר**
**שלמה, פראדל**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אהרן שלמה שווארץ**
וזוגתו
**מרים ברכה**
וילדיהם
**אלכסנדר, שרה לאה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**חנניה יום טוב ליפא**
**שווארץ**
וזוגתו
**חי' ריזל**
וילדיהם
**לאה הענטשא, פערל, איסר,**
**מרדכי, יעקב מנחם מענדל,**
**שיינדיל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**מנחם שטיינבערג**
וזוגתו
**חי'**
וילדיהם
**אדל, אליעזר שלמה, יוטא,**
**שרה, יהושע**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**אברהם שטערן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

לזכות הוריו וכל משפחתו,
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**מנחם זאב שטערן**
וזוגתו
**עטל**
וילדיהם
**מלכה, שמואל מרדכי, יכט,**
**חיים יושע, אסתר פראדל,**
**פייגא, חי' דבורה, שלמה אליהו**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שלמה שטראה**

וזוגתו

**פראדל**

ובנם

**נחמן נתן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנחם זאב שטרול**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אלעזר צבי שניצלער**

וזוגתו

**מלכה הינדא**

וילדיהם

**נחמן נתן, יואל, יוטא, בת שבע**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל מנחם גרשון שניצלער**

וזוגתו

**מלכה מאטל מינדל**

וילדיהם

**שרה גיטל, גאלדא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.